STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03366

ZSHAN KRISTOF

Romain Rolland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

זשאַן קריסטאָף

צענטער באַנד

דער סוף פון וועג

פון פראַנצויזיש
אהרן מאַרק

ווילנע — 1931
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

ROMAIN ROLLAND
JEAN-CHRISTOPHE
1931

Drukarnia „Wydawn. Wileńskie“
B. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

בעת איך ענדיק דאָס דאָזיקע ווערק,
ווידמע איך עס די פרייע נשמות—
פון אלע פעלקער — וואָס ליידן, וואָס קעמפן
און וואָס וועלן זיגן.

ר. ר.

פאָרוואָרט צום לעצטן בוך
פון „זשאַן קריסטאָף".

איך האָב אָנגעשריבן די טראַגעדיע פון אַ דור, וואָס האַלט ביים אונטערגיין. איך האָב זיך נישט באַמיט צו באַהאַלטן נישט זיינע חסרונות און נישט זיינע מעלות, נישט דעם טרויער, וואָס דערשלאָגט אים, נישט זיין שטאָלץ, וואָס ער טראָגט העלדיש זיינע ליידן — אַן איבערמענטשלעכע אויפגאַבע צו שאַפן אינגאַנצן אַ נייע וועלט: אַ מאָראַל, אַן עסטעטיק, אַ גלויבן, אַ נייע מענטשהייט, — אָט אַזעלכע זענען מיר געווען.

איר, מענטשן פון היינט, איר יונגע מענטשן, איצט איז די ריי אויף אייך! טרעט איבער אונזערע קערפער צו די פאָדערשטע רייען. זייט גרעסער און גליקלעכער ווי מיר. איך אַליין געזעגן זיך מיט דעם, וואָס איז געווען מיין נשמה. איך וואַרף זי אַוועק הינטער זיך, ווי אַ פוסטע שאָל. דאָס לעבן איז אַ קייט פון טויטן און תחית־המתימס. לאָמיר שטאַרבן, קריסטאָף, כדי מיר זאָלן ווידער געבוירן ווערן.

ראָמען ראָלאַן

דאָס לעבן פאַרגייט. קערפּער און נשמה פליסן אַהין, ווי אַ שטראָם. די יאָרן שניידן זיך איין אין דעם האָלץ פון די אַלט-ווערנדיקע בוימער. די גאַנצע וועלט פון פאָרמען ווערט אָפּגענוצט און באַנייט זיך ווידער. דו אַליין נאָר פאַרגייסט נישט, אומשטערבלעכע מוזיק. דו ביסט דער ים פון די האַרץ-טיפענישן. דו ביסט די אינערלעכסטע נשמה. אין דיינע קלאָרע אויגן שפּיגלט זיך דאָס טונקעלע פּנים פון לעבן. ווייט פון דיר, גלייך אַ פליענדיקער וואָלקן, פליט דער צוג פון די הייסע, קאַלטע אָדער פיבערנדיקע טעג, געטריבן פון דער זאָרג און אָן דויער. דו אַליין פאַרגייסט נישט, דו געפינסט זיך אויסער דער וועלט. דו ביסט אַ וועלט פאַר זיך. דו האָסט דיין זון, דיינע געזעצן, דיין צופלוס און אָפּפלוס. אין דיר איז דער פרידן פון די שטערן, וואָס שניידן אַדורך אין דער נאַכט דאָס הימלשע פעלד, — זילבערנע אַקערס, געפירט מיט דער זיכערער האַנט פון אַן אומגעזעענעם לאַנד-אַרבעטער.

מוזיק, דו צאַרטע, ווי גוט עס ווירקט דיין לבנה-שיין אויף די אויגן, וואָס זענען מיד געוואָרן פון דעם שאַרפן גלאַנץ פון דער זון! די נשמה, וואָס קען דאָס לעבן, ווענדט זיך אָפּ פון דעם אַלגעמיינעם טרינק-אָרט, ווו די מענטשן, בעת זיי ווילן טרינקען, טרעטן מיט די פיס אין בלאָטע. זי איילט צו דיין בוזים און זויגט פון דיין ברוסט די פרישע שפע פון טרוים; מוזיק, יונגפרוילעכע מוטער, וואָס טראָגט אַלע ליידנשאַפטן אין איר אומבאַרירטן לייב, וואָס באַהאַלט גוטס און שלעכטס אין דעם וואַסער פון אירע אויגן, אין דעם טראָסטינע-פאַרביקן, בלאַס-גרינעם וואַסער, וואָס קומט פון די גלעטשערס. דו שטייסט איבערן שלעכטס, דו שטייסט איבערן גוטס. ווער עס זוכט אין דיר

אַ שוץ. לעבט אויסער די יאָרהונדערטער, די צאָל פון זיינע טעג וועט זיין ווי איין איינציקער טאָג, וואָס נאָגט אויס אַלץ און פאַר־לירט איבער אים זיין מאַכט.

מוזיק, וואָס דו וויגסט מיין פאַרחלומטע נשמה! מוזיק, וואָס .. האָסט מיך ווידער געמאַכט פאַר אַ פעסטן, רויקן און פריילעכן, מיין ליבע און מיין לעבן, — איך קוש דיינע ריינע ליפּן. איך באַהאַלט מיין פּנים אין דיינע גאָלדענע האָר, איך לייג מיינע ברענענדיקע וויעס אין דיינע ווייכע הענט. מיר שווייגן. אונזערע אויגן זענען פאַרמאַכט, — און דאָך זע איך דאָס נישט־אויסגעלאָשענע ליכט פון דיינע אויגן, און דאָך טרינק איך דעם שמייכל פון דיינע שטומע ליפּן. און צוגעטוליעט צו דיין האַרצן, הער איך דעם פולס פון דעם אייביקן לעבן.

קריסטאָף האָט מער נישט געציילט די פליענדיקע יאָרן. אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן איז גערונען דאָס לעבן. אָבער זיין לעבן איז געווען ערגעץ אַנדערש. ער האָט מער נישט געהאַט קיין געשיכטע. זיין געשיכטע איז דאָס ווערק, וואָס ער שאַפט. דער אומאויפהערלעך־שטראָמענדיקער געזאַנג פון דער מוזיק האָט אָנגעפילט זיין נשמה און געמאַכט זי נישט־עמפּינדלעך פאַרן טומל פון דער אויסערלעכער וועלט.

קריסטאָף האָט געזיגט. זיין נאָמען איז געוואָרן באַרימט. נאָר ס׳איז אָנגעקומען די עלטער. זיינע האָר זענען געוואָרן ווייס. דאָס טוט אים נישט וויי. זיין האַרץ בלייבט שטענדיק יונג. ער האָט נישט פאַרלוירן גאָרנישט פון זיין קראַפט און פון זיין גלויבן, ער האָט ווי־דער געפונען די רו, אָבער נישט די זעלבע, וואָס ער האָט געהאַט, איידער ער איז אַדורכגעגאַנגען דורך דעם ברענענדיקן דאָרן. אין אים ציטערט די אָנרעגונג. צוליבן שטורם און צוליב דעם בליק אין תּהום אַריין, וואָס דער צעכוואַליעטער ים האָט פאַר אים אויפגעעפנט. ער ווייסט, אַז קיינער טאָר זיך נישט רימען, אַז ער איז דער האַר איבער זיך אַליין, ווייל דאָס איז נאָר גאָט, וואָס פירט־אָן מיט די קאַמפן. צוויי נשמות האָבן געלעבט אין זיין ברוסט: איינע איז געווען אַ

הויכלאַנד, פֿול מיט ווינטל און וואָלקנס, די צווייטע, וואָס האָט יענע באַהערשט, איז אַ שניי־באַרג־שפּיץ, וואָס באָדט זיך אין ליכט. לאַנג בלייבן קאָן מען דאָרט נישט, אָבער ווען מען כאַפּט אַ ציטער פֿון די נעפּלען אין דער נידער־לאַנד, קאָן מען דעם וועג, וואָס פֿירט צו דער זון. אין זיין פֿאַרנעפּלטער נשמה איז קריסטאָף נישט געווען איינזאַם. ער האָט געפֿילט די נאָענטקייט פֿון דער אומגעזעענער פֿריינדין, — די שטאַרקע הייליקע סעסיליאַ, וואָס הערט מיט גרויסע רויִקע אויגן די הימלישע כאָרן און ווי דער אַפּאָסטאָל פּויל אויף ראַפֿאַעלס בילד, וואָס שטייט שווייגנדיק אָנגעשפּאַרט אויף זיין שווערד, — אַרט אים שוין קיין זאַך נישט, ער טראַכט שוין נישט מער וועגן קאַמף. ער טרוימט און וועבט זיין טרוים.

אין יענעם פּעריאָד פֿון זיין לעבן האָט ער קודם־כל געשריבן קאָמפּאָזיציעס פֿאַר פּיאַנינאָ און קאַמער־מוזיק. אין דעם האָט מען מער פֿרייהייט און מוט. עס זענען דאָ ווייניקער צווישן־מדרגות צווישן דעם געדאַנק און זיין פֿאַרווירקלעכונג: ווייל דער געדאַנק האָט נישט געהאַט קיין צייט אונטערוועגס אָפּגעשוואַכט צו ווערן. פֿרעסקאָבאַלדי, קופּרען, שובערט און שאָפּען האָבן מיט דער דרייסטקייט פֿון זייער אויסדרוק און סטיל איבערגעיאָגט מיט פּופֿציק יאָר די רעוואָלוציאָנערן פֿון אָרקעסטער. פֿון דעם מוזיקאַלישן טייג, וואָס קריסטאָפֿס הענט האָבן געקנעטן, זענען אַנטשטאַנען ביז דעמאָלט אומבאַקאַנטע מוזיקאַלישע ווערק, איבעראַשנדיקע אַקאָרדן, אָנגעהויבן זיך פֿון די ווייטסטע טאָן־פֿאַרבינדונגען, וועלכע זענען נאָך עמפּינדלעך פֿאַר דעם אויער פֿון דעם היינטיקן מענטשן. זיי האָבן געווירקט אויפֿן גייסט, ווי אַ הייליקער צויבער. — אָבער דאָס פּובליקום האָט געדאַרפֿט האָבן צייט זיך צוגעוווינען צו די דאָזיקע אוצרות, וואָס אַ גרויסער קינסטלער האָט אַרונטערטויכנדיק אַרויפֿגעבראַכט פֿון ים־גרונט. זייער ווייניק מענטשן זענען מיטגעגאַנגען מיט קריסטאָפֿן אין דער דרייסטקייט פֿון זיינע לעצטע קאָמפּאָזיציעס. זיין רום איז געווען גרויס נאָר צוליב זיינע ערשטע ווערק. דאָס געפֿיל פֿון נישט פֿאַרשטאַנען ווערן ווערט נאָך פֿיינלעכער בעת אַן ערפֿאָלג, ווי בעת אַ דורכפֿאַל, ווייל דאָס דערשיינט, ווי אַ פֿאַקט, וואָס מען קאָן אים שוין נישט אויסהיילן, דאָס דאָזיקע געפֿיל, אָט די קרענקלעכע נייגונג זיך צוריקצוציען פֿון דער וועלט, האָט זיך נאָך פֿאַרטיפֿט ביי קריסטאָפֿן זינט דעם טויט פֿוז זיין איינציקן פֿריינט.

דערווייל האָבן זיך ווידער געעפנט פאַר אים די טויערן פון דייטשלאַנד. אין פראַנקרייך זענען זיינע טראַגישע איבערלעבונגען פאַרגעסן געוואָרן. ער האָט איצט געקאָנט ווּינען, ווו ער האָט געוואָלט אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר די זכרונות, וואָס האָבן געוואַרט אויף אים אין פאַריז. און הגם ער איז געקומען אויף עטלעכע חדשים קיין דייטשלאַנד, הגם ער איז דאָרט געפאָרן פון צייט צו צייט צו דיריזשירן מיט זיינע ווערק, איז ער דאָרט נישט געבליבן. צופיל זאַכן האָבן אים ווי געטון, זאַכן, וואָס זענען געווען נישט בלויז קיין דייטשע אייגנשאַפט, ער האָט זיי געפונען אויך ערגעץ אַנדערש. אָבער מען שטעלט דעם אייגענעם פאָטערלאַנד גרעסערע פאָדערונגען, ווי אַן אַנדערן, און מען ליידט גיכער צוליב זיינע חסרונות. אגב, האָט דייטשלאַנד באמת געטראָגן אויף זיך די שווערסטע לאַסט פון זינד אין אייראָפּע. ווען מען זיגט, איז מען דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך, ווייל מען ווערט דעם באַזיגטנס בעל-חוב. שטילשווייגנדיק נעמט מען איבער די התחייבות צו גיין פאַר זיי פאָרויס, צו ווייזן זיי דעם וועג. דער זיגערישער לואי XIV האָט געבראַכט אייראָפּע דעם גלאַנץ פון פראַנצויזישן אינטעלעקט. וואָס פאַר אַ ליכט האָט געברענגט דייטשלאַנד פון סעדאַן? דאָס בליצן פון באַיאָנעטן? אַ געדאַנקען-וועלט אָן שווונג, מעשים אָן גרויסהאַרציקייט, אַ ברוטאַלן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט; וועלכן מען קאָן אפילו נישט פאַרענטפערן דערמיט, וואָס ער איז אַן אייגנשאַפט פון דעם געזונטן מענטשן; דער כוח פון פויסט, פאַרייניקט מיט דער גיריקייט פון רווח: מאַרס אַלס געשעפטסרייזנדער. פערציק יאָר האָט זיך אייראָפּע אַ דערשראָקענע געשלעפט דורך דער נאַכט. די זון איז געווען באַהאַלטן אונטער דעם העלם פון דעם זיגער. אויב באַזיגטע, וואָס זענען צו שוואַך אויפצוהויבן דעם העלם, פאַרדינען נאָר אַ ביסל פאַראַכטונג געמישט מיט מיטלייד, — היינט וואָס פאַר אַ געפיל דערוועקט שוין דער מאַן מיטן העלם?

די לעצטע צייטן האָט מען גענומען אָנזאָגן אַ נייעם טאָג. דורך די שפאַלטן איז אַריינגעדרונגען אַ ביסל ליכט. כדי צו זיין איינער פון די ערשטע צו זען דעם זונאויפגאַנג, איז קריסטאָף אַנטלאָפן פון דעם קרייז פון די העלמען, און האָט זיך נערן צוריקגעקערט אין דעם לאַנד, ווו ער איז אַמאָל געווען אַ געצוווּנגענער גאַסט: אין דער שווייץ. ווי פיל גייסטער פון יענער צייט, וואָס האָבן געבענקט צו דער פרייהייט און האָבן נישט פאַר-

טראָגן די לופט פון די פּײנטלעכע פעלקער, האָט ער געזוכט אַ ווינקל
אויף דער ערד, וווּ מען זאָל קאָנען שטײן איבער אײראָפּע און קאָ-
נען אָטעמען. אַמאָל, אין געטהעס צײטן, איז רוים פון די פרײַע
פויפסטן געווען דער אינזל, וווּ ס׳האָבן זיך באַהאַלטן די געדאַנקען
פון יעדער ראַסע, ווי די פויגל, וואָס זוכן אַ באַהעלטעניש פון דעם
שטורם. וואָס פאַר אַ מקלט איז עס הײַנט געוואָרן? דער ים האָט פאַרגאָסן
דעם אינזל. רוים איז נישט מער די זעלבע. די פויגל זענען זיך צע-
לאָפן פון די זיבן-בערגלעך. — עס זענען געבליבן נאָר די אַלפּן. דאָרט,
אין מיטן דער תּאווהדיקער אײראָפּע, האַלט זיך נאָך (ווי לאַנג נאָך?)
דאָס לאַנד פון די פיר און צוואַנציק קאַנטאָנען. עס שטראַלט נישט,
וואָס אַן אמת, מיט דער צויבער-ליכט פון דער אײביקער שטאָט. די
געשיכטע האָט דאָרט נישט אָנגעזעטיקט די ליכט, מיט וועלכע מען
אָטעמט, מיטן דופט פון די געטער און העלדן. אָבער פון דער נאַ-
קעטער ערד דערהויבט זיך אַ מעכטיקע מוזיק. די ליניעס פון די
בערג לויפן אין העלדישע ריטמען און מער ווי ערגעץ אַנדערש פילט
מען דאָ די באַרירונג מיט די עלעמענטאַרע כּוחות. קריסטאָף האָט
נישט געזוכט בײַ זײ קײן ראָמאַנטישן פאַרגעניגן. אַ פעלד, אַ פּאָר
בוימער, אַ קוואַל, דער װײטער הימל, זענען אים גענוג געווען צו
לעבן, דאָס רויקע בילד פון יענער היים איז אים געשטאַנען אינער-
לעך נענטער, ווי די גיגאַנטישע אַלפּן-וועלט. ער האָט אָבער נישט
געקאָנט פאַרגעסן, אַז דאָ האָט ער צוריק געפונען זײַן קראַפט. דאָ
האָט זיך אים גאָט אַנטפּלעקט אין דעם ברענענדיקן סנה, ער האָט
זיך שטענדיק אומגעקערט אַהין מיט אַ שוידער פון דאַנקבאַרקײט און
גלויבן. ער איז נישט געווען דער אײנציקער. וויפל לעבנסקעמפער,
וואָס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן פון לעבן האָבן אויף דעם דאָזיקן
באָדן געפונען די נויטיקע קראַפט ווידער אויפצונעמען דעם קאַמף
און נאָכאַמאָל צו גלויבן אין אים.

בעת ער האָט געלעבט אין דעם דאָזיקן לאַנד האָט ער עס
דערקענט. ס׳רוב רײזנדע זעען אין אים נאָר משונהדיקע זאַכן: די
מגפה פון האָטעלן, וואָס פאַרנעמט די שענסטע געגנטן פון דער דאָ-
זיקער קרעפטיקער ערד, די קור-ערטער, די ריזיקע מאַגאַזינען, וווּ
דאָס זאַטע פאָלק פון דער גאַנצער וועלט קומט קויפן זײַן געזונט,
זײַנע אומגעהויערע מאָלצײַטן, די מאַסן פלײש, וואָס מען וואַרפט
אַרײַן אין דעם דאָזיקן שטײַג פון רויב חיות, די קאַסינאָ-קאָנצערטן-

וואָס זייער טומל מישט זיך צענויף מיטן רעש פון די שפיל־טישן. די איטאַליענישע לצים. וואָס ביי זייער שרעקלעכן געשריי טוען זיך אָן די רייכע לאַנגווייליקע נאַראָנים פאַרשידענע פאַרגעניגנס; דער אומזין פון די שוי־פענסטער: בערן פון האָלץ, הייזלעך און אַנדערע נאַרישקייטן, וואָס חזרן זיך איבער אָן אויפהער, די סקאַנדאַל־בראָשורן אין די בכבודיקסטע בוכהאַנדלען — דעם גאַנצן נידעריקן, זיטלעכן מצב פון יענע ערטער, וווהין עס קומען יעדעס יאָר מיליאָנען ליידיקגייער אומפעיק צו געפינען זיך פאַרווייַלונגען, וואָס זאָלן שטיין העכער פונם המון און דאָך זיין נישט וויניקער לעבעדיק.

זיי ווייסן גאָרנישט וועגן לעבן פון דעם פאָלק, ביי וועלכן זיי זענען צו גאַסט. זיי שטעלן זיך אַפילו נישט פאָר די אוצרות פון זיטלעכער קראַפט און בירגערלעכע פרייהייט, וואָס האָבן זיך אין אים אָנגעזאַמלט זינט הונדערטער יאָרן. גאָרנישט וועגן די קוילן, וואָס גליען נאָך נאָכן פייער פון אַ קאַלווין אָדער צווינגלי אונטערן אַש; גאָרנישט וועגן דעם שטאַרקן דעמאָקראַטישן גייסט, וועלכן די נאַפּאָלעאָנישע רעפּובליק וועט קיינמאָל נישט אָנערקענען; גאָרנישט וועגן די איינפאַכע איינריכטונגען, וועגן דער גרויסקייט פון די סאָציאַלע ווערק; נישט וועגן דעם ביישפּיל, וואָס עס גיבן די מלוכות פון דער וועלט, די פאַרייניקטע שטאַטן פון די דריי גרויסע פעלקער אין מערב— דאָס מיניאַטור־בילד פון דער צוקונפטיקער אייראָפּע, נאָך וויניקער ווייסן זיי וועגן דער דאַפנע, וואָס באַהאַלט זיך אונטער דער האַרטער קאָרע, מיט די העלע און פרייע חלומות פון אַ בעקלין, דאס רויע העלדיטום פון אַן אָדלער. די פריילעך־ערנסטע פּנימער און דער אומעט פון אַ גאָטפריד קעלער; אָדער די לעבעדיקע טראַדיציע פון די גרויסע פאָלקס־ימים טובים, וואָס זענען ווי פרילינגזאַפט אין וואלד; זיי ווייסן גאָרנישט וועגן דער גאַנצער נאָך יונגער קונסט, וואָס האָט טיילמאָל דעם געשמאַק פון פּרוסט־קערנער. אַמאָל פון ווילדע באַרנעס, טיילמאָל דעם זיסלעכן טעם פון שוואַרצע יאַגדעס, אָבער פאַרבונדן מיט דער ערד. זיי ווייסן גאָרנישט וועגן דער שאַפונג פון די אויטאָדידאַקטן, וואָס אַן אָוראַלטע קולטור שיידט זיי נישט אָפּ פון זייער פאָלק; ווייל זיי לייענען צוזאַמען מיט אים אין דעם זעלבן בוך פון לעבן.

קריסטאָף האָט געפילט אַ סימפּאַטיע צו די דאָזיקע מענטשן, וואָס זעען־אויס, לפנים, באַשיידענער, ווי זיי ווילן זיין, און וואָס באַ-

"אַלטן אונטערן נייעם לאָך פֿון אַן איבער־מאָדערנעם אינדוסטרי־גייסט, דערפֿרישנדיקע שטריכן פֿון דער אַלטער פֿויערישער און בירגערלעכער אייראָפּע. ער האָט געהאַט צווישן זיי אַ צוויי אָדער דריי גוטע פֿריינט, וואָס האָבן פֿייערלעך־ערנסט און טריי געלעבט איינזאַם און פֿאַרשלאָסן אין דער בענקשאַפֿט נאָך דער פֿאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן זיך צוגעקוקט מיט אַ מין רעליגיעזן פֿאַטאַליזם און קאַלוויניסטישן פּעסעמיזם, ווי עס פֿאַרשווינדט פּאַמעלעך די אַלטע שווייץ: דאָס זענען געווען גרויסע אָבער פֿאַראומערטע נשמות. קריסטאָף האָט זיי זעלטן געזען. זיינע אַלטע וווּנדן זענען פֿאַרהיילט געוואָרן. אָבער זיי זענען געווען צו טיף צו קאָנען פֿאַרהיילט ווערן אינגאַנצן. ער האָט מורא געהאַט זיך ווידער צו פֿאַרבינדן מיט מענטשן. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר דער קייט פֿון בענקשאַפֿט און ליידן. גראָד דערפֿאַר האָט ער זיך געפֿילט גוט אין אַ לאַנד, ווו ער האָט לייכט געקאָנט לעבן אָן אַ זייט, ווי אַ פֿרעמדער צווישן פֿרעמדע. איבעריקנס איז ער זעלטן פֿאַרבליבן אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט. ער איז כּסדר אַרומגעפֿאָרן: ווי אַן אַלטער וואַנדער־פֿויגל, וואָס דאַרף האָבן אַסאַך שטח און וואָס זיין מלוכה איז די לופֿט... „מיין מלוכה איז אין דער לופֿטן"...

אַ זומער־אָוונט.

ער האָט געוואַנדערט אויף די בערג איבערן דאָרף. ער האָט געטראָגן דעם הוט אין דער האַנט און געשפּרייזט אויף אַ וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט און געדרייט באַרג־אַרויף. אויף אַ געוויסן פּאַס, צווישן צוויי אָפּהאַנגען, איז זיך דער וועג צוגאַנגען אין צוויי ריכטונגען. פֿון ביידע זייטן זענען געוואַקסן נוס־קוסטעס און טענענבוימער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער געפֿינט זיך אין אַ קליינער אָפּגעשלאָסענער וועלט. אויף רעכטס און אויף לינקס האָט זיך דער וועג געענדיקט, אָפּגעשניטן דורכן חלל, איבער אים — בלויע ווייטקייטן, אַ לייכטנדיקע לופֿט. דער אָוונט־פֿרידן איז פּאַמעלעך אַראָפּגעזונקען, ווי אַ וואַסער־שטראָם, וואָס פֿליסט לאַנגזאַם אונטערן מאָך

זיי האָבן זיך ביידע גלייכצייטיק באַוויזן, יעדערער אויפֿן

עגנאיבער ליגנדיקן וועג. זי איז געווען אָנגעטון אין שוואַרצן און איר סילועט האָט זיך אויסגעשניטן אויף דער קלאָרקייט פון דעם הימל. הינטער איר האָבן צוויי קינדער צווישן זעקס און אַכט יאָר זיך גע־שפּילט, אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע. זיי האָבן געפּליקט בלומען. עס־לעכע טריט איינער פון צווייטן האָבן זיי זיך דערקענט. זייערע אויגן האָבן פאַרראַטן דעם שטאַרקן איינדרוק, עס איז אָבער נישט געפאַלן קיין הויך וואָרט, נאָר עפּעס אַן אומבאַמערקטע באַוועגונג. ער איז געווען זייער צעטומלט, און אירע ליפּן האָבן אַ ביסל געציטערט. זיי זענען געשטאַנען שטיל. כמעט פליסטערנדיק האָט ער אַרויסגערעדט:

— גראַציאַ!

— איר, דאָ?

זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט און געבליבן שטיין שווייגנ־דיק. זי האָט די ערשטע איבערגעריסן די שטילקייט. זי האָט אים געזאָגט, ווו זי וווינט און געפרעגט זיין אַדרעס. זיי האָבן קוים גע־הערט די מעכאַנישע פראַגן און תשובות, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען ערשט שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך צעשיידט. זיי זענען געווען פאַר־טיפט איינער אין אַנדערנס פּנים. דערווייל זענען צוגעקומען די קינ־דער, זי האָט זיי פאָרגעשטעלט, ער האָט געפילט צו זיי אַ פיינט־לעך געפיל. ער האָט זיי בייז אָנגעקוקט און גאָרנישט גערעדט. ער איז געווען פאַרנומען נאָר מיט איין זאַך, צו באַטראַכטן איר שיין, אַ ביסל ליידנדיק פאַרעלטערט פּנים. זי איז צעטומלט געוואָרן אונ־טער זיין בליק און געזאָגט:

— אפשר וועט איר קומען צו מיר היינט אין אָוונט?

זי האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון האָטעל.

ער האָט געפרעגט, ווו עס איז איר מאַן.

זי האָט אים אָנגעוויזן אויף אירע טרויער־קליידער, ער איז געווען צו שטאַרק געריהרט, כדי ווייטער צו פירן דעם שמועס. אומ־געשיקט האָט ער זיך געזעגנט. אָבער ווען ער האָט שוין געמאַכט אַ פּאָר שריט, האָט ער זיך אומגעקערט, צוגעגאַנגען צו די קינדער, וואָס האָבן געקליבן יאַגעדעס, האַסטיק זיי אַרומגענומען, געקושט און אַנטלאָפן.

אין אָוונט איז ער געקומען אין האָטעל. זי איז געזעסן אונ־טער דער גלאָז־וועראַנדע. זיי האָבן זיך געזעצט אין אַ זייט. ווייניק מענטשן, נאָר אַ צוויי דריי אַלטע לייט, — אָבער קריסטאָפן האָט

זייער געגנוואַרט אַ ביסל אויפגערעגט. גראַציאַ האָט אויף איס גע־קוקט און ער אויף איר. ער האָט אָן אויפהער איבערגעחזרט איר נאָמען.

— כ׳האָב זיך זייער געענדערט, נישט אמת? — האָט זי גע־פרעגט.

ער איז געווען גערירט.

— איר האָט געליטן, — האָט ער געזאָגט.

— איר אויך. — האָט זי מיט מיטלייד געענטפערט און באַ־טראַכט זיין פנים, וואָס איז געווען אויסגעמאַטערט פון ליידן און ליידנשאַפטן.

זיי האָבן מער נישט געפונען קיין ווערטער.

— איך בעט אייך. — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט, — לאָמיר גיין ערגעץ אַנדערש. וואָלטן מיר נישט געקאָנט רעדן אין אַן אָרט, ווו קיינער וועט אונז נישט שטערן?

— ניין, מיין פריינט, לאָמיר בלייבן דאָ. דאָ איז אונז באַק־וועם. ווער קוקט זיך אום אויף אונז?

— איך קאָן דאָ נישט רעדן פריי.

— ס׳איז גלייכער.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. שפּעטער, ווען ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט אין זכרון דעם דאָזיקן שמועס, האָט ער געטראַכט, אַז זי האָט צו אים קיין צוטרוי נישט געהאַט. אָבער זי האָט נאָר געפילט אָן אינסטינקטיווע שרעק פאַר האַסטיקע סצענעס. נישט אָפּגעבנדיק זיך דערפון קיין דין וחשבון, האָט זי זיך געוווּנטשט אַ פאַרטיידיקונג קעגן די איבעראַשונגען פון זייערע הערצער. יאָ. זי האָט אַפילו ליב געהאַט, בעת אַזאַ פריינטלעכן שמועס, דעם צוואַנג פון האָטעל־סאַלאָן, וואָס האָט פאַרבאָרגן איר אינערלעכע אומבאַ־האָלפנקייט.

שטיל, איבעררייסנדיק מיט אָפטן שווייגן, האָבן זיי דערציילט איינער דעם צווייטן אין אַלגעמיינע שטריכן זייערע געשיכטעס. גראַף בערעני איז מיט עטלעכע חדשים צוריק דערהרגעט געוואָרן אין אַ דועל; און דערפון, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט קריסטאָף פאַרשטאַ־נען, אַז זי איז נישט געווען מיט אים גליקלעך. ס׳איז איר אויך געשטאָרבן דאָס ערשטע קינד. זי האָט אַליין געענדערט דעם שמועס

און אויסגעפרעגט קריסטאָפן די פּרטים פון זיין לעבן מיט אַ האַרציקן מיטגעפיל.

די גלאָקן האָבן אַ קלונג געטון, עס איז געווען זונטיק אין אָוונט. דאָס לעבן איז געבליבן שטיין.

זי האָט אים געבעטן, ער זאָל קומען צו איר אויך איבער־מאָרגן. ער איז געווען אומעטיק, וואָס זי איילט זיך נישט צו זען אים נאָכאַמאָל. אין זייז האַרצן האָבן זיך צוזאַמענגעמישט גליק און טרויער.

צומאָרגנס האָט זי אים געשריבן מיט עפּעס אַן אויסרייד, אַז ער זאָל קומען. די דאָזיקע געוויינלעכע ווערטער האָבן אים אַריינ־געבראַכט אין התפּעלות. דאָס מאָל האָט זי אים אויפגענומען אין איר פּריוואַטן סאַלאָן. זי איז געווען צוזאַמען מיט אירע ביידע קינדער. ער האָט זיי באַטראַכט מיט אַ געוויסן אומרו און מיט זייער פיל צערטלעכקייט. ער האָט איינגעפונען, אַז די קליינע, די עלטערע איז ענלעך צו דער מוטער. ער האָט נישט געפרעגט צו וועמען עס איז ענלעך דאָס יינגל. זיי האָבן געפלוידערט וועגן לאַנד, וועגן וועטער, וועגן ביכער, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש, — אָבער זייערע אויגן האָבן געפירט אַ גאַנץ אַנדערן שמועס. ער האָט געהאָפט, אַז עס וועט זיך אים איינגעבן צו רעדן מיט איר אַביסל פאַרטרוילעכער. אָבער גראָד איז אַריינגעקומען אַ האָטעל־באַקאַנטע. ער האָט געזען מיט וואָס פאַראַ ליבנסווירדיקע העפלעכקייט גראַציאַ האָט אויפגענומען די פרעמ־דע פרוי. זי האָט נישט געמאַכט קיין שום אונטערשיד צווישן אירע ביידע געסט. דאָס האָט אים פאַראומערט, אָבער נישט אַרויסגערופן קיין כּעס. זי האָט פאָרגעלעגט אַ שותּפותדיקן שפּאַציר. ער האָט מסכּים געווען. הגם יענע דאַמע איז געווען שיין און אינטערעסאַנט, האָט קריסטאָפן געלאַנגווייליקט איר געזעלשאַפט. דער טאָג איז אים פאַר געווען פאַרלוירן.

ער האָט ווידער געזען גראַציאַן אין צוויי טעג אַרום. אין משך פון די צוויי טעג האָט ער געלעבט נאָר מיט די שעהן, וואָס ער האָט געהאַט מיט איר צו פאַרברענגען. — אויך דאָס מאָל האָט זיך אים בעסער נישט איינגעגעבן. הגם זי איז געווען צו אים זייער האַרציק, איז זי אָבער כּסדר געווען צוריקגעהאַלטן. קריסטאָף איז אַליין שולדיק געווען, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט עטלעכע מאָל מיט דעם ריין גערמאַנישן אויסברוך פון געפילן, וואָס זענען איר גע־

ווען איבער דער טבע און וואָס קעגן זיי האָט זי זיך אינסטינקטיוו געווערט.

ער האָט אָנגעשריבן צו איר אַ בריוו. וואָס האָט זי גערירט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז אַזוי קורץ און אַז זייערע לעבנס זענען שוין אַזוי ווייט אַוועק, אַז ס'איז זיי שוין אפשר געבליבן ווייניק צייט צו פאַרברענגען. עס וואָלט געווען אַ ווייטיק און אפילו אַן עוולה, ווען זיי נוצן נישט אויס די געלעגנהייט זיך פרייער דורכצושמועסן.

זי האָט געענטפערט מיט אַ פּאָר האַרציקע שורות. זי האָט אים איבערגעבעטן, וואָס זי באַציט זיך צו אַלעמען מיט אַ געוויסן אומצוטרוי, זינט איר אומגליק; זי קאָן זיך נישט באַפרייען פון אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט; יעדער אויסברוך פון לעבעדיקן געפיל, אפילו ווען ס'איז אויפריכטיק, באַומרויקט זי און דערשרעקט. אָבער זי פילט דעם ווערט פון דער צוריקגעפונענער פריינטשאַפט און זי איז דערמיט פונקט אַזוי גליקלעך ווי ער. זי האָט אים געבעטן ער זאָל קומען צו איר אין אָוונט.

זיין האַרץ איז געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט. ער האָט זיך געלייגט אין זיין צימער אויפן בעט, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און געוויינט. דאָס איז געווען די אויסלייזונג פון די צען יאָר איינזאַמקייט, ווייל זינט אָליוויערס טויט איז ער געווען איינזאַם. דער דאָזיקער בריוו איז געווען פאַר אים די בשורה פון תחית־המתים. זיין האַרץ איז ווידער פול געוואָרן מיט צערטלעכקייט. נאָך וועלכע ער האָט אַזוי געבענקט. צערטלעכקייט! ער האָט געמוזט זיך אָפּגעוווינען פון דעם דאָזיקן געפיל. הײַנט האָט ער געפילט, ווי שטאַרק עס האָט אים געפעלט, און וואָס פאַר אַ ליבע עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זיין האַרץ.

זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען אַ גליקלעכן און הייליקן אָוונט... זיי האָבן געקאָנט רעדן נאָר וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, הגם זיי האָבן באַשלאָסן גאָרנישט צו באַהאַלטן. אָבער וויפל האָט ער איר אויסגעדריקט מיטן פּיאַנינאָ, צו וועלכן זי האָט אים איינגעלאַדן מיטן בליק, כדי ער זאָל צו איר רעדן! זי איז געוואָרן גערירט פון דער הכנעה פון דעם דאָזיקן מענלעכן האַרץ, וואָס זי האָט געקאָנט פאַר שטאָלץ און ליידנשאַפטלעך. ווען ער איז אַוועק, האָט דער שווייגנדיקער דריק פון זייערע הענט געזאָגט: אַז זיי האָבן זיך ווידער געפונען און

וועלן זיך שוין מער נישט פאַרלירן. — דער ווינט האָט זיך איינגע־שטילט, און אַ רעגן האָט גענומען פּאַלן. זיין האַרץ האָט געזונגען.

זי האָט געקאָנט בלייבן אין דעם אָרט נאָר נאָך עטלעכע טעג און זי האָט נישט אָפּגעלעגט איר רייזע אַפילו אויף איין שעה. ער האָט נישט קיין מוט זי צו בעטן אָדער זיך צו באַקלאָגן. דעם לעצטן טאָג זענען זיי געגאַנגען שפּאַצירן צוזאַמען מיט די קינדער. אין אַ געוויסן מאָמענט איז ער אַזוי פול געוואָרן פון ליבע און גליק, אַז ער האָט עס איר געוואָלט זאָגן. אָבער זי האָט אים איינגעהאַלטן מיט אַ לייכטער באַוועגונג און מיט אַ שמייכל, וואָס האָט באַדייט:

— קריסטאָף, איך פיל אַלץ, וואָס איר וואָלט מיר געקאָנט זאָגן.

זיי האָבן זיך געזעצט ביים סוף וועג, ווו זיי האָבן זיך גע־טראָפן צום ערשטן מאָל. מיט אַ שמייכל האָט זי באַטראַכט דעם טאָל, וואָס איז געלעגן צו פוסנס, נאָר זי האָט דעם טאָל נישט געזען. ער האָט באַטראַכט איר ליב פנים, אויף וועלכן עס זענען געלעגן די שפורן פון אירע צרות. אין די געדיכטע שוואַרצע האָר האָבן זיך באַוויזן ווייסע פעדים. ער האָט געפילט באַוווּנדערונג, פול מיט מיט־לייד און ליידנשאַפט צום דאָזיקן קערפּער, וואָס איז אויסגעשטאַנען אַזוי פיל גייסטיקע יסורים. די נשמה האָט כסדר אַרויסגעקוקט פון די דאָזיקע צייט־סטיגמאַטן. — און ער האָט איר שטיל, מיט אַ ציטע־ריקער שטים, ווי אַ טייערן אוצר, געבעטן איינעם פון אירע ווייסע האָר.

זי איז אַוועקגעפאָרן, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי האָט זיך נישט איי געאָרדנט אַזוי, אַז ער זאָל זי באַגלייטן. ער האָט נישט געצווייפלט אין איר פריינדשאַפט. אָבער איר צוריקגעהאַלטנ־קייט האָט אים אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. ער האָט מער נישט געקאָנט בלייבן קיין צוויי טעג אויפן זעלבן אָרט, און ער איז אָפּגע־פאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט געפּרוווט אָפּציען זיין אויפ־מערקזאַמקייט אויף נסיעות און אַרבעט. ער האָט אָנגעשריבן צו גראַציאַן. זי האָט אים געענטפערט אין אַ צוויי אָדער דריי וואָכן

אַרום אַ קורצן בריוו, פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגערעדט אַ רויקע פריינדשאַפט, אָן אומגעדולד, אָן אומרו. ער האָט געליטן צוליב דעם און גלייכצייטיק ליב געהאַט די דאָזיקע בריוו, ער האָט זיך נישט געפילט באַרעכטיקט צו מאַכן איר פאָרווורפן, זייער סימפּאַטיע איז געווען צו פריש, צו קורץ באַנייט! ער האָט געציטערט טאָמער פאַר־לירט ער זי, און דאָך האָט יעדער בריוו. וואָס איז פון איר געקומען, געאָטעמט מיט אַזאַ רויקער האַרציקייט, אַז זי האָט אים אָנגעפולט מיט גלויבן און זיכערקייט... אָבער זי איז געווען אַזוי אַנדערש פון אים !...

זיי האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן סוף האַרבסט אין רוים. אָן דער האָפנונג זי ווידער צו זען האָט די רייזע נישט געהאַט פאַר קריסטאָפן קיין שום רייץ, זיין לאַנגע איינזאַמקייט האָט געמאַכט פון אים אַ באַזעצטן מענטשן, אַלע אומנוצלעכע אָרט־ענדערונגען, וועלכע ס׳האָט ליב דער פיבערדיקער לייַדיקגייער פון דער מאָדערנער מענטש־הייט, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. דעריבער האָט אים נישט געצויגן קיין איטאַליען. ער האָט געקענט נאָר די געמיינע מוזיק נאָר פון די ווערישטן און די טענאָר־אַריעס, צו וועלכע די ערד פון ווירגילי באַגייסטערט שטענדיק די רייזנדיקע ליטעראַטן. ער האָט גע־פילט צו איטאַליען די אומצוטרויִלעכע שנאה פון אַ קינסטלער, אַ וועג־זוכער, ווייל דער נאָמען רוים האָט זיך ביי אים שטענדיק פאַרייניקט מיט די ערגסטע באַגריפן פון אַקאַדעמישער רוטין. אויסער דעם, האָט ער נאָך פאַרמאָגט דעם אינסטינקטיוון ווידערווילן, וואָס יעדער מענטש פון צפון פילט צום מענטשן פון דרום, אָדער לפּחות צום באַרעדעוודיקן, אָראַטאָרישן דרום־טיפּ. ווען ער האָט נאָר דערפון געטראַכט, האָט ער שוין געמאַכט אַ מינע פון עקל... ניין, ער האָט נישט געהאַט קיין שום חשק באַקאַנט צו ווערן מיטן פאָלק אָן מו־זיק — (ווייל וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט אין דער הייַנטיקער אייראָ־פּע די מאַנדאָלינען־קראַצעריי און דער מעלאָדראַמאַטישער געפילדער אין מוזיק ?) — אָבער גראַציאַ האָט געהערט צו דעם דאָזיקן פאָלק, און וווּהין, מיט וואָס פאַראַ וועגן וואָלט ער נישט געגאַנגען, כּדי זי ווידער צו געפינען ? ער וועט אַזוי לאַנג פאַרמאַכן די אויגן ביז ער וועט זיך מיט איר פאַרייניקן.

ער איז שוין געוווינט געווען צו פאַרמאַכן די אויגן. זינט פיל יאָרן זענען געווען אַראָפּגעריסן די לאָדנס פון זיין אינערלעך לעבן !

אין דעם דאָזיקן שפּעט-האַרבסט האָט מען זיי שוין נישט געדאַרפֿט עפֿענען. דריי וואָכן נאָכאַנאַנד האָט אָן אויפֿהער געגענט. און דער-נאָך האָבן גרויע געדיכטע נעפּלען אַרומגעהילט די שווייצאַרישע טאָלן, וואָס האָבן געשווידערט מיט זייער נאַסקייט. מען האָט זיך קוים דערמאָנט, ווי גוט די זון איז געווען. כדי ווידער צו געפֿינען אין זיך די אָנגעזאַמלטע קראַפֿט, האָט מען געמוזט מאַכן נאַכט און אונ-טער די פֿאַרמאַכטע וויעס אַראָפּשטייגן אין די טיפֿענישן פֿון די באַרג-גרובן, אין די אונטערערדישע שיכטן פֿון זיין טרוים. דאָרט איז אין קוילן געשלאָפֿן די זון פֿון די פֿאַרשטאָרבענע טעג. אָבער ווער ס'האָט זיין גאַנץ לעבן פֿאַרבראַכט איינגעבויגענערהייט ביים אויס-גראָבן, קומט אַרויס אויף דער וועלט אויסגעטרוקנט און איינגעדאַרט, מיט אַ שטייפֿן רוקן-ביין, שטייפֿע קני און פֿאַרגליווערטע, האַלב פֿאַר-שטיינערטע גלידער. און ער פֿאַרמאָגט דעם טריבן בליק און די אויגן פֿון אַ נאַכט-פֿויגל. קריסטאָף האָט טיילמאָל מיט שווערער מי אַרויס-געקראָגן און אַרויסגעטראָגן דאָס פֿייער פֿון די באַרג-גרובן, — און ער האָט נישט געקאָנט דערוואַרעמען דאָס פֿאַרפֿרוירענע האַרץ. אָבער די טרוימען פֿון צפֿון שמעקן מיט אויוון-היץ און שטוב-לופֿט. כּל זמן מען לעבט אין זיי פֿילט מען עס נישט. פֿאַרקערט. מען האָט ליב די דושנע וואַרעמקייט. מען האָט ליב די האַלב טונקלקייט און די חלומות אין צעהיצטן קאָפּ. מען האָט ליב דאָס, וואָס מען האָט, ווייל מען האָט קיין אַנדערע ברירה נישט...

ווען קריסטאָף, דרימלענדיק אין ווינקל פֿון קופּע, איז אַדורכגע-פֿאָרן דעם אַלפּן-טויער און דעם אומבאַפֿלעקטן הימל און דאָס דורכ-זיכטיקע ליכט, וואָס איז געגרונען איבער די זייטן פֿון די בערג, האָט ער געגלויבט, אַז דאָס איז אַ חלום. היינטערן מויער האָט ער אויך פֿאַרלאָזן אַ בלייכן הימל, אַ באַגינען. די ענדערונג איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט אין דעם ערשטן מאָמענט געפֿילט מער אי-בעררראַשונג, ווי פֿרייד. ער האָט געמוזט האָבן אַ געוויסע צייט פֿאַ-מעלעך צו באַרויקן זיין פֿאַרשיכורטע נשמה. עס האָט געדויערט לאַנג, איידער עס איז צוגעגאַנגען דאָס אייז, און דאָס האַרץ האָט זיך באַ-פֿרייט פֿון דער טונקעלער פֿאַרגאַנגענהייט. אָבער וואָס ווייטער דער טאָג איז געגאַנגען, אַלץ ווייכער האָבן אים אַרומגענומען די אָרעמס פֿון ליכט. ער האָט פֿאַרגעסן אָן אַלץ. דורשטיק געטרונקען דעם תּענוג און זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן.

איר פלאַכלענדענער פון מאַי לאַנד! דו אויג פונם טאָג, וואָס שפּיגלט זיך אין די בלוילעכע פעלדער, וואָס זייערע אָדערן שניידן אַדורך די ריי-זפעלדער! הערבסט-בוימער מיט מאָגערע און שלאַנקע קערפּער פול מיט רויט-פעדערדיקע בוקעטן. בערג פון ווינטשי, שנייאיקע אַלפּן מיט צאַרטן גלאַנץ, וואָס זייערע באַוועגלעכע ליניעס נעמען אַרום דעם האָריזאָנט, באַפּראַנזט פונרויט, אָראַנזש, גרינגאָלד און בלאַסן הימל-בלוי. דער אומעט זינקט אַראָפּ איבער די אַפּענין-בערג. און ווען מען איז אונטן, טרעפט אייך פלוצלינג ווי אַ קוש, דער ריח פון ים און אָטעם פון די אראַנזשבוימער. דער ים, דער לאַטייניִשער ים מיטן ליכט ווי פון אָפּאַלן, אין וועלכן עס שוועבט שלאָפנדיק דער געדויש פון קליינע שיפלעך מיט צעשפּרייטע פליגל...

דער צוג איז געבליבן שטיין אויפן ברעג-ים ביי אַ פישער-דאָרף. מען האָט דערקלערט די רייזנדע, אַז צוליב די לאַנגע רעגנס איז אין אַ טונעל אויפן וועג פון גענואַ קיין פּיזאַ איינגעפאַלן דער געוועלב. אַלע צוגן האָבן געמוזט בלייבן שטיין אויף עטלעכע שעה. קריסטאָף, וואָס האָט געהאַט אַ בילעט דירעקט קיין רוים, איז געווען ענטציקט פון דעם דאָזיקן צופאַל, וואָס האָט ביי די איבעריקע רייזנ-דע אַרויסגערופן כּעס און פּראָטעסט. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון צוג און אויסגענוצט די געלעגנהייט צו גיין זען דעם ים, וואָס האָט אים געצויגן צו זיך. ווען עס האָט זיך געהערט אין אַ פּאָר שעה אַרום דער פייף פון אָפגייענדיקן צוג, איז קריסטאָף געזעסן אין אַ שיפל און האָט געשריגן צו די פאַרבייפאָרער „אַ גליקלעכע רייזע״.

ער האָט זיך געלאָזט וויגן אויפן ים אַ גאַנצע לויכטנדיקע נאַכט, לענג אויס די שמעקנדיקע בערג, וואָס זענען געווען אַרומ־געריגנגלט מיט נידעריקע ציפּרעסן. אין דאָרף איז ער געבליבן פינף טעג אין אומאויפהערלעכער פרייד. ער איז געווען גלייך צו אַ מענטשן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן תּענית און ער איז זייער אויסגע־הונגערט. מיט אַלע זיינע אויסגעהונגערטע חושים האָט ער געגאָסן דאָס פּראַכטפולע ליכט... ליכט, דו בלוט פון דער וועלט, וואָס פליסט, ווי אַ שטראָם פון לעבן, דורך דעם וועלטן-רוים, וואָס דו דרינגסט אַריין דורך אונזערע אויגן, אונזערע ליפּן, אונזערע נאָזלעכער, דורך אַלע פּאָרן פון אונזער הויט ביז טיף אין אונזער קערפּער! ליכט, וואָס דו ביזט נויטווענדיקער פאַר אונזער לעבן, ווי ברויט, — ווער עס

זעט דיך אויסגעטון פֿון די שלייערן פֿון צפֿון, ריין גליענדיק און נאַקעט, דער פֿרעגט ביי זיך, ווי האָט ער געקאָנט אַמאָל לעבן אָן דיר, און פֿילט, אַז ער וועט זיך שוין מער אָן דיר נישט קאָנען באַגיין. גאַנצע פֿינף טעג איז קריסטאָף געווען פֿאַרשיכּורט פֿון דער זון. פֿינף טעג האָט קריסטאָף נישט געדענקט — צום ערשטן מאָל — אַז ער איז אַ מוזיקער. די מוזיק פֿון זיין לעבן האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין ליכט. ליכט, ים און ערד. שטראַלנדיקע סימפֿאָניע, וואָס עס שפּילט דער אָרקעסטער פֿון דער זון. און מיט וואָס פֿאַר אַן איינגעבוירענע קונסט ווייסט איטאַליען צו פֿאַרווענדן דעם אָרקעסטער! די אַנדערע פֿעלקער מאָלן אָפּט די נאַטור. איטאַליען אַרבעט מיט איר צוזאַמען. זי מאָלט מיט דער זון. מוזיק פֿון פֿאַרבן. אַלץ איז מוזיק, אַלץ זינגט. אַן איינפֿאַכע מויער ביים וועג, רויט דורכגעוועבט מיט גאָלד. נעבן איר צוויי ציפּרעסן מיט זייערע געקרייזלטע צווייגן. אַרום זיי דער הימל מיט אַ בלענדנדיקער בלויקייט. אַ ווייסער שמאָלער מאַרמאָר־טרעפּ, וואָס שטייגט אַרויף צווישן ראָזע מויערן צו אַ בלויען קירכן פֿאַסאַד. יעדעס פֿון די פּילפֿאַרביקע, פּאָמעראַנצן־רויטע, ציטרין־געלע און ברוינלעכע הייזער, וואָס האָבן געלויכטן צווישן די אייל-בוימער, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ פּראַכטפֿולער רייפֿער פֿרוכט. איטאַליען איז אַ זינלעכער גענוס. די אויגן געניסן די פֿאַרבן, פּונקט ווי דער גומען און דער צונג — אַ זאַפֿטיקע שמעקנדיקע פּרי. קריסטאָף האָט זיך אַ וואָרף געטון צום דאָזיקן תענוג מיט גיריקן קינדערשן חשק. ער האָט געהאַלטן, אַז אים קאָן נישט שאַטן דער אַסקעטיזם פֿון די גרויע וויזיעס, צו וועלכע ער איז ביז דעמאָלט פֿאַרמשפּט געווען. זיין איבערשטראָמענדיקע נאַטור, וואָס האָט אָפּגעווענדט דעם גורל, האָט פּלוצלינג דערקענט אין זיך גענוס-מעגלעכקייטן, וואָס זי האָט ביז דעמאָלט נישט אויסגענוצט. זי האָט גענומען דעם רויב, וואָס האָט זיך איר אָנגעבאָטן. ריחות, פֿאַרבן, מוזיק פֿון שטימען, פֿון גלאָקן, פֿון ים, די ליבע אין דער לופֿט, ליכט-בעדער, אין וועלכע די געעלטערטע און די מידע נשמה האָט געפֿונען אַן אויסלייזונג... קריסטאָף האָט גאָרנישט געטראַכט. ער איז געשוואומען אין פֿולשטענדיקן גליק. ער האָט זי נאָר איבערגעריסן, כּדי אויך זיין סביבה זאָל זיך באַטייליקן אין זיין פֿרייד: דער רודערער, אַן אַלטער פֿישער מיט לעבעדיקע, פֿון קנייטשן אַרומגערינגלטע אויגן וואָס האָט געטראָגן אַ רויטן ווענעציאַנישן סענאַ-

טאָרן-הוט; דער אײנציקער חבר זײַנער, אַ מאַילענדער, װאָס האָט בײַם עסן מאַקאַראָן געדרײט מיט זײַנע גרױזאַמע אָטעלאָ־אױגן, װאָס האָבן אױסגעזען שװאַרץ פֿון אױפֿגעבראַכטן צאָרן און װאָס איז דערבײַ געװען אַן אַפּאַטישער און פֿאַרשלאָפֿענער מענטש; דער קעלנער פֿונם רעסטאָראַן, װאָס האָט בעתן טראָגן אַ טאַץ אױסגעשטרעקט דעם האַלז און צעשפּרײט זײַנע אָרעמס און קערפּער, װי ער װאָלט געװען אַ בערניניסשער מלאך; דער קלײנער הײליקער זשאַן, װאָס האָט געבעטלט מיט קאָקעטישע זײַטן-בליקן בײַם װעג און אָנגעבאָטן די פֿאַרבײַגײער אַן אָראַנזש אױף אַ גרינעם צװײַג. ער האָט גערופֿן די קוטשערס, װאָס האָבן זיך מיט אַ פֿאַרװאָרפֿענעם קאָפּ אױסגעצױגן אין זײערע װאָגנס, געזונגען מיט הילכיקע טענער... ער איז געװען איבערראַשט, װאָס ער האָט געזונגען „קאַװאַלעריאַ רוסטיקאַנאַ״. ער האָט אינגאַנצן פֿאַרגעסן דעם ציל פֿון זײַן רײַזע, פֿאַרגעסן אױך זײַן אײַלעניש, װאָס גיכער אָנצוקומען צו זען גראַציאַן...

ערשט אין אַ צײַט אַרום האָט אין אים װידער דערװאַכט דאָס געליבטע בילד. אפשר צוליב אַ בליק, װאָס ער האָט באַגעגנט אין װעג, אפשר צוליב אַן ערנסטן מוזיק-פֿראַגמענט, װאָס ער האָט ערגעץ געהערט? ער האָט נישט געװוּסט. אָבער ס׳איז געקומען אַ שעה, װען די שמײכלענדיקע געשטאַלט פֿון זײַן פֿרײַנדין האָט אַרױסגעשטראַלט פֿון אַלץ, װאָס איז געװען אַרום אים, פֿון דער מיט אײלבירטן באַדעקטער באַרג־קײט און פֿון די הױכע בלאַנקע אָפֿענין־קאַמען, װוּ ס׳האָבן זיך געראַנגלט געדיכטע שאָטנס מיט דער ברענענדיקער זון; זי האָט אַרױסגעשטראַלט פֿון די פֿרוכט-באַשװערטע אָראַנזש־בױמער און פֿון דעם טיפֿן אָטעם-צוג פֿון ים. פֿון די אומצײליקע אױגן פֿון דער לופֿט האָבן אַרױסגעקוקט אירע אױגן. זי האָט אַרױסגעבליט פֿון דער דאָזיקער געליבטער ערד, װי אַ רױז פֿון אַ קוסט.

דעמאָלט איז ער װידער געקומען צו זיך. ער איז אַרײַן אין דעם צוג אין רױם און איז אין ערגעץ נישט געבליבן שטײן. זײַן איטאַליענישע זכרונות, די קונסט־ערטער פֿון דער פֿאַרגאַנגנהײט האָבן אים נישט פֿאַראינטערעסירט. ער האָט רױם נישט געזען. ער האָט זי נישט געװאָלט זען. און דאָס, װאָס ער האָט באַלד בײַם אַרײַנקום באַמערקט, איז געװען דער נײַער סטיללאָזער שטאָט קװאַרטאַל, די פּראָסטע געבײַדעס װאָס האָבן בײַ אים

אָפּגענומען דעם חשק זיי נענטער צו באַקענען.

ער האָט באַלד אויפגעזוכט גראַציאַן. זי האָט אים געפרעגט:

— דורך וואַנעט זענט איר געקומען? זענט איר געבליבן שטיין אין מיילאַנד אָדער פלאָרענץ?

— ניין, — האָט ער געענטפערט — צו וואָס?

זי האָט זיך צעלאַכט.

— אַ שיינער ענטפער. און ווי האַלט איר פון רוים?

— גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב נאָך גאָרנישט געזען.

— באמת?

— גאָרנישט. אַפילו נישט קיין דענקמאָל. איך בין גלייך פון האָטעל געקומען צו אייך.

— מען דאַרף נאָר מאַכן צען שריט, כדי צו זען רוים... גיט נאָר אַ קוק אויף יענער מויער. וואָס פאַר אַ באַלייכטונג?

— איך זע נאָר אייך.

— איר זענט אַ באַרבאַר, איר זעט נאָר אייער געדאַנקען-וועלט. און ווען זענט איר אַרויסגעפאָרן פון דער שווייץ?

— מיט אַכט טאָג צוריק.

— וואָס האָט איר געטון די גאַנצע צייט?

— איך ווייס נישט. איך האָב זיך צופעליק פאַרהאַלטן אין אַן אָרט ביים ים, אַכט טאָג בין איך געשלאָפן. איך געדענק אפילו נישט דעם נאָמען פון דאָרף, איך בין געשלאָפן מיט אָפענע אויגן. איך ווייס נישט, וואָס כ'האָב געזען. איך ווייס נישט, וואָס כ'האָב געטרוימט. איך גלויב, אַז איך האָב געטרוימט וועגן אייך. איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז געווען זייער שיין, אָבער דאָס שענסטע איז, וואָס כ'האָב אַלץ פאַרגעסן...

— אַ דאַנק, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט עס נישט געהערט.

— אַלץ, — האָט ער ווייטער גערעדט, — אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען, האָב איך שוין פאַרגעסן, איך בין ווי אַ נייער מענטש, וואָס הויבט ווידער אָן צו לעבן.

— באמת, — האָט זי געזאָגט און אים אָנגעקוקט מיט אירע שמייכלענדיקע אויגן, — איר האָט זיך זינט אונזער לעצטער באַגעגעניש געענדערט.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון און ער האָט זי אויך געפו־ נען אַנדערש, ווי די, וועגן וועלכער ער האָט געטראַכט. זי האָט זיך אין משך פון די צוויי חדשים נישט געענדערט. אָבער ער האָט זי געזען מיט אַנדערע אויגן. דאָרט אין דער שווייץ האָט דאָס בילד פון די פאַרגאַנגענע טעג, דער לייכטער שאָטן פון דער יונגער אַמאָליקער גראַציאַ, באַהאַלטן די ווירקלעכקייט. איצט, אונטער דער איטאַליענישער זון זענען צעגאַנגען די צפונדיקע חלומות. ער האָט געזען דעם ווירקלעכן קערפּער און די ווירקלעכע נשמה פון זיין געליבטער, אַזוי ווי זי איז געווען, אין דער קלאָרקייט פון טאָג. ווי ווייט זי איז געווען פון דער ווילדער ציג, וואָס מען האָט געהאַלטן געפאַנגען אין פאַריז! ווי ווייט פון דער יונגער פרוי מיטן שמייכל פון דעם הייליקן זשאַן, וואָס ער האָט זי איינמאָל אין אָוונט קורץ נאָך איר חתונה, ווידער געפונען, כדי זי באַלד ווידער צו פאַרלירן!... פון דער קליינער אומברישער מאַדאָנע האָט אויפגעבליט אַ שיינע רוימערין.

אירע גלידער האָבן געהאַט אַ האַרמאָנישע פולקייט. איר קער־ פּער איז געווען ווי געבאָדן אין אַ שטאָלצער בלייכקייט. עס האָט זי אַרומגערינגלט דער גייסט פון רו, איר גרעסטער תענוג איז גע־ ווען די שטראַלנדיקע שטילקייט, די פאַרטראַכטקייט, דער תענוג פון אַ פרידלעך לעבן, וואָס די נשמות פון די צפון־לענדער וועלן זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען. פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט זי אויפגע־ האַלטן איר גרויס גוטסקייט, וואָס האָט אַדורכגעדרונגען אַלע אירע געפילן. אָבער אין איר שטראַלנדיקן שמייכל האָט מען געקאָנט אַרויס־ לייענען נאָך עפּעס נייעס: אַן אומעטיקע פאַרשטענדעניש, אַ געוויסע מידקייט, פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן, אַ ביסל איראָניע און אַ רויקן געזונטן פאַרשטאַנד. די עלטער האָט זי אַרומגעהילט מיט אַ קאַלטקייט, וואָס האָט זי פאַרטיידיקט קעגן די אילוזיעס פון האַרצן. זי האָט זיך זעלטן איבערגעגעבן אינגאַנצן, און ביי איר גאַנצער האַרציקייט האָט זי פאַרמאָגט אַ פאַרטיידיקונגס־שמייכל קעגן די אויסברוכן פון דער ליידנשאַפט, וואָס קריסטאָף האָט נאָר מיט מי געקאָנט איינהאַלטן. דערביי פלעגן זיך אויך טרעפן שוואַכע מאָמענטן, מאָמענטן, ווען זי האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. זי איז געווען קאָקעטיש, אַליין דערפון געחוזקט, אָבער באַקעמפט האָט זי עס נישט, ס'איז נישט געווען אין איר קיין שום בונט,

נישט קעגן דער וועלט און נישט קעגן זיך: דער שטילער פּאַטאָליזם פון אַ זייער גוטער און אַ ביסל מידער נאַטור.

זי האָט אויפגענומען ביי זיך אַסאַך מענטשן און איז געווען ווייניקסטנס לפנים — נישט אויסקלויבעריש. אָבער אַזוי ווי איר נאָענטער פּאַרקער האָט געהערט ס׳רוב צו די נאָענטע קרייזן, געאָטעמט מיט דער זעלבער לופט, אויסגעאַרבעט געווען פון די זעלבע געוווינהייטן, דעריבער האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט פאַרמאָגט אַ האַרמאָניע, גאַנץ אַנדערש פון די, וואָס קריסטאָף האָט געזען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך. די מערהייט האָט געשטאַמט פון אַלטע איטאַליענישע משפחות, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט אָפּגעפרישט אַ דאַנק די חתונות מיט אויסלענדער; עס האָט געהערשט אויסערלעך אַ כּלומרשטע קאָסמאָפּאָליטישע אַטמאָספער, ווו ס׳האָבן זיך צונויפגעמישט פיר הויפּטשפּראַכן און דער גייסטיקער באַגאַזש פון פיר גרויסע פעלקער אין מערב. יעדעס פאָלק האָט אַריינגעטראָגן זיין פּערזענלעכן טאָן, די יידן זייער אומרויקייט און די אַנגלאָ־זאַקסן זייער פלעגמאַטישקייט; אָבער דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעשמאָלצן אין דעם איטאַליענישן טיגל־אויוון. ווען רויבערישע שלאָס־הערן האָבן לאַנגע יאָרהונדערטער איינגעגראָבן זייער שטאָלצן און תאווהדיקן פּראָפיל פון אַ רויב פויגל אין אַ געוויסן דור, קאָן זיך דער מעטאַל ענדערן, אָבער דער שניט בלייבט דער זעלבער. טייל פון די דאָזיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן אויסגעזען עכט איטאַליעניש מיט זייער לואינישן שמייכל, ליבנסווירדיקן רויקן טיציאַנישן בליק, מיט די בלומען פון אַדריאַ אָדער פון די לאָמבאַרדישע לאָנקעס, זענען אויפגעוואַקסן פונם צפונדיקן רייז, וואָס מ׳האָט אַמאָל פאַרפלאַנצט אין דעם אַלטן לאַטיינישן באָדן. וואָס פאַראַ פאַרבן מען זאָל נישט צונויפמישן אויף דער פאַלעטרע פון רוים, וועט דער אַנטשטאַנענער טאָן זיין שטענדיק רוימיש.

נישט קאָנענדיק צעגלידערן זיין איינדרוק, האָט קריסטאָף באַוווּנדערט דעם דופט פון יאָרהונדערטער־אַלטער קולטור און אַלטער ציוויליזאַציע, וואָס האָט געשטראָמט פון די דאָזיקע נשמות, הגם זיי זענען אָפט געווען אָן באַדייטונג און אַפילו ווייניקער ווי מיטלמעסיק.

עס האָט זיך אָבער געצויגן פון זיי עפּעס אַן אומבאַמערקטער חן, אַ חן, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ קליינינקייט, אין אַ געוויסער העפֿלעכקייט, צאַרטקייט, האַרציקע באַנעמונג, הגם ס'האָט אויך נישט געפעלט קיין חוזק; אַ געוויסע פיינקייט אין דעם בליק, אין שמייכל, אין דעם פרישן זאַרגלאָזן, סקעפּטישן, פילזייטיקן און אומבאַצווונגענעם פאַרשטאַנד. דאָ איז נישט געווען קיין שטייפקייט און קיין אומגעשיקטקייט. קיין שום ביכער־חכמה. מען האָט נישט געדאַרפט מורא האָבן, טאָמער טרעפט מען דאָ איינעם פון די פּסיכאָלאָגן פון די פּאַריזער סאַלאָנען, וואָס לויערט כּסדר אונטער זייַנע ברילן, אָדער אַ פעלדפעבל און אַ דייטשן דאָקטאָר. דאָס זענען געווען איינפאַכע מענטשן, זייער מענטשלעכע מענטשן, ענלעך צו די פריינט פון טערענצן אָדער סציפּיאָ עמיליאַנוס.

(איך בין אַ מענטש) Homo sum...

אָט אַזוי שיין איז געווען די אויסערלעכע זייט. אָבער דאָס לעבן איז געווען מער אילוזיע, ווי ווירקלעכקייט און האָט פאַרבאָרגן אין זיך אַן אומהיילבאַרע לייכטזיניקייט, וואָס איז אַ שותפותדיקע אייגנשאַפט ביי יעדער גוטער געזעלשאַפט אין אַלע לענדער... דער ראַסן־כאַראַקטער פון אָט דער געזעלשאַפט איז באַשטאַנען אין איר פוילקייט. די לייכטקייט, מיט וועלכער די פראַנצויזן באַציען זיך צום לעבן איז באַגלייט פון עפּעס אַ נערוועישן פיבער, פון אַ שטענדיקער באַוועגלעכקייט פונם מוח, אַפילו בעת ער איז פּוסט. דער איטאַליענישער מוח פאַרשטייט, אַז ער דאַרף זיך אָפּרוען. נישט מער, ער פאַרשטייט עס אַביסעלע צו גוט. ער האָט אַזוי ליב צו דרימלען אין וואַרעמען שאָטן, אויף דעם ווייכן קישן פונם צאַרטן עפּיקורעיזם, און זיין זייער בויגעוודיקער, בטבע דורשטיקער און איראָנישער אינטעלעקט איז באמת אויסערגעוויינלעך גלייכגילטיק צו אַלץ אין דער וועלט.

אָט די אַלע מענטשן האָבן געפעלט אויסגעשפּראָכענע מיינונגען. סיי פּאָליטיק סיי קונסט האָבן זיי געטריבן מיטן זעלבן דילעטאַנטיזם. מען האָט געזען צווישן זיי אַנטציקנדיקע מענטשן, יענע איטאַליענישע פּאַטריציער־געשטאַלטן מיט איידעלע שטריכן, קלוגע און צאַרטע אויגן און אַ רויקע באַנעמונג, וועלכע האָבן ליב מיט אַן איידעלן געשמאַק און וואַרעם האַרץ די נאַטור, די אַלטע מאָלער, בלומען, פרויען, ביכער, אַ גוטע קיך, דאָס פאָטערלאַנד, די מוזיק..... זיי האָבן אַלץ ליב געהאַט, אָבער קיין זאַך נישט צו שטאַרק. מען האָט טיילמאָל געהאַט

דעם איינדרוק, אַז אייגנטלעך האָבן זיי גאָרנישט ליב; דאָך האָט די ליבע פֿאַרנומען אַ גרויס אָרט אין זייער לעבן, נאָר בתּנאַי, זי זאָל זיי נישט שטערן. זי איז געווען פֿויל ווי זיי אַליין, און אַפֿילו זייער ליידנשאַפֿט האָט געטראָגן עפּעס אַ פֿאַמיליערן כאַראַקטער. דער אויסגעבילדעטער און האַרמאָנישער פֿאַרשטאַנד פֿון די דאָזיקע מענטשן האָט זיך צוגעפּאַסט צו יעדעם מין פֿוילקייט, ווו די סתּירהדיקסטע געדאַנקען פֿלעגן זיך נישט אָפּשטויסן, נאָר אַדרבה, צוזאַמענטרעפֿן, געמאַכט זיך רויק, שמייכלענדיק, טעמפּ און אומגעפערלעך און זיך צוזאַמען פֿאַרייניקט. זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר אויסגעשפּראָכענע איבערצייגונגען און שטאַרקער פּאַרטייאישקייט. ביי האַלבע מיינונגען און האַלבע געדאַנקען האָבן זיי זיך געפֿילט אַסאַך בעסער. זיי זענען געווען מענטשן פֿון קאָנסערוואַטיוו-ליבעראַלן גייסט. זיי האָבן זיך געבויטיקט אין דער אַטמאָספֿער פֿון האַלב-הויכער פּאָליטיק און קונסט, ווו עס דראָט נישט — ווי אין געוויסע קור-ערטער — די סכּנה צו פֿאַרלירן דעם אָטעם אָדער צו באַקומען אַ האַרץ-קלאַפּעניש. זיי וואָלטן זיך דערקענט אין דער פֿוילער דראַמען-קונסט פֿון א גאָלדאָני אָדער אין דעם גלייכמעסיקן צעשטויבטן ליכט פֿון אַ מאַנצאָני. זייער ליבנס-ווירדיקע זאָרגלאָזיקייט איז דערפֿון נישט געריירט געוואָרן. זיי וואָלטן נישט געזאָגט, ווי זייערע גרויסע אָבות: Primum vivere, נאָר: Dapprima, quieto vivere.

אַ רויק לעבן. דאָס איז געווען דער הייסטער ווונטש און דער ווילן פֿון אַלע, אַפֿילו פֿון די שטאַרקע צווישן זיי, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיטן פּאָליטישן לעבן. יעדערער פֿון די דאָזיקע קליינע מאַקיאַוועלים, וואָס האָט געהערשט איבער זיך און איבער אַנדערע מיט אַ קאַלט האַרץ, ווי מיט אַ קאַלטן קאָפּ, און וואָס זייער ניכטערע, קאַלטע אינטעליגענץ האָט פֿאַרשטאַנען און זיך דערוועגט אָנצונעמען אַלע מיטלען אַבי צו דערגרייכן דעם ציל, — איז גרייט געווען מקריב צו זיין פֿאַר זיין גאווה אַלע זיינע פּריוואַט צוזאַמען. מקריב צו זיין אַפֿילו זיין גאווה פֿאַר איין איינציקער זאַך: פֿאַר זיין „quieto vivere“ (רויק לעבן). זיי האָבן געמוזט האָבן לאַנגע פּעריאָדן פֿון ליידיקגייערײַ. ווען זיי האָבן לאַנג געפּוסט און-פּאַסעוועט האָבן זיי זיך געפֿילט פֿריש און מונטער, ווי נאָך אַ גוטן שלאָף. די דאָזיקע ערנסטע מענער, אָט די אין רו-פּאַרזונקענע מאַדאָנעס, זענען פּלוצלינג באַהערשט געוואָרן פֿון אַ ליידנשאַפֿט צו רעדן, לוסטיק צו זיין, צו לעבן געזעלשאַפֿטלעך.

און זיי האָבן זיך גענומען באַוועגן מיט פלינקע זשעסטן און ווערט־לעך, אין פּאַראַדאָקסאַלע איינפאַלן, אין לצנישן הומאָר: זיי האָבן גע־שפּילט אַ „קאָמישע אָפּערע". אין דער דאָזיקער איטאַליענישער ביל־דער־גאַלעריע האָט מען זעלטן געפונען אַ שפור פון געדאַנק, דעם מעטאַלישן גלאַנץ פון אַן אויג, פּנימער, וואָס זענען צעאַקערט געווען פון שטענדיקער גייסטיקער אַרבעט, ווי מען טרעפט אין צפון. ווי־אומעטום, האָבן דאָ אויך נישט געפעלט קיין פאַרטרויערטע נשמות, וואָס האָבן באַהאַלטן אונטער דער מאַסקע פון גלייכגילטיקייט זייערע דאגות און ליידן, און האָבן געזוכט זיך צו פאַרגעסן אין שיכרות און תענוגים. עס האָבן זיך אויך געטראָפן מענטשן, וואָס האָבן געליטן אויף אומגעריכטע אָנפאַלן פון מאָדנע משונהדיקע שטימונגען — אַ סימן פון מאַנגל אין גלייכגעוויכט, די אייגנשאַפט פון זייער ראַסע. געגליכן צו די ערד־שפּאַלטן אין דער רוימישער קאַמפּאַניאַ.

אין דער פוילער רעטעניש פון די דאָזיקע נשמות, אין זייערע רויקע און שפּאָטישע אויגן, אין וועלכע ס'האָט געדרימלט אַ פאַרבאָר־גענע טראַגיק, איז געלעגן אַסאַך רייץ. קריסטאָף האָט אָבער נישט געהאַט קיין שטימונג זיך מיט זיי צו באַקענען. ער איז געווען אויפ־געבראַכט, וואָס גראַציאַ האָט זיך ארומגערינגלט פון די דאָזיקע גייסטרייכע און פוסטע געזעלשאַפטסמענטשן. ער איז געווען בייז אויף זיי און אויף איר, ער איז באַליידיקט געווען פון איר פונקט ווי פון רוים. ער האָט זי גענומען באַזוכן זעלטענער און געשווירן אָוועקצופאָרן.

ער איז אַפילו נישט אָפּגעפאָרן, אומבאַוווסט האָט ער אָנגעהויבן צו פילן די ווירקונג אויף דעם רייץ פון דער דאָזיקער איטאַליעני־שער וועלט, וואָס האָט אים פריער אויפגערעגט.

ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט און גענומען זיך אַרומ־שלעפּן איבער רוים און דער סביבה. דאָס רוימישע ליכט, די הענ־גענדיקע גערטנער, די קאָמפּאַניע, וואָס גאַרטלט אַרום דעם ים, ווי מיט אַ גאָלדענער שאַרף, האָבן אים ביסלעכווייז געעפענען אַנטפּלעקן דעם סוד פון דער דאָזיקער פאַרכישופטער ערד. ער האָט זיך גע־

שווירן נישט צו מאַכן קיין שריט צו די טויטע דענקמעלער, צו וועלכע ער האָט געפּילט, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַ פאַראַכטונג. ער האָט ברומענדיק געזאָגט, אַז ער וואַרט, זיי זאָלן קומען צו אים. און זיי זענען געקומען. ער האָט זיי געטראָפן אומעטום, בעת ער האָט זיך געלאָזט גיין שפּאַצירן, און די אויגן האָבן אים געטראָגן איבער דעם פאַרשידן־פלאַכיקן באָדן פון דער אייביקער שטאָט. קעגן זיין ווילן, האָט ער דערזען ביי דער אונטערגייענדיקער זון דאָס רויטע פאָרום, די האַלב־צעפאַלענע בויגענס פונם פּאַלאַטין, וואָס אין זייערע טיפענישן האָט זיך געוועלבט דער טונקעלער לאַזור, ווי אַן אָפּגרונט פון בלויען ליכט. ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער אומענדלעכער קאַמפּאַניאַ לענג־אויס דעם רויטלעכן טיבער, וואָס איז געווען פעט פון שלאַם, ווי ער וואָלט געווען אַ וואַנדערנ־דיקע ערד. ער האָט געוואַנדערט לענג אויס די צעפאַלענע אַקוואַ־דוקטן, וואָס זייערע גיגאַנטישע ביינער דערמאָנען די סקעלעטן פון די גרויסע פאַרמבולדיקע חיות. געדיכטע מאַסן פון שוואַרצע וואָלקנס האָבן פאַרצויגן דעם בלויען הימל. פויערים אויף פערד האָבן מיט דינע שטאַנגען געטריבן סטאַדעס גרויסע, פּערל־גרויע אָקסן מיט לאַנגע הערנער; און אויף דעם אַנטיקן שאָסיי, וואָס האָט זיך גע־צויגן גלייך, שטויביק און פּוסט, זענען געגאַנגען באָרוועסע פּאַסטור־כער, באַדעקט די שענקלען מיט האָריקע פעלן, מיט צוגן קליינע אייזלען און אייזעלעך. אין ווייטן האָריזאָנט האָט מען געזען ז'' קייט פון די סאַבינער בערג מיט די אָלימפּישע ליניען פון זייערע בערגלעך, און ביים צווייטן ראַנד פון דעם הימל־קופּאָל, זענען גע־שטאַנען די אַלטע שטאָט־מויערן און דער פאַסאַד פון דעם הייליקן דזשיאָוואַני מיט די טאַנצנדיקע סטאַטועס, וואָס האָבן אויסגעשניטן אויפן הימל זייערע שוואַרצע סילועטן... שטילקייט.... גליענדיקע זון... איבערן פלאַכלאַנד לויפט דורך דער ווינט.... אויף אַ סטאַטוע אָן אַ קאָפּ, וואָס אירע אָרעמס זענען געווען באַגאָסן פון גראָז־כוואַליעס, איז גע־זעסן, אַ יאַשטשורקע, וואָס איר האַרץ האָט פרידלעך געשלאָגן און אומבאַוועגלעך איינגעזויגן אין זיך דאָס ליכט. קריסטאָף, וואָס די זון האָט אים געזשומעט אין קאָפּ (און טייל מאָל אויך דער קאַסטעליי־ווין), האָט זיך שמייכלדיק געזעצט אויף דער שוואַרצער ערד, נעבן דעם צעבראָכענעם מירמל־שטיין אינגאַנצן פאַרזונקן אין פאַרגעסנ־קייט, געבאָדן זיך און געטרונקען די ליידנשאַפטלעכע קראַפט פון

רוים. אָט אַזוי איז ער געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט, — דעמאָלט איז זיין האַרץ פּלוצלינג פאַרקלעמט געוואָרן פון אַ שרעק, און ער איז אַנטלאָפן פון דער טונקעלער איינזאַמקייט, ווו ס'איז אונטערגע־גאַנגען די זון.... אָ ערד, גליענדיקע ערד, ליידנשאַפטלעכע און שטו־מע ערד! אונטער דיין פרידן, וואָס איז פול מיט פיבער, הער איך נאָך דעם טראָמייטן-קלאַנג פון די לעגיאָנען. וויפיל רוישנדיק לעבן שטראָמט אין דיין ברוסט! וויפיל בענקשאַפט נאָך דערוואַכונג.

קריסטאָף האָט געפונען נשמות, וואָס אין זיי האָבן געגליט די פלאַמען פון דורות אַלטע פייערן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אונ־טער דעם שטויב פון די פאַרשטאָרבענע. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דאָס דאָזיקע פייער איז פאַרלאָשן געוואָרן צוזאַמען מיט מאַצצי־ניס אויגן. עס האָט אָבער ווידער אויפגעלעבט, דאָס איז געווען דאָס אַלטע פייער, אָבער נאָר ווייניק מענטשן האָבן עס געוואָלט זען. עס האָט געשטערט די שלאָפנדיקע אין זייער רו, עס האָט פאַרשפּרייט אַ העל שטאַרק ליכט. די, וואָס האָבן עס געטראָגן — יונגע מענער (דער עלטסטער איז נאָך נישט אַלט געווען קיין פינף און דרייסיק יאָר), אויסדערוויילטע מענטשן, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע עקן וועלט, — זענען געווען פרייע גייסטער, וואָס האָבן זיך אונ־טערגעשיידט צווישן זיך מיט זייער טעמפּעראַמענט, דערציונג, אַנ־שויאונג און גלויבן, וואָס האָבן זיך אָבער פאַרייניקט אינם קולט פאַר די פלאַמען פונס נייעם לעבן. זיי האָבן נישט אָנערקענט קיין פאַר־טיי־געזעצן און געדאַנקן־סיסטעמען, דער עיקר איז ביי זיי געווען — דענקען דרייסט, צו זיין פרײ און מוטיק אין גייסט און אין מעשים. זיי האָבן שטאַרק אויפגעטרייסלט דעם שלאָפנדיקן דור. נאָכן פּאָלי־טישן תחית־המתים פון איטאַליען, וואָס האָט דערוואַכט אויפן רוף פון די העלדן, האָט מען באַדאַרפט, באַלד נאָך דער עקאָנאָמישער באַנייאונג, אויפוועקן פון קבר אויך דעם גייסט פון איטאַליען. זיי האָבן געליטן צוליב דער פוילער ליידיקגייעריי, צוליב דער גייסטי־קער געמיינהייט, צוליב די פוסטע רייד פון די אָנפירער, ווי צוליב אַ באַליידיקונג. זייערע שטימען האָבן געדונערט אינם נעפל פון רע־טאָריק און זיטלעכער קנעכטשאַפט, וואָס האָט געדריקט זינט לאַנגע דורות די נשמה פון זייער פאָטערלאַנד. זיי זענען געבליבן מיט זיי־ער חוש פאַר דערווירקלעכקייט און מיט זייער וואַקלנדיקן מוט. אַ קלאָרער פאַרשטאַנד, וואָס נאָך אים קומט אַן ענערגישע האַנדלונג,

איז געווען פאַר זיי אַלץ. וואָלטן זיי אויך געווען פעיק, ווען ס'איז
נויטיק, מקריב צו זיין פאַר דער טובה פון כלל די געליבטע פאָר־
שטעלונגען פון זייער פערזענלעכער איבערצייגונג, אונטערצוּוואַרפן
זיי אַ דיסציפּלין, וואָס צווינגט אַרויף אויף יעדן יחיד דאָס פּאָליטי־
שע לעבן, וואָלטן זיי געהערט צו די ריינסטע קעמפער פון דעם
אמת. זיי האָבן אים ליב געהאַט מיט שטורמישע, פרומע הערצער.
איינמאָל, ווען מען האָט זיי פאַרשעמט, גערדראָט און באַליידיקט,
האָט איינער פון די פירער פון אָט די יונגעלייט יוגעזענטפערט מיט
רויקער גרויסקייט:
— שעצט דעם אמת. איך רעד צו אייך מיט אַן אָפן האַרץ און
פריי פון יעדן כעס. איך פאַרגעס, וואָס איר האָט מיר שלעכטס גע־
טון און וואָס איך האָב אייך אפשר שלעכט געטון. זייט אמתדיק.
ווו עס הערשט נישט קיין רעליגיעזע, אומבייגזאַמע און שטרענגע
אַכטונג פאַרן אמת, איז נישטאָ קיין מאָראַלישע הויכקייט, קיין קר־
בנות־גרייטקייט, קיין איידלקייט. איבט זיך אין דער דאָזיקער שווע־
רער פליכט. די פאַלשקייט דערהרגעט דעם מענטשן, וואָס באַנוצט זי,
נאָך איידער זי באַזיגט דעם, קעגן וועלכן זי איז באַנוצט געוואָרן.
וואָס נוצט אויך דער גיכער ערפאָלג, וואָס איר באַצוועקט דערמיט?
די וואָרצלען פון אייער וועזן וועלן בלייבן הענגען אין חלל, ווייל
דער שקר וועט צעפרעסן דעם באָדן. איך רעד נישט איצט צו אייך,
ווי אַ קעגנער. מיר שטייען איבער אונזערע קעגנזייטיקע מיינונגס־
פאַרשידנהייטן, אַפילו ווען איר וועט אייער ליידנשאַפט אָנרופן שטאָלץ
מיטן נאָמען פאָטערלאַנד. עס איז פאַראַן עפּעס גרעסערס, ווי דאָס
פאָטערלאַנד: דאָס מענטשלעכע געוויסן. עס זענען פאַראַן געזעצן,
וואָס איר טאָרט נישט פאַרגוואַלטיקן, אויב איר ווילט נישט ווערן
קיין שלעכטע איטאַליענער. איר האָט פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס
זוכט דעם אמת. איר מוזט פאַרנעמען זיין רוף. איר האָט פאַר זיך
נאָר איין מענטש, וואָס ברענט פון אַ פאַרלאַנג צו זען אייך גרויס
און ריין, און צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אייך. ווייל צי איר ווילט
צי נישט, אַרבעטן מיר צוזאַמען מיט די אַלע מענטשן אויף דער
וועלט, וואָס אַרבעטן פאַרן אמת. וואָס מיר ווילן דערגרייכן (און מיר
קענען עס נישט פאָרויסזען), וועט טראָגן אונזער שותּפותדיקן
שטעמפּל, אויב מיר האָבן געאַרבעט ערלעך. די בעסטע זאַך אינם
מענטשן ליגט אין זיין וווּנדערלעכער פעיקייט צו זוכן דעם אמת, צו

דערקענען אים, צו ליבן אים און זיך מקריב צו זײן פֿאַר אים. —
אמת, װאָס דו פֿולסט אָן מיטן כּשוף פֿון דײן מעכטיקן געזונט די
אַלע, װאָס טראָגן דיך אין זיך!...

צום ערשטן מאָל, װען קריסטאָף האָט פֿאַרנומען די דאָזיקע
װערטער, האָבן זײ אים אױסגעזען, װי דער עכאָ פֿון זײן אײגענער
שטים. און ער האָט געפֿילט, װי שטאַרק די דאָזיקע מענטשן זענען
געװען זײנע ברידער. דורך די צופֿאַלן פֿון דעם פֿעלקער־קאַמף און
צוליב זײערע אָנשױאונגען, האָבן זײ זיך געקאָנט טרעפֿן אַ געװיסן
טאָג װי שונאים: אָבער סײ אַלס פֿרײנט, סײ אַלס פֿײנט, האָבן זײ
געהערט צו דער זעלבער מענטשהײט־משפּחה און װעלן צו איר אײביק
געהערן. זײ האָבן עס געװוּסט, פּונקט װי ער. זײ האָבן עס געװוּסט
פֿאַר אים, זײ האָבן אים געקענט, נאָך אײדער ער האָט זײ געקענט,
װײל זײ זענען שױן געװען אָליװיערס פֿרײנט. קריסטאָף האָט אַנט־
דעקט, אַז די װערק פֿון זײן פֿרײנט (אַ פּאָר לידער־זאַמלונגען און
עטלעכע קריטישע עסײען), װאָס זענען אין פּאַריז געלײענט געװאָרן
נאָר פֿון אַ קלײנעם קרײז, זענען געװאָרן איבערגעזעצט דורך די
דאָזיקע איטאַליענער און אַזױ גוט באַקאַנט, װי אים אַלײן.

שפּעטער איז אים אױסגעקומען צו דערקענען דעם חילוק
צװישן יענע נשמות און אָליװיערן. אין דעם אופֿן, װי זײ האָבן גע־
משפּט אַנדערע, זענען זײ געבליבן פֿולשטענדיקע איטאַליענער, אײג־
געװאָרצלט אין דער געדאַנקען־װעלט פֿון זײער ראַסע און אומפֿעיק
אין זײערע שטרעבונגען אַרױסצוגײן פֿון זיך אַלײן. אײגנטלעך האָבן
זײ אױפֿריכטיק געזוכט אין פֿרעמדע װערק נאָר דאָס, װאָס זײער
פֿאָלקס־אינסטינקט האָט זײ געטריבן צו זוכן. אָפֿטמאָל האָבן זײ
אַרױסגענומען פֿון זײ נאָר דאָס, װאָס זײ האָבן אומבאַװוּסט אַלײן אַרײנ־
געלעגט אין זײ. אַלס מיטלמעסיקע קריטיקער און צרהדיקע פּסיכאָ־
לאָגן, זענען זײ געװען פֿול נאָר מיט זיך אַלײן און מיט זײערע
אײגענע לײדנשאַפֿטן, פֿון דעמאָלט, װען זײ האָבן געמײנט, אַז
זײ גײט נאָר װעגן דעם אמת. דער איטאַליענישער אידעאַליזם קאָן
נישט פֿאַרגעסן אין זיך אַלײן. ער באַטײליקט זיך נישט אין די נישט־
פּערזענלעכע טרױמען פֿון צפֿון. ער באַציצט אַלץ אױף זיך אַלײן,
אױף זײנע פֿאַרלאַנגען, אױף זײן ראַסן־שטאָלץ. באַװוּסט אָדער אומ־
באַװוּסט אַרבעט ער שטענדיק לטובת רוים. מען מוז, װאָס אַן אמת,
פֿעסטשטעלן, אַז אין משך פֿון לאַנגע דורות האָט ער זיך נישט גע־

געבן קיין צו גרויסע מי צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעע. אָט די שיינע איטאַליענער, וואָס זענען אייגנטלעך ווי באַשאַפן געוואָרן צו ענערגישע מעשים, ווערן טעטיק נאָר דעמאָלט, ווען עס טרייבט זיי די ליידנשאַפט, אָבער באַלד ווערן זיי מיד. נאָר ווען די ליידנ־שאַפט ברויזט אויף, הויבט זיי יי אויף העכער איבער אַנדערע פעל־קער. דאָס האָט באַוויזן זייער „ריזאָרגימענטאָ", איינער פון יענע גרויסע שטורעמס האָט איצט אַ בלאָז געטון איבער דער איטאַליעני־שער יוגנט פון אַלע פּאַרטייען: איבער נאַציאָנאַליסטן, סאָציאַליסטן, ניי־קאַטאָליקן, פרייע אידעאַליסטן, די אַלע איטאַליענער פון פלייש און בלוט, — אַלע זענען באַהערשט געוואָרן פון דער האָפנונג און פון דעם ווילן צו ווערן בירגער פון דער קייזערלעכער רוים, דער קיניגן פון דער וועלט.

אין אָנהויב האָט קריסטאָף געזען נאָר זייער גרויסהאַרציקע באַ־גייסטערונג און דעם שותּפותדיקן עקל, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיט זיי. זיי האָבן זיך, נאַטירלעך, געמוזט מיט אים טרעפן אין דער פאַר־אַכטונג צו די געזעלשאַפטלעכע קרייזן, וואָס קריסטאָף האָט פיינט געהאַט, ווייל גראַציאַ האָט זיי אויפגענומען ביי זיך. זיי האָבן נאָך מער פיינט געהאַט דעם גייסט פון דער פאַרזיכטיקייט, גלייכגילטיקייט, קאָמפּראָמיסן און לצנות, פון אָט די אַלע האַלבע ווערטלעך און אומ־באַהאָלפענעם דענקען. זיי האָבן פיינט געהאַט זייער פּאָליטיק, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע מעגלעכקייטן און נישט אויסגעקליבן קיין איינע. די שיינע פּראַזן, די פיינע באַנעמונג, אַלס אויטאָדידאַקטן, וואָס זענען געווען צונויפגעשטעלט פון אַלערליי מעגלעכע עלעמענטן און האָבן זיך נישט געגעבן קיין מי און אויך נישט געהאַט קיין מיטלען זיך צו שלייפן, — האָבן זיי ליב געהאַט איבערצוטרייבן זייער וויסן און זייער שווערן, נישט־געהיבלעוועטן, קאָנטאַדיני־טאָן. זיי האָבן געוואָלט, מען זאָל זיי הערן. זיי האָבן געוואָלט, מען זאָל זיי באַ־קעמפן. זיי האָבן געוואָלט אַלץ אין דער וועלט, אָבער נישט קיין גלייכגילטיקייט. ווען זיי וואָלטן געווען בכוח מיט די דאָזיקע מיטלען צו וועקן זייער ראַסע, וואָלטן זיי מיט פרייד געוואָרן די ערשטע קרבנות פון דער נייער ענערגיע.

מען האָט זיי אָבער קודם־כּל נישט ליב געהאַט, און זיי האָבן עס נישט געזוכט. קריסטאָף האָט נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג, ווען ער האָט גענומען דערציילן גראַציאַן וועגן זיינע נייע פריינט. זיי איז

נישט געווען צום האַרצן אַזאַ נאַטור, ווי אירע, וואָס האָט געשטרעבט צו מאָס און רו. מען מוז מודה זיין, אַז דער אופֿן, ווי די דאָזיקע מענטשן האָבן פֿאַרטיידיקט זייער זאַך, האָט אָפֿט דערוועקט דעם ווילן צו דערקלערן זיך פֿאַר זייערע שונאים. זיי זענען געווען איראָניש און חוצפּהדיק. די שאַרפֿקייט פֿון זייער קריטיק האָט אָפֿט געגרענעצט מיט באַליידיקונג. אַפֿילו בנוגע מענטשן, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט באַליידיקן. זיי זענען געווען צו זיכער און האָבן ליב געהאַט צו גיך אַרויסצוזאָגן מיינונגען. אַזוי-ווי זיי האָבן גענומען פֿירן אַן עפֿנטלעכע טעטיקייט, איידער זיי זענען אַליין רייף געוואָרן, האָבן זיי אַרויסגעטראָגן פֿאַלשע אורטיילן איינער נאָכן אַנדערן. אין זייער ליידנשאַפֿטלעכער אויפֿריכטיקייט, וואָס האָט זיך בשום-אופֿן נישט געוואָלט צוריקהאַלטן, האָבן זיי זיך פֿולשטענדיק אויסגעשעפּט און אויסגענוצט אַ דאַנק זייער איבערגעטריבענער גייסטיקער אַרבעט און די פּריצייטיקע, נישט-פּאַסיקע דרשות. עס איז נישט געזונט פֿאַר אַ יונגן מוח, וואָס איז נאָר-וואָס אַרויס פֿון זיין שאָל, זיך צו שטעלן אויף אַ שטאַרקער זון. ווייל דערביי ווערט פֿאַרברענט די נשמה. יעדע רייפֿקייט מוז האָבן צייט און רו. דאָס האָט זיי געפֿעלט. דאָס איז דאָס אומגליק פֿון זייער פֿיל איטאַליענישע טאַלענטן. אַ האַסטיקע גיכע האַנדלונג ווירקט ווי אַלקאָהאָל. דער גייסט, וואָס האָט עס איינמאָל פֿאַרזוכט קאָן זיך שוין דערפֿון נישט אָפּגעוווינען, זיין נאָרמאַלע אַנטוויקלונג געפֿינט זיך שטענדיק אין געפֿאַר צו ווערן קרענקלעך און פֿאַלש.

קריסטאָף האָט געשעצט די שטאַרקע פֿרישקייט פֿון דעם דאָזיקן אויפֿריכטיקן מוט אין קעגנזאַץ צו די פֿוילע מענטשן פֿון דעם גאָלדענעם מיטן, וואָס שרעקן זיך שטענדיק פֿאַר ליכט און באַזיצן דעם געשיקטן טאַלענט קיינמאָל נישט צו ענטפֿערן, נישט יאָ און נישט ניין. ער האָט אָבער באַלד מודה געווען, אַז אויך די לעצטע מיט זייער העפֿלעכער אומרויקער קלוגשאַפֿט פֿאַרמאָגן זייער ווערט. דער שטענדיקער קאַמף-צושטאַנד, אין וועלכן זיינע פֿריינט האָבן געלעבט, האָט זיי גופֿא פּשוט געמאַטערט. קריסטאָף, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַר זיין חוב, צו גיין צו גראַציאַן, כּדי צו פֿאַרטיידיקן די דאָזיקע מענטשן, איז טיילמאָל געגאַנגען צו איר, כּדי זיי צו פֿאַרגעסן. זיי זענען בלי ספק געווען ענלעך. שוין צו שטאַרק ענלעך. זיי זענען געווען היינט דאָס, וואָס זיי זענען געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, און דער

שטראָם פון לעבן פליסט נישט אויף צוריק. אין פלוג האָט קריסטאָף זייער גוט געוווסט, אַז ער גופא האָט זיך שוין באַפרייט פון די האַסטיקע האַנדלונגען און אַז ער געפינט זיך אויפן וועג צו רו, וואָס איר סוד האָט זיך באַהאַלטן אין גראַציאָס אויגן. פאַרוואָס־זשע האָט ער זיך געבונטעוועט קעגן איר?... אַך! ווייל ער האָט אין זיין פאַרליבטער בענקשאַפט געוואָלט איינער אַליין טרינקען פון דער רו. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס, וואָס גראַציאַ האָט אָן שום חשבון צעטיילט אירע אוצרות דעם ערשטן בעסטן; דאָס, וואָס זי איז אין איר רייצנדיקער העפלעכקייט געווען אַזוי פאַרשווענדעריש.

זי האָט געלייענט אין זיין נשמה, און מיט איר ליבנסווירדיקער אָפנהאַרציקייט האָט זי איינמאָל צו אים געזאָגט:

— איר זענט בייז אויף מיר, וואָס איך בין דאָס, וואָס איך בין? איר טאָרט מיך נישט אידעאַליזירן, מיין פריינט. איך בין אַ פרוי, נישט בעסער פון אַנדערע. איך זוך נישט די געזעלשאַפט. אָבער איך בין מודה, אַז זי איז מיר אָנגענעם, פונקט ווי ס'איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן טיילמאָל צו גיין אויף די מיטלמעסיקע טעאַטערשטיק אָדער צו לייענען אַ ביסל פלאַכע ביכער, וואָס איר פילט צו זיי אַ פאַראַכטונג און איך רו מיך אָפּ ביי זיי און פאַרוויל זיך. איך קאָן זיך דערפון נישט אָפּזאָגן.

— ווי קאָנט איר פאַרטראָגן די נאַרישע ברואים?

— דאָס לעבן האָט מיך געלערנט נישט צו שטעלן קיין צו גרויסע פאָדערונגען. מען טאָר נישט האָבן צו פיל תביעות. איך פאַרזיכער אייך, עס איז שוין אַ סאַך, ווען מען האָט צו טון מיט אָרנטלעכע, נישט קיין שלעכטע און אַפילו גוטהאַרציקע מענטשן... (נאַטירלעך, מ'טן תנאי, אַז מען דאַרף פון זיי קיין זאַך נישט דערוואַרטן; איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ווען איך זאָל זיי דאַרפן, וואָלט קיינער נישט געווען...) אַלנפאַלס פילן זיי צו מיר אַ סימפּאַטיע, און ווען איך געפין אַ ביסל אויפריכטיקע פריינטשאַפט, קוק איך נישט אויף דאָס איבעריקע. איר זענט בייז אויף מיר, נישט אמת? זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אַזאַ קליינע באַדייטונג. איך ווייס לפחות

צו מאַכן אַן אונטערשיד צווישן דעם בעסערן און געמיינערן. און דאָס בעסטע, וואָס איך פאַרמאָג, געהער צו אייך.

— איך וויל האָבן אַלץ, — האָט ער מיט אַן אומצופרידענעם טאָן געזאָגט.

ער האָט אָבער געפילט, אַז זי רעדט אויפריכטיק. ער איז געווען אַזוי זיכער אין איר ליבע, אַז ער האָט זי איינמאָל, נאָך לאַנגע וואָכן וואַקלעניש, געפרעגט:

— וועט איר שוין קיינמאָל נישט...

— וואָס?

— געהערן צו מיר?

ער האָט פאַריכט:

— איך מיין... ווען וועט איר מיר דערלויבן צו געהערן צו אייך?

זי האָט אַ שמייכל געטון.

— אָבער דאָס האָב איך שוין געטון, מיין פריינט.

— איר ווייסט גאַנץ גוט, וואָס איך מיין.

זי איז אַ ביסל צעטומלט געוואָרן. דערנאָך האָט זי אָנגענומען זיינע הענט און האָט אים אָפן געקוקט אין די אויגן אַריין.

— ניין ליבער פריינט, — האָט זי האַרציק געזאָגט.

ער האָט נישט געקאָנט רעדן קיין וואָרט. זי האָט געזען, אַז ער איז טרויעריק.

— זייט אויף מיר נישט בייז, אויב איך טו אייך ווי. איך האָב געוווסט, אַז איר וועט עס מיר זאָגן. מיר מוזן זיך דורכשמועסן גאַנץ אָפן, ווי גוטע פריינט.

— ווי גוטע פריינט? — האָט ער טרויעריק געזאָגט. — נישט מער?

— אומדאַנקבאַרער! וואָס ווילט איר נאָך? חתונה האָבן מיט מיר?... דערמאָנט זיך נאָר יענע צייט, ווען איר האָט קיינעם נישט געזען, אויסער מיין שיינע קוזינע. דעמאָלט בין איך געווען טרויעריק, פאַרוואָס איר האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך פיל צו אייך. אונזער גאַנץ לעבן האָט געקאָנט אַנדערש אויסזען. איצט טראַכט איך, אַז אַזוי איז בעסער... עס איז בעסער, וואָס מיר האָבן אונזער פריינטשאַפט נישט באַשוועכט מיטן שותפותדיקן לעבן, מיט דער טאָג־טעגלעכקייט, וואָס טוט אויס פון אַלדאָס ריינסטע...

— איר זאָגט עס, ווייל איר האָט מיך ווייניקער ליב.

— אָ ניין, איך ליב אייך נאָך, אַזוי ווי אַמאָל

— איר זאָגט עס מיר צום ערשטן מאָל.

— לאָז מער נישט זיין צווישן אונז קיין סודות. איר פאַרשטייט, איך האַלט נישט פון קיין חתונה. איך ווייס, אַז דער ביישפּיל פון מיין אייגענער חתונה איז נאָך נישט קיין ראיה. אָבער איך האָב מיך אַרומגעקוקט און געטראַכט וועגן דעם. גליקלעכע חתונות טרעפן זיך זעלטן, די חתונה איז אַ ביסל קעגן דער נאַטור. מען קאָן נישט צוזאַמענשמידן צוויי ווילנס און צוויי מענטשן, סיידן איינער פון זיי מוז ליידן, אויב נישט ביידע. און אפשר וועדן שטאַרקער צוליב דעם די ליידן פון דער נשמה, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן דעם דאָזיקן צוואַנג

— אַך, — האָט ער געזאָגט — איך זע, פאַרקערט, עפּעס שיינס אין דע־ פאַרבינדונג פון צוויי קרבנותפולע הערצער, פון צוויי נשמות, וואָס ווערן צוזאַמענגעשמאָלצן

— אייער חלום איז שיין. אין דערווירקלעכקייט וועט איר אָבער ליידן מערער ווי אַן אַנדערער.

— ווי? גלויבט איר, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט האָבן קיין פרוי, קיין פאַמיליע, קיין קינדער?... זאָגט עס נישט! איך וואָלט זיי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט! גלויבט איר, אַז דאָס דאָזיקע גליק איז פאַר מיר נישט צו דערגרייכן?

— איך ווייס נישט. איך גלויב נישט. אפשר וואָלט עס מעגלעך געווען מיט אַ גוטער פרוי, וואָס זאָל זיין נישט זייער אינטעליגענט און נישט זייער שיין, וואָס זאָל אייך זיין אינגאַנצן איבערגעגעבן און אייך נישט פאַרשטיין.

— ווי בייז איר זענט!... אָבער עס איז נישט רעכט, וואָס איר מאַכט זיך לוסטיק איבער מיר. אַ גוטע פרוי איז עפּעס זייער טייערס, אפילו ווען זי איז נישט גייסטרייך.

— איך בין אין דעם זיכער! ווילט איר, איך זאָל אייך אויפזוכן אַזאַ פרוי?

— זייט שטיל, איך בעט אייך, איר טוט מיר וויי, ווי קאָנט איר אַזוי רעדן?

— וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט?

— איר האָט מיך נישט ליב. אַפילו נישט קיין ביסל, אויב איר

רעכנט מיך חתונה צו מאַכן מיט אַן אַנדערער.

— אָבער פאַרקערט, גראָד ווייל איך ליב אייך, וואָלט איך געוועז גליקלעך, ווען איך קאָן עפּעס טון פאַר אייער גליק.

— נו, אויב אַזוי...

— ניין, ניין, לאָזט אָפּ. איך זאָג אייך, דאָס וואָלט געווען פאַר אייך אַן אומגליק.

— זאָרגט נישט פאַר מיר. איך שווער אייך, אַז איך וואָלט געוועז גליקלעך. אָבער זאָגט מיר דעם אמת: איר גלויבט, אַז איר אַליין וואָלט געווען מיט מיר אומגליקלעך?

— אומגליקלעך? אָ ניין, ליבער פריינט. איך שעץ אייך צו הויך און באַוווּנדער אייך צו שטאַרק, צו קאָנען זיין מיט אייך אומגליקלעך... און אויסער דעם, מוז איך אייך זאָגן: איך גלויב, אַז ס'איז שוין הײַנט נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל מיך קאָנען אומגליקלעך מאַכן. איך האָב צופיל געזען, איך בין געוואָרן פילאָזאָפיש... אָבער אויב איך דאַרף אייך זאָגן אָפן — (נישט אמת, אַז איר האָט עס מיר אַליין געבעטן? איר וועט דאָך אויף מיר נישט בייז זיין?) אַלזאָ, איך קען מיינע שוואַכקייטן און איך בין דערצו געווען נאַריש, אַז איך זאָל זיך אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָך דער חתונה פילן מיט אייך נישט אינגאַנצן גליקלעך. און גראָד דאָס וויל איך נישט, ווייל איך פיל צו אייך עפּעס אַ הייליק געפיל, און איך וויל נישט, אַז דאָס זאָל צעשטערט ווערן.

ער האָט טרויעריק געענטפערט:

— יאָ, איר רעדט אַזוי, כדי מיר זיסער צו מאַכן די פּיל. איך געפעל אייך נישט. עפּעס אין מיר איז אייך דערווידער.

— אָבער ניין, זיכער נישט. מאַכט נישט אַזאַ טרויעריקע מינע. איר זענט אַ גוטער און אַ ליבער מענטש.

— פאַרשטיי איך שוין נישט. פאַרוואָס זאָלן מיר צוזאַמען נישט קאָנען זיין גליקלעך?

— ווייל מיר זענען צו פאַרשידן, אונזערע כאַראַקטערן זענען צו אויסגעשפּראָכן, צו פּערזענלעך.

— דווקא דערפאַר האָב איך אייך ליב.

— איך אייך אויך. אָבער מיר וואָלטן כסדר געהאַט צווישן זיך סיכסוכים.

— ניין.

— אָ, יאָ, אָדער איך וואָלט זיך פאַרגעוואָרפן, וואָס איר האָט זיך פאַרבונדן מיט מיין קלענער פּערזענלעכקייט, ווייל איך וואָלט געוווּסט, אַז איר זענט העכער פון מיר. דעמאָלט וואָלט איר זיך מקריב געווען, איך וואָלט געשוויגן און געליטן.

קריסטאָפן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— אָ, דאָס וויל איך נישט. קיינמאָל נישט. איך וויל בעסער זיין אומגליקלעך, איידער איר זאָלט דאַרפן ליידן צוליב מיין שולד...

— באַרויקט זיך מיין פריינט... איך רעד נאָר אַזוי. אפשר שטעל איך זיך בלויז פאָר... אָבער אפשר וואָלט איך נישט געווען אַזוי גוט זיך מקריב צו זיין פאַר אייך.

— איז אַוודאי גוט.

— אָבער דעמאָלט וואָלט איר געוואָרן מיין קרבן, און איך וואָלט זיך גענומען פייניקן... אָט זעט איר, עס איז אוממעגלעך פון אַלע זייטן. לאָמיר בלייבן אַזוי ווי מיר זענען. איז דען פאַראַן עפּעס בעסערס, ווי אונזער פריינטשאַפט?

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און ביטער אַ שמייכל געטון.

— יאָ. אין פלוג הייסט עס, אַז איר האָט מיך נישט גענוג ליב.

זי האָט פריינטלעך, אַ ביסל מעלאַנכאָליש אַ שמייכל געטון און זיפצנדיק געזאָגט:

— אפשר זענט איר גערעכט. איך בין שוין נישט יונג, מיין פריינט. איך בין מיד. דאָס לעבן נוצט אויס אַ מענטשן, וואָס איז נישט אַזוי שטאַרק ווי איר... אָ איר! ווען איך גיב אַ קוק אויף אייך, זעט איר אויס, ווי אַ יינגל פון אַ יאָר אַכצן.

— וואָס רעדט איר? מיט מיין אַלטן קאָפּ, מיט די קנייטשן, מיט דער פאַרוויאַנעטער הויט?

— איך ווייס, אַז איר האָט געליטן אַזוי פיל, ווי איך. אפשר מער, איך זע עס. אָבער איר קוקט מיך טיילמאָל אָן, מיט די אויגן פון אַ יינגל. און איך פיל, ווי עס שטראָמט אין אייך אַ פרישׁ יונג לעבן. אָבער איך גיי אויס. אַך! ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין אַמאָליקער לעבעדיקייט! ווי שטייט עס דאָרט? „דאָס איז געווען אַ שיינע צייט, אָבער איך בין געווען אומגליקלעך!" היינט האָב איך נישט מער קיין כּוח צו זיין אומגליקלעך. נאָר אַ קליין לעבנס־טייכעלע

געפינט זיך אין מיר. איך בין שוין נישט אַזוי דרייסט צו פּרוּוון נאָכאַמאָל חתונה האָבן. אַך, פריער, פריער!... ווען יענער, וועלכן איך קען, וואָלט מיר דעמאָלט נאָר איין ווונק געטון...

— נו? וואָס וואָלט געווען? זאָגט!...

— ניין, ניין צו וואָס?

— אַלזאָ, ווען איך וואָלט פריער... אָ גאָט מיינער.

— וואָס? ווען איר וואָלט פריער? איך האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט.

— איך פאַרשטיי, איר זענט גרויזאַם.

— אַלזאָ גוט, פריער בין איך געווען ווילד.

— דאָס וואָס איר זאָגט, איז נאָך ערגער.

— אָרעמער קריסטאָף! איך קאָן נישט זאָגן קיין איין וואָרט, וואָס זאָל אייך נישט ווי טון. איך וועל דעריבער מער נישט רעדן.

— דאָך... זאָגט מיר, זאָגט מיר עפּעס.

— וואָס?

— עפּעס גוטס.

זי האָט זיך צעלאַכט.

— לאַכט נישט!

— און איר, זייט נישט אַזוי טרויעריק.

— ווי זאָל איך עס נישט זיין?

— איר האָט דערצו נישט קיין שום סיבה, איך פאַרזיכער אייך.

— פאַרוואָס?

— ווייל איר האָט אַ פריינדין, וואָס האָט אייך האַרציק ליב.

— באמת?

— ווען איך זאָג עס אייך, גלויבט איר מיר אויך נישט?

— זאָגט עס מיר נאָכאַמאָל.

— וועט איר נישט ווערן נאָך טרויעריקער? וועט איר שוין נישט פאָדערן אַזוי פיל? וועט איר זיך צופרידנשטעלן מיט אונזער האַרציקער פריינטשאַפט?

— איך האָב קיין ברירה נישט.

— אומדאַנקבאַרער, אומדאַנקבאַרער! און איר טענהט, אַז איר האָט מיך ליב? איך גלויב, אַז אין פלוג האָב איך אייך מער ליב, ווי איר מיך.

— אַך, ווען אַזוי וואָלט טאַקע געווען!

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ פאַרליבטן עגאָיזם, אַז זי האָט זיך געמוזט צעלאַכן, ער האָט זיך אויך צעלאַכט און איז צוגע־שטאַנען:

— זאָגט עס מיר...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און אים אָנגעקוקט. נאָר פּלוצלינג האָט זי זיך אַ בויג געטון צו קריסטאָפן און אים אַ קוש געטון.

ער איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז ס׳האָט אים געטראָפן אין האַרצן ווי אַ שטאָך. ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען. אָבער זי האָט זיך באַלד באַפרייט. בײַ דער טיר פון קליינעם סאַלאָן האָט זי אויף אים אַ קוק געטון, צוגעלעגט אַ פינגער צו דער ליפּ און געמאַכט:

— ששש!

און פאַרשוווּנדן געוואָרן.

פון דעמאָלט אָן האָט ער מיט איר נישט גערעדט וועגן זײַן ליבע און האָט זיך מער נישט געפילט אין קיין פאַרלעגנהייט. די וואַקלעניש צווישן געצוווּנגענעם שווײַגן און שלעכט־באַהערשטער ליידנ־שאַפט איז איצט אַוועק, און אַנשטאָט דעם איז איצט אַנטשטאַנען אַן אויפריכטיקער און באַהערשטער צוטרוי. אָט אַזוי באַקומט די אָפנהאַרציקייט איר שכר אין דער פרײַנטשאַפט. קיין שום באַהאַלטענע כּוונות, קיין שום אילוזיעס אָדער שרעק. יעדערער פון זיי האָט גע־קענט דעם אַנדערנס אינערלעכע געדאַנקען. ווען קריסטאָף האָט זיך ווידער געטראָפן מיט גראַציאַן אין דער געזעלשאַפט פון יענע גלײַכ־גילטיקע מענטשן, וואָס האָבן אים ווי געטון, און ער איז ווידער געוואָרן אומגעדולדיק צו הערן, ווי זײַן פרײַנדין רעדט מיט זיי וועגן נאַרישקייטן, וואָס זענען אין סאַלאָן אויפן טאָג־אָרדנונג, באַמערקנ־דיק דאָס, האָט זי אים אָנגעקוקט און געשמייכלט. דאָס איז געווען גענוג. ער האָט געוווּסט, אַז זיי געהערן איינער צום צווייטן. און אין אים איז ווידער שטיל געוואָרן.

די געגנוואַרט פון געליבטן נעמט צו בײַ דער פאַנטאַזיע אירע גיפטיקע שטעכלקעס. דער פיבער פון באַגער פאַרשווינדט, און די

נשמה ווערט פֿול מיטן תּענוג פֿונם געליבטנס געגנוואַרט. — גראַציאַ האָט דעריבער אַרויסגעשטראַלט אויף איר גאַנצער סביבה דעם שווייגנדיקן צויבער פֿון איר האַרמאָנישער נאַטור, יעדע, אַפֿילו, נישט־ווילגדיקע גוזמא פֿון אַ באַוועגונג אָדער אַ טאָן, האָט איר פֿאַרדראָסן, ווי עפּעס מיאוסעס און נישט איינפּאַכס. ביסלעכווייז האָט עס מיט דער צייט געווירקט אויך אויף קריסטאָפֿן. נאָך דעם, ווי ער האָט צעריסן די צוימען, וואָס מען האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיין ליידנשאַפֿטלעכן טעמפּעראַמענט, האָט ער געווינען אַ זעלבסטבאַהערשונג און אַ קראַפֿט, וואָס איז נאָך שטאַרקער געווען דערפֿאַר, וואָס ער האָט זי נישט צעשפּליטערט אין אומזיסטער ליידנשאַפֿט.

זייערע נשמות האָבן זיך צונויפֿגעשמאָלצן. דורך דער באַריִרונג מיט קריסטאָפֿס מאָראַלישער קראַפֿט האָט זיך גראַציאַ אויפֿגעכאַפּט פֿון איר האַלבן שלאָף, אין וועלכן זי האָט זיך שמייכלענדיק איבערגעגעבן צו דעם תּענוג פֿון לעבן. זי האָט זיך איצט דירעקטער און אַקטיווער פֿאַרנומען מיט גייסטיקע ענינים. זי, וואָס האָט ווייניק געלייענט און געהאַט פֿריִער אַ נייגונג צו לייענען אָן אויפֿהער די זעלבע אַלטע ביכער מיט זייער באַנאַלן זאַפֿט, איז באַהערשט געוואָרן פֿון אַ נייגעריקייט צו אַנדערע געדאַנקען און האָט באַלד געפֿונען אין זיי אַן אינטערעס. די עשירות פֿון דער מאָדערנער געדאַנקען־וועלט, וואָס זי האָט געקענט, האָט זי געשראָקן, און זי האָט זיך נישט דערוועגט אַליין אַהין אַריינצוגיין. ביסלעכווייז איז קריסטאָף געוואָרן איר פֿירער, זי האָט עס נישט באַמערקט און אַפֿילו נישט געשטרעבט דערצו — עס איז שוין געוואָרן במילא, אַז זי האָט גענומען פֿאַרשטיין דאָס יונגע איטאַליען, וואָס איר שטורמדיק פֿייער איז איר אַזוי לאַנג נישט געפֿעלן געוואָרן.

אָבער קודם־כּל האָט קריסטאָף געפֿילט די ברכה פֿון דער דאָזיקער קעגנזייטיקער השפּעה. מען האָט אָפֿט אָבסערווירט, אַז אין דער ליבע גיט דער שוואַכערער מער. דער אַנדערער ליבט אויך נישט ווייניקער, אָבער דער שטאַרקערער מוז אומבאַדינגט נעמען מער. אָט אַזוי איז קריסטאָף באַרייכערט געוואָרן דורך אָליוויערס גייסט, אָבער זיין נייע גייסטיקע חתונה איז געווען פֿרוכטבאַרער, ווייל גראַציאַ האָט אים געבראַכט אַלס נדן דעם זעלטענעם אוצר, וואָס אָליוויער האָט קיינמאָל נישט געבראַכט: די פֿרייד, די פֿרייד פֿון דער נשמה אין די אויגן. דאָס ליכט, דעם שמייכל פֿון דעם לאַטייניִשן הימל, וואָס וואַשט אַראָפּ

פון יעדער זאַך די מיאוסקייט, בליט אויף די שטיינער פון די אַלטע מויערן און וואַרפט אָן זיין רויק ליכט אַפילו דעם טרויער.

זייער פריינט איז געווען דער דערוואַכנדיקער פרילינג. דער חלום פון אַ ניי לעבן האָט געצאַפלט אין דעם וואַרעמען, פאַרשלאָפענעם ליכט. יונגער גרינס האָט געגלאַנצט צווישן זילבער-גרויע איילבירטן. אונטער די טונקל-רויטע בויגנס פון די צעפאַלענע אַקוואַדוקטן האָבן געבליט ווייסע מאַנדל-בוימער. אין דער ווידער דערוואַכטער קאַמפאַניאַ האָבן געשטראָמט די כוואַליעס פון גראָז און די רויטע פלאַמען פונם מאָן. איבער די בייטן פון די גערטנער האָבן גערונען טייכלעך פון פיאָלעטע אַנעמאָנען. עס זענען געלעגן אויסגעשפרייט טעפיכער פון פיילעכלעך. גליצינען האָבן געקלעטערט צו די פינען-בוימער, און דער ווינט, וואָס איז דורכגעלאָפן איבער דער שטאָט, האָט אַוועקגעטראָגן דעם ריח פון רויזן.

זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען שפאַצירן. ווען גראַציאַ האָט זיך איינמאָל אויפגעכאַפט פון דער אָריענטאַלישער פוילקייט, אין וועלכער זי האָט לאַנגע שעהן געדרימלט, איז זי געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערע. זי האָט גערן געוואַנדערט. הויך, מיט לאַנגע פיס, מיט אַ קרעפטיקן בויגעוודיקן אויבערשטן קערפער, איז זי מיט איר סילועט ענלעך געווען צו דיאַנאַ פון פרימאַטיטשיאָ. ס'רוב פלעגן זיי באַזוכן איינע פון יענע ווילעס, וואָס זענען געבליבן גאַנץ נאָכן שטורם, בעת די פרוכטפולע רוים פון סעטעצענטאָ איז פאַרזונקען געווען אונטער די כוואַליעס פון דער פיעמאָנטישער באַרבאַריי. באַזונדערס האָבן זיי ליב געהאַט „ווילאַ מאַטיי", דאָס בערגל פון דעם אַלטן רוים, וואָס צופוסנס פון אים שטאַרבן די לעצטע כוואַליעס פון דער פוסטער קאַמפאַניאַ. זיי זענען געגאַנגען דורך אַן אַליי פון דעמבעס, וואָס זייער טיפע געוועלבונג האָט אַרומגענומען די בלויע קייט פון די בערג, די שיינע אַלבאַנער קייט, וואָס איז אָנגעשוואָלן ווי אַ פולסירנדיק האַרץ. לענגאויס דעם וועג האָבן זיי געזען די קברים פון רוימישע משפחות מיט טרויעריקע געזיכטער און טריי געפלאָכטענע הענט. זיי האָבן זיך געזעצט ביים סוף פון דער אַליי אונטער אַ רויזן-אַלטאַנע, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביי אַ ווייסן סאַרקאָפאַג. פאַר זיי איז געווען אַ ווילד לאַנד. אַ טיפע רו. דער געמורמל פון אַ פאַמעלעך-שטראָמענדיקן קוואַל, וואָס האָט אויסגעזען אויסצוגיין פון בענקשאַפט. זיי האָבן שטיל געפלוידערט. גראַציאַס בליק איז פול מיט צוטרוי פאַרזונקען

געוואָרן אין די אויגן פון איר פריינט, קריסטאָף האָט דערציילט פון זיין לעבן, פון זיין געראַנגל, זיינע אַמאָליקע ליידן. זיי זענען שוין איצט נישט געווען טרויעריק. נעבן איר, אונטער איר בליק, האָט אַלץ אויסגעזען אַזוי איינפאַך, אַלץ איז געווען, ווי ס׳האָט באַדאַרפט צו זיין, אויך זי האָט דערציילט. ער האָט קוים געהערט, וואָס זי האָט גערעדט, אָבער קיין איינער פון אירע געדאַנקען איז פאַר אים נישט פאַרלוירן געגאַנגען. ער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט איר נשמה. ער האָט געקוקט מיט אירע אויגן. אומעטום האָט ער געזען אירע אויגן. אירע רויקע אויגן, אין וועלכע ס׳האָט געגליט אַן אינערלעך פייער. ער האָט זיי געזען אין די שיינע פאַרטרויערטע פנימער פון די אַלטע סטאַטועו און אין דער רעטעניש פון זייערע שטומע בליקן. ער האָט זיי געזען אין רוימס הימל, וואָס איז געווען אַדורכגעשניטן מיט ציפרעסן דורך די זון-פיילן, וואָס האָבן געגלאַנצט צווישן די געפינגערטע בלעטער פון די שטיינערנע דעמבעס.

דורך גראַציאַס אויגן האָט ער דערזען דעם זין פון דער לאַטיינישער קונסט. ביז דעמאָלט האָט זיך קריסטאָף באַצויגן גלייכגילטיק צו די איטאַליענישע ווערק, דער באַרבאַרישער בעלי-חלומות, דער גרויסער בער, וואָס איז געקומען פונם גערמאַנישן וואַלד, האָט נישט געהאַט דעם לעבעדיקן חוש פאַר דער שיינקייט פון די מאַרמאָר ווערק, וואָס זענען געווען ווי באַגילדעט מיט אַ האָניק-גלאַנץ. צו די וואַטיקאַנישע אַנטיקן האָט ער זיך באַצויגן פשוט פיינטלעך. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די דאָזיקע נאַרישע קעפּ, די ווייכע אָדער שווערע פּראָפּאָרציעס, דעם גאָרנישט-זאָגנדיקן און גלאַטן קערפּער-אידעאַל, אָט די אַלע לעבעדיקע יינגלעך און גליאַדאַטאָרן. קוים אַ פּאָר פּאָרטרעט-סטאַטועו האָבן געפינען חן אין זיינע אויגן. זייערע פּאָר בילדער האָבן נישט געהאַט פאַר אים קיין שום אינטערעס. נישט קיין גרעסערע סימפּאַטיע האָט ער געפילט צו די בלאַסע, פאַרקרימטע, פלאָרענטינער קרענקלעכע מאַדאָנעס, פרע-ראַפאַעלישע אַפראָדיטעס, וואָס זענען געווען בלוט אָרעם, שווינדזיכטיק, דעגענערירט און אויסגעמאָגערט. און די רויטע שוויצנדיקע בעלי-גופים און אַטלעטן, וואָס די סיקסטינישע קאַפּעל האָט אַרויסגעלאָזן אויף דער מענטשהייט, האָבן ביי אים אויסגעזען, ווי ווילדע חיות, וואָס האָבן געטויגט העכסטנס צו מיליטער. נאָר צו מיקל אַנדזשעלאָ, צו זיינע טראַגישע ליידן, צו זיין געטלעכער פאַראַכטונג, צום ערנסט פון זיינע ליידנשאַפטן האָט

ער געפילט אַ שטילן יראת הכבוד. מיט ריינער און באַרבאַרישער ליבע, ווי עס איז געווען די ליבע פון דעם מייסטער גופא, האָט ער ליב געהאַט די פרומע נאַקעטקייט פון אָט די ייִנגלעך, זיינע רויטהאָריקע און ווילדע יונגפרויען, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי גערודפטע חיות, די צעוויטיקטע אויראָראַ, די מאַדאָנאַ מיט די ווילדע אויגן, וואָס דאָס קינד בייסט איר אין ברוסט, און די שיינע לאה, וועלכע ער וואָלט געוואָלט האָבן פאַר אַ פרוי. אָבער אין דער נשמה פון די געפייניקטע העלדן האָט ער געפונען נאָר די ערלעכע אָפּשפּיגלונג פון זיין אייגענער נשמה.

גראַציאַ האָט געעפנט פאַר אים די טויערן פון אַ נייער קונסטוועלט. ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער לויטערקייט פון אַ ראַפאַעל און אַ טיציאַן. ער האָט געזען דעם דערהויבענעם גלאַנץ פון דעם קלאַסישן גאון, וואָס הערשט ווי אַ לייב איבער דער וועלט פון די דערגרייכטע און געמייסטערטע פאָרמען. ער האָט געזען די צאָרנדיקע וויזיע פון דעם גרויסן ווענעציאַנער, וואָס טרעפט גלייך אין האַרץ אַריין און וואָס אירע שטראַלן צעטרייבן די אומקלאָרע נעפּלען, ווו עס באַהאַלט זיך דאָס לעבן. ער האָט געפילט די אַלמעכטיקע הערשאַפט פון די דאָזיקע לאַטיינער, וואָס קאָנען נישט נאָר זיגן, נאָר אויך באַזיגן זיך אַליין; וואָס אַלס זיגער לייגן זיי אַרויף אויף זיך די שטרענגסטע צוימען, און וואָס ווייסן, וואָס פאַראַ רויב מען דאַרף אויסקלייבן מיטצונעמען פון דעם שלאַכטפעלד. ראַפאַעלס אָלימפּישע בילדער האָבן אָנגעפולט אין קריסטאָפס האַרץ אַ רייכערע מוזיק, ווי די מוזיק פון וואַגנער. מוזיק פון לעבעדיקע ליניען, איידעלע בויווערק, האַרמאָנישע גרופּן! אַ מוזיק, וואָס שטראַלט אַרויס פון דער פאָלקאָמענער שיינקייט פון דעם אויסדרוק, פון די הענט, פון די רייצנדע פיס און פון יעדער באַוועגונג! פאַרגייסטיקונג, ליבע, דער קוואַל פון ליבע, וואָס שטראָמט אַרויס פון די דאָזיקע נשמות, פון די דאָזיקע ייִנגלשע קערפּער. אַ קראַפט פון גייסט און לוסט, יוגנטלעכע צערטלעכקייט, איראָנישע פקחות, אַ שטאַרקער און הייסער דופט פון קערפּערס, וואָס אָטעמען מיט ליבע; אַ לויכטנדיקער שמייכל, אין וועלכן ס'פאַרשווינדן די שאָטנס און עס דרימלט איין די ליידנשאַפט. שטראָמענדיקע לעבנס-כוחות, וואָס רייסן זיך ווי די פערד פון העליאָס, אָבער זיי ווערן געצוימט פון דער רויקער האַנט פון דעם פירער...

און קריסטאָף האָט געפרעגט ביי זיך:

— איז עס מעגלעך צו פאַרייניקן די קראַפט און דעם פרידן פון רוים, ווי זיי האָבן עס געטון? היינט שטרעבן די בעסטע מענטשן צו פאַרווירקלעכן איינס אויפן חשבון פון דעם צווייטן. די איטאַליע-נער האָבן, משמעות, צווישן אַלע פעקער צום שטאַרקסטן פאַרלוירן דעם חוש פון האַרמאָניע, וועלכע עס פאַרמאָגן פוסען, לאָרען און גטעהע. צי מוז זיי דווקא אַן אויסלענדער אַנטפּלעקן דעם ווערט פון דעם אַלעמען?... און ווער וועט אויסלערנען אונזערע מוזיקער? די מוזיק האָט נאָך איר ראַפאַעלן נישט געהאַט. מאָצאַרט איז נאָר אַ קינד, אַ דייטשער קליינבירגער, מיט ציטערנדיקע הענט און אַ פילנ-דיקע נשמה, וואָס רעדט צופיל, מאַכט צופיל זשעסטן און רעדט, וויינט און לאַכט צוליב אַ נאַרישקייט. און נישט דער גאָטיקער באַך. נישט דער באָרען פּראָמעטעוס, וואָס קעמפט מיטן גייער-פויגל, נישט זיינע טיטאַנישע נאָכגייער, וואָס טורעמען דעם פעליאָן אויף דעם אָסאַ, טרייסלען אויף דעם גאַנצן הימל, — האָבן קיינמאָל נישט געזען גאָטס שמייכל.

זינט ער האָט עס געזען, האָט ער זיך געשעמט מיט זיין איי גענער מוזיק. זיינע גאַוואַנדיקע זשעסטן, זיינע איבערגעטריבענע ליידנ-שאַפטן, זיין אומפאַרשעמטע קלאָגעניש, מיט איין וואָרט, דאָס דאָזיקע גאַנצע אַרויסשטעלן פאַר דער עפנטלעכקייט דעם אייגענעם איך און אָט דער מאַנגל אין מאָס, — האָבן ביי אים אויסגעזען קלאָגנדיק און בזיונותדיק. אַ סטאַדע אָן אַ פּאַסטוך, אַ מלוכה אָן אַ קעניג. —מען מוז זיין אַ הערשער איבער דער ברויזנדיקער נשמה... אין משך פון די דאָזיקע חדשים האָט קריסטאָף אינגאַנצן פאַרגעסן די מוזיק. ער האָט כמעט נישט געשריבן און נישט געפילט קיין באַדערפעניש דערצו. זיין גייסט, וואָס איז באַפרוכפּערט געוואָרן פון רוים, איז געווען פול אָנגעלאָדן. ער האָט פאַרבראַכט זיינע טעג אין אַ צושטאַנד פון טרוים און האַלבער באַרוישונג. די נאַטור איז, פּונקט ווי ער, געווען אין דעם ערשטן פרילינג, אין וועלכן די שלאַבעריקייט פון דערוואַכן פאַרייניקט זיך מיט אַ שיכּרותדיקער שווינדלעניש. ער האָט געטרוימט צוזאַמען מיט איר אַרומגענומען ווי געליבטע, וואָס זענען פאַרזונקען אין שלאָף. די פיבערנדיקע רעטעניש פון קאַמפּאַניאַ איז אים שוין נישט געווען דערווידער און האָט אים נישט באַאומרויקט. ער איז

געוואָרן דער האַר איבֿער איר טראַגישער שיינקייט; אין זיינע אָרעמס האָט ער געהאַלטן די אַנטדרימלטע דעמעטער.

אין חודש אַפּריל האָט ער באַקומען אַ פֿאָרשלאַג פֿון פּאַריז צו דיריזשירן מיט אַ ריי אייגענע קאָנצערטן. ער האָט געוואָלט באַלד אָפּזאָגן, נאָר ער האָט געהאַלטן פֿאַר זיין חוב זיך דורכצושמועסן וועגן דעם מיט גראַציאַן. עס האָט אים פֿאַרשאַפֿט גרויס פֿרייד צו באַראַטן זיך מיט איר וועגן זיין לעבן. דערביי האָט ער געהאַט די אילוזיע, אַז זי טיילט עס מיט אים. דאָס מאָל האָט ער געהאַט אַ קליינע אַנטוישונג. זי האָט אים געהייסן דערציילן גענוי די פּרטים פֿון דעם ענין און געראַטן אָנצונעמען דעם פֿאָרשלאַג. דאָס האָט אים פֿאַראומערט, ער האָט געזען אין דעם אַ באַווייז פֿון איר גלייכגילטיקייט.

גראַציאַ האָט אים געגעבן די דאָזיקע עצה מיט אַ געוויסן טרויער. צו וואָס האָט זי קריסטאָף געפֿרעגט? וואָס מער ער האָט איר אָנפֿאַרטרויט זיין לעבן און געהייסן איר אַנטשיידן, אַלץ מער האָט זי זיך געפֿילט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די האַנדלונגען פֿון איר פֿריינט. דורך דעם אויסטויש, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן זייערע געדאַנקען, האָט זי צוגענומען ביי קריסטאָפֿן אַ טייל פֿון זיין ווילן. ער ווידער האָט איר אַנטפּלעקט, ווי בייטיק און ווי שיין עס איז צו זיין אַקטיוו. זי האָט געהאַלטן, אַז איר פֿריינט מוז דערפֿילן זייגע פֿליכטן, און דעריבער געהייסן אים פֿאָרן. זי האָט געקענט בעסער פֿון אים די איינשלעפֿערנדיקע מאַכט, וואָס ליגט פֿאַרבאָרגן אין דעם אָטעם פֿון דער איטאַליענישער ערד, זאַפּט זיך איין אין די אָדערן, ווי אַ לאַנגזאַמער סם, און שלעפֿערט איין דעם ווילן. ווי אָפֿט האָט זי געפֿילט זיין שטאַרקן כּשוף און נישט געהאַט קיין כּח זיך פֿון אים צו באַפֿרייען! איר גאַנצע סביבה איז, מער אָדער ווייניקער, געווען באַהערשט פֿון אָט דער גייסטיקער מאַלאַריע. אפֿילו די שטאַרקסטע זענען געווען אירע קרבנות. זי האָט פֿאַרמאָגט די קראַפֿט פֿון אַ רוימישער וועלפֿין. רוים האָט געאָטעמט מיט טויט: זי האָט

געהאַט צופיל קברים. עס איז געזונטער צו בלייבן דאָרט נאָר אַ קורצע צייט, איידער כסדר צו לעבן דאָרט. צו לייכט פאַרלירט מען דאָרט די באַרירונג מיט דער וועלט: אין דעם ליגט אַ געפערלעכער רייץ פאַר יונגע כוחות, וואָס האָבן נאָך פאַר זיך אַ לאַנגן וועג. פאַר גראַציאַן איז קלאָר געוואָרן, אַז די וועלט אַרום איר פאַרמאָגט צו ווייניק זאָנרעגונג פאַר אַ קינסטלער. און הגם זי האָט געפילט צו קריסטאָפן מער פריינטשאַפט, ווי צו יעדן אַנדערן, פונדעסטוועגן וואָלט עס איר נישט פאַרדראָסן, ווען ער פאָרט אַוועק. אַך! ער האָט זי פשוט געמאַטערט מיט דעם אַלעם, וואָס זי האָט אין אים ליב געהאַט, מיט זיין איבערשטראָמענדיקער אינטעליגענץ, מיט דער שפע פון זיינע לעבנס־כוחות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט במשך פון לאַנגע יאָרן און איצט פאַרפלייצט: שטערנדיק דורך דעם איר אייגענע רו. אפשר איז ער איר אויך געפאַלן צו לאַסט, ווייל זי האָט געפילט אַ סכנה אין אָט דער שיינער רירנדיקער און גלייכצייטיק דריקנדיקער ליבע, פון וועלכער ס'איז כדאי געווען זיך צו האַלטן פון דער ווייטן. מען האָט זיך כסדר געדאַרפט היטן, זי האָט זיך דערצו נישט מודה געווען. זי האָט נאָר געגלויבט, אַז זי האַנדלט פאַר זיין טובה וועגן.

עס האָבן איר נישט געפעלט דערצו קיין ריכטיקע סיבות. אין דעם דעמאָלטיקן איטאַליען איז שווער געווען פאַר אַ מוזיקער צו לעבן, ווייל ס'האָט געפעלט לופט. דאָס מוזיקאַלישע לעבן איז געווען אונטערדריקט און דערשלאָגן. די פאַבריק-מעסיקע טעאַטערשטיק האָבן פאַרשמוצט און פאַררויכערט דעם באָדן, וואָס זיין מוזיקאַלישע בליונג האָט אַמאָל אָנגעפולט מיט איר ריח גאַנץ אייראָפּע. דער, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אָנשליסן אין די רייען פון די שרייער, ווער ס'האָט נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט אַריינטרעטן אין דער פאַבריק, דער איז געווען פאַרמשפט אויסצווואַנדערן אָדער צו לעבן אָן ליכט און אָן לופט. דער טאַלענט האָט געמוזט גיין לאיבוד אין דער דאָזיקער ענגער אַטמאָספערע. קריסטאָף האָט באַגעגנט איינעם אַ יונגן מוזיקער, ביי וועלכן ס'האָט אויפגעלעבט די נשמה פון די מעלאָדיענרייכע מייסטער פון יענער ראַסע, און דער אינסטינקט פאַר שיינקייט, וואָס האָט אַדורכגעדרונגען די מייסטערהאַפטע קונסט פון דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער ווער מען זענען זיי אָנגעגאַנגען, אָט די דאָזיקע מוזיקער? ס'איז זיי נישט געלונגען נישט

אויפצופירן און נישט אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. עס איז נישט געװען קיין שום פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער ריינער סימפּאָניע. מען האָט פּשוט אין ערגעץ נישט געהערט קיין מוזיק, וואָס זאָל זיך נישט פּוצן און שמינקעווען... אָט אַזוי האָבן זיי געזונגען מיט דערשלאָגענע שטימען פֿאַר זיך אַליין און האָבן זיך פֿאַרלאַנגעווייליקט. צו וואָס? שלאָפֿן... — קריסטאָף וואָלט זיי פֿון גאַנצן האַרצן געהאָלפֿן. נאָר אויב ער האָט עס אַפּילו געקאָנט, האָט אים נישט צוגעלאָזן דערצו זייער אומצוטרױלעכער שטאָלץ. וואָס ער זאָל נישט טון, איז ער שטענדיק געווען פֿאַר זיי אַ פרעמדער; פֿאַר די איטאַליענער פֿון דער אַלטער ראַסע בלייבט יעדער פרעמדער אין פּלוג אַ באַרבאַר, הגם זיי נעמען אים אויף זייער האַרציק. זיי האָבן אײַנגעפונען, אַז די ירידה פֿון זייער קונסט איז אַן אינערלעכער ענין, וואָס גייט אָן בלויז זיי אַליין. הגם זיי זענען געווען זייער פֿאַרשווענדעריש אין די פּריינטלעכע באַווייזן, האָבן זיי דאָך נישט אויפגענומען קריסטאָפֿן אין זייער משפחה. — וואָס זשע איז אים געבליבן צו טון? ער האָט דאָך נישט געקאָנט זיך שטעלן מיט זיי צום קאַמף, און וועלן צונעמען ביי זיי דעם קליינעם פּלאַץ אונטער דער זון, וואָס זיי האָבן אַזוי אויך קוים אײַנגעהאַלטן!

אָבער דער זשעני קאָן זיך נישט באַגיין אָן קיין דערנערונג. דער מוזיקער מוז האָבן מוזיק — ער מוז זי הערן, ער מוז זי אַליין שאַפֿן. אַ צייטווייליקע אײַנזאַמקייט האָט אַ גרויסן ווערט פֿאַרן גייסט, וואָס איז דורך דעם געצוווּנגען זיך צו קאָנצענטרירן. אָבער נאָר מיטן תּנאי, אַז ער וועט זיך ווידער באַפֿרייען פֿון איר. אײַנזאַמקייט איז פֿראַכטפֿול, אָבער זי ברענגט טויט דעם קינסטלער, וואָס האָט נישט מער קיין כּוח זיך פֿון איר אַרויסצורייסן. מען מוז מיטמאַכן דאָס לעבן פֿון דער צייט, אַפּילו ווען ס׳איז טומלדיק און געמיין. מען מוז אָן אויפהער געבן און נעמען, געבן און ווידער אַמאָל געבן און נאָך אַמאָל נעמען. — אין קריסטאָפֿס צייט איז איטאַליען שוין נישט געווען דער גרויסער קונסט־מאַרק, וואָס זי איז געווען אַמאָל און וועט עס נאָך אפשר ווידער ווערן, די יאַרידן פֿון די געדאַנקען, וווּ די נשמות פֿון אַלע פעלקער פירן אָן אויסטויש, האָבן זיך הײַנט אַריבערגעטראָגן אין צפון, ווער עס וויל לעבן, מוז לעבן דאָרט.

וואָלט קריסטאָף געווען איבערגעלאָזן זיך אַליין, וואָלט ער זיך אָפּגעהיט און נישט אַ וואָרף געטון זיך ווידער אין דעם נייעם װיר.

אָבער גראַציאַ האָט געפילט קריסטאָפס חוב קלאָרער, ווי ער אַליין, און זי האָט פאַרלאַנגט פון אים מער, ווי ער אַליין האָט פון זיך געפאָדערט, אפשר דערפאַר, וואָס זי האָט אים העכער געשעצט, אָבער אויך דערפאַר, ווייל עס איז איר געווען באַקוועמער. זי האָט אים אָנגעוויזן דעם וועג צו מעשים און אַליין געבענקט נאָך רו. — ער האָט נישט געקאָנט בייז זיין אויף איר. זי איז געווען געגליכן צו מאַריאַן, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן דעם בעסערן טייל. יעדער איינער האָט אין לעבן זיין ראָל. קריסטאָפס אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין מעשים. זי האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט איר עקזיסטענץ גופא. ער האָט פון איר מער נישט פאַרלאַנגט.

ער האָט נאָר פון איר פאַרלאַנגט זי זאָל אים, אויב ס'איז מעגלעך, ליב האָבן, — אויב ס'איז מעגלעך, גיכער פון דעם שטאַנדפונקט פון אירע אינטערעסן, ווי פון זיינע, ווייל ער איז איר נישט באַזונדערס געווען דאַנקבאַר פאַר דעם אַלטרואיזם פון איר פריינטשאַפט, וואָס איז אַוועק אַזוי וויט, אַז זי האָט געטראַכט נאָר וועגן דעם פריינט. ער האָט זיך געוווּנשן, זי זאָל ווייניקער טראַכטן פון אים און מערער וועגן זיך. ער איז אָפּגעפאָרן און דערווייטערט זיך פון איר, אָבער נישט צעשיידט זיך מיט איר. אַן אַלטער מינע-זינגער האָט געזאָגט:

— דער פריינט צעשיידט זיך מיט זיין פריינדין, ווען זיין נשמה פאַרלאַנגט עס.

מיט אַ שווער געמיט איז ער אָנגעקומען קיין פאַריז. נאָך אַליוויערס טויט איז ער צום ערשטן מאָל אַהין געפאָרן. ער האָט געהאַט באַשלאָסן מער די דאָזיקע שטאָט נישט צו זען. בעת ער איז געזעסן אין דער קאַרעטע, וואָס האָט אים געפירט פון וואָקזאַל צום האָטעל, האָט ער נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצוקוקן דורכן פענסטער. ער האָט פאַרבראַכט די ערשטע טעג אין צימער און נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַרויסצוגיין. ער האָט מורא געהאַט פאַר די זכרונות, וואָס האָבן געלויערט אויף אים פאַרן טיר. אָבער פאַרוואָס האָט ער אייגנטלעך מורא געהאַט? האָט ער זיך עס קלאָר געמאַכט?

איז עס געווען די שרעק, טאָמער טויבֿן אַרויף אומעטום לעבעדיק די זכרונות? דאָס האָט אים אויסגעזען וואַרשיינלעך. אָדער אפשר האָט ער מורא געהאַט פאַרן ווייטיק, טאָמער וועט ער די זכרונות געפונען איצטער טויט?... קעגן דעם דאָזיקן פרישן טרויער האָט ער זיך האַלב־אומבאַוווסט באַוואָפנט מיט דער גאַנצער ביטערקייט פון זיין אינסטינקט. צוליב דעם — ער האָט עס אפשר אַליין נישט געוווסט — האָט ער זיך אויסגעקליבן אַ האָטעל אין אַ שטאָט־קוואַרטאַל, וואָס איז געלעגן זייער ווייט פון דער גאַס, וווּ זיי האָבן פריער געוווינט. און ווען ער איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען איבער די גאַסן, ווען ער האָט געמוזט דיריזשירן בעת די אָרקעסטער־פּרוּוון אינם קאָנצערט־זאַל, ווען ער איז ווידער געקומען אין באַרירונג מיטן פאַריזער לעבן, האָט ער אַ לאַנגע צייט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן און נישט געוואָלט זען דאָס, אויף וואָס ער האָט געקוקט, עקשנותדיק נישט געוואָלט זען דאָס, וואָס ער האָט געזען אַמאָל. ער האָט זיך שוין געזאָגט פאָרויס:

— איך קען עס, איך קען עס...

אין דער קונסט האָט נאָך אַלץ געהערשט די זעלבע אומטאָלעראַנטע אַנאַרכיע, ווי אין דער פּאָליטיק. שטענדיק דער זעלבער אַ יריד. נאָר די אַקטיאָרן האָבן זיך געטוישט אין די ראָלן. די רעוואָלוציאָנערן פון זיין צייט זענען געוואָרן קליינבירגער, די איבערמענטשן פון זיין צייט זענען איצט געווען אין דער מאָדע. די אומאָפּהענגיקע פון אַמאָל האָבן איצט געפּרוּווט צו דערשטיקן די אומאָפּהענגיקע פון היינט; די, וואָס זענען מיט צוואַנציק יאָר צוריק געווען יונג, האָבן זיך איצט אַרויסגעוויזן פאַר רעאַקציאָנערער פון די אַלטע, וועלכע זיי האָבן אַמאָל באַקעמפט, און זייערע קריטיקער האָבן אָפּגעלייקנט דאָס לעבנסרעכט פון דעם נייעם דור. לפנים האָט זיך גאָרנישט געענדערט

און דאָך איז אַלץ אַנדערש געוואָרן...

„ליבע פריינדין, זייט מיר מוחל. איר וועט מסתמא נישט בייז זיין, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געשוויגן. אייער בריוו איז פאַר מיר געווען

אַ גרויסע פרייד. איך האָב אַ פּאָר וואָכן פאַרבראַכט אין אַ שרעקלעכע שווערער שטימונג, מיט אַמאָל האָט מיר אַלץ אויסגעפעלט. איך האָב פאַרלוירן אייך און דאָ געפונען אַ שרעקלעכן חלל אויף דעם אָרט פון די, וואָס איך האָב פאַרלוירן. אַלע אַלטע פריינט, וועגן וועלכע איך האָב אייך דערציילט, זענען פאַרשווּנדן געוואָרן,, פילאָמעלע — (איר דערמאָנט זיך מסתמא די שטים, וואָס האָט געזונגען אין יענעם ליבן אומעטיקן אָוונט, ווען איך האָב געבלאָנזעט דורך דעם יום-טובדיקן המון און ווידער דערזען אין אַ שפּיגל אייערע אויגן, וואָס האָבן מיך אָנגעקוקט) — פילאָמעלע האָט פאַרווירקלעכט איר רעאַלן חלום. זי האָט אָפּגענומען אַ קליינע ירושה און איז אַוועק קיין נאָרמאַנדיע. דאָרט האָט זי אַ גוט, ווו זי פירט אַליין די באַלעבאַטישקייט. הער אַרנאָ האָט זיך געזעגנט מיט זיין אַרבעט און האָט זיך אומגעקערט מיט זיין פרוי אין דער פּראָווינץ, אין אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון אַנזשער, פון די באַרימטקייטן פון מיין צייט זענען אַ סאַך געשטאָרבן אָדער אונטערגעגאַנגען. נאָר אַ פּאָר אַלטע קאָמעדיאַנטן, וואָס האָבן מיט צוואַנציק יאָר צוריק געשפּילט די יוגנטלעכע הויפּט-ראָלן אין דער קונסט און אין דער פּאָליטיק, שפּילן זיי נאָך היינט אויך מיט די זעלבע פאַלשע מינעס. אויסער די דאָזיקע מאַסקעס קען איך קיינעם נישט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי מאַכן זיך לוסטיק איבער אַ קבר, דאָס איז געווען אַ שרעקלעך געפיל. — אויסער דעם האָב איך פּשוט קערפּערלעך געליטן, די ערשטע צייט נאָך מיין אָנקומען פון דער מיאוסקייט, וואָס רינגלט מיך אַרום, דער עיקר פון דעם גרויען צפון-ליכט, גראָד נאָכדעם, ווי איך האָב פאַרלאָזן אייער גאָלדענע זון; די צוזאַמענגעקוועטשטע בליי-גרויע הייזער, די געוויינלעכע ליניעס פון אַנדערע קירכן און דענקמעלער, וואָס זענען מיר פריער קיינמאָל נישט פרעמד געווען, — האָבן מיך איצט אָפּגעשטויסן. די גייסטיקע אַטמאָספער איז פאַר מיר געוואָרן אומדערטרעגלעך.

יאָ, איך קאָן זיך אויף די פאַריזער נישט באַקלאָגן. דער קבלת-פּנים, וואָס זיי האָבן מיר געמאַכט, איז לחלוטין אַנדערש, ווי אַמאָל. דאַכט זיך, אַז אין משך פון דער צייט, וואָס איך בין דאָ נישט געווען בין איך געוואָרן עפּעס אַ מין באַרימטקייט. איך וועל אייך וועגן דעם קיין סאַך נישט זאָגן: איך ווייס, וואָס זי איז ווערט, און איך בין גערירט פון אַלץ דאָס פריינדלעכע, וואָס די דאָזיקע מענטשן זאָגן און שרייבן וועגן מיר. איך בין זיי דאַנקבאַר דערפאַר. אָבער ווי

זאָל איך עס אייך דערקלערן? איך פיל זיך נענטער צו די, וואָס האָבן מיך אַ מאָל באַקעמפט, איידער צו די, וואָס ליבן מיך היינט... די שולד ליגט אין מיר, איך ווייס עס. זייט נישט בייז אויף מיר. איך בין אַ ווילדע אַרויס פון מיין גלייכגעוויכט. איך בין געווען גרייט דערצו. איצט איז עס פאַרביי. איך פאַרשטיי. יאָ, איר האָט רעכט, וואָס איר שיקט מיך צווישן מענטשן, אין מיין איינזאַמקייט וואָלט איך פאַרלוירן דעם באָדן. עס איז נישט געזונט צו שפילן אַ זאַראַטוסטראַ. דער שטראָם פון לעבן פליסט צו אונז און פון אונז. עס קומט אַ מאָמענט, ווען מיר ווערן אַליין אַ מדבר. וויל מען אָבער אויסגראָבן אין זאַמד אַ נייעם קאַנאַל ביזן טייך, מוז מען לאַנגע טעג אַרבעטן אָנגעשטרענגט אויף דער ברענענדיקער זון. — די אַרבעט איז געטון געוואָרן. עס שווינדלט מיר שון מער נישט אין קאָפ. איך שווים ווידער אין שטראָם, איך קוק מיך אַרום און איך זע.

ליבע פריינדין, וואָס פאַראַ מערקווירדיק פאָלק זיי זענען, די פראַנצויזן. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך געגלויבט, אַז זיי גייען אונטער... איצט זע איך, אַז זיי הויבן ווידער אָן פון אָנהויב. מיין טייערע פריינדין זשאַנען האָט עס מיר אַמאָל פאָרויסגעזאָגט. אָבער איך האָב געטראַכט, אַז דאָס איז אַן אילוזיע. ווי האָב איך דעמאָלט געקאָנט גלויבן! פראַנקרייך איז געווען, גלייך ווי פאַריז, פול מיט שפאַרעס, לעכער און חורבות. איך האָב געזאָגט: „איר האָט אַלץ חרוב געמאַכט, וואָס פאַר אַ ראַסע!"... — אַ דור פון ביבערן: גראָד ווען מען מיינט, אַז זיי פאַלן שוין אויף זייערע חורבות, גרינדן זיי פון די זעלבע חורבות אַ נייע שטאָט, היינט זע איך בלויז בנינים, וואָס דערהויבן זיך פון אַלע זייטן...

„ווען נייע זאַכן געשעען,
מוזן עס אַפילו נאַראָנים פאַרשטיין"

אייגנטלעך, איז עס שטענדיק די זעלבע פראַנצויזישע אומאָרדנונג. מען מוז זיין צוגעוווינט, אויב מען וויל דערקענען די אַרבעטער־אַרמיי, וואָס שטויסט זיך פון אַלע זייטן און וואָס יעדערער פון זיי האָט די זעלבע אויפגאַבע. איר ווייסט, עס זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס קאָנען גאָרנישט טון, אויב זיי שרייען נישט אַראָפּ פון די דעכער, וואָס זיי טוען. דאָס זענען אויך מענטשן, וואָס קענען קיין זאַך נישט אויספירן, אויב זיי באַשמוצן נישט דאָס, וואָס עס טוען זייערע שכנים. דאָס קאָן צעטומלען אַפילו דעם שטאַרקסטן

קאָפּ. אויב מען האָט אָבער, ווי איך, געלעבט ביי זיי כמעט צען יאָר, לאָזט מען זיך נישט פאַרשרייען פון זייער ליאַרם. מען פאַרשטייט, אַז דאָס איז דער אופן, מיט וועלכן זיי וועקן זיך צו דער אַרבעט. צום ווילדסטן איז, וואָס די מאַסע געביידעס, ווירקן נישט אומהאַרמאָניש. אַפילו אויב זיי זענען פון די פאַרשידנסטע אויסזעענס זענען זיי אָבער אַלע פון זעלבן מין. אָט אַזוי לעבן אונטער זייערע אַנאַרכיע שותפותדיקע אינסטינקטן, אַ ראַסן-לאָגיק, וואָס פאַרנעמט דאָס אָרט פון דיסציפּלין, און אין רעזולטאַט ווירקן זיי נאָך בעסער, ווי די דיסציפּלין פון אַ פּרייסישן רעגימענט.

אומעטום טרעפט מען דעם זעלבן פאַרנעם, דעם זעלבן בויפיבער. אין דער פּאָליטיק, ווי נאַציאָנאַליסטן און סאָציאַליסטן אַרבעטן צוזאַמען, ווידער צו פאַריכטן די צעבראָכענע מאַשין; אין דער קונסט, ווו אַנדערע ווילן פאַרריכטן אַן אַלט, אַריסטאָקראַטיש הויז פאַר די אויסדערוויילטע, און די אַנדערע — אַ פאָלקס-האַלע פאַר אַלעמען. בויער פון דער פאַרגאַנגענהייט, בויער פון דער צוקונפט. אָבער אינטערעסאַנט איז, וואָס די דאָזיקע דערפינדערישע חיות בויען כסדר פון ס'ניי די זעלבע קאַמערן. זייער ביבער-און-בנין-אינסטינקט טרייבט זיי צו מאַכן אין משך פון אַלע דורות די זעלבע באַוועגונגען, צו געפינען ווידער די זעלבע פאָרמען. אומבאַוווסט זענען אפשר די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן די, וואָס האַלטן זיך ביי די עלטסטע טראַדיציעס. איך האָב געטראָפן אין די סינדיקאַטן און צווישן די באַדייטנסטע יונגע שריפטשטעלער פשוט מיטלאַלטערלעכע נשמות.

איצט, ווען איך האָב זיך ווידער איינגעלעבט מיט זייער צעבויטעוועטן לעבנס-שטייגער, קוק איך זיך צו מיט צעפרידנהייט צו זייער אַרבעט. אָפט געזאָגט, בין איך אַ צו אַלטער בער, איך זאָל מיך קאָנען גוט פילן אין איינעם פון זייערע הייזער. איך דאַרף פרייע לופט. אָבער וואָס פאַר אַ גוטע אַרבעטער זיי זענען! דאָס איז זייער בעסטע אייגנשאַפט. זי פירט אַרויס די מיטלמעסיקסטע און פאַרדאָרבנסטע אויף דער אויבערפלאַך. און וואָס פאַר אַ חוש פאַר שיינקייט עס פאַרמאָגן זייערע קונסטלער! איך האָב עס פריער ווייניקער געפילט, איר האָט מיך אויסגעלערנט זען. מיינע אויגן זענען געעפנט געוואָרן אונטער רוימס ליכט. אייערע רענעסאַנס-מענטשן האָבן מיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין די היינטיקע. איין זייט פון דעביוסי, איין טאָרסאָ פון

ראָדען, איין זאַך פון סוראַ שטייען אויף איין ליניע מיט זייערע סינקעסענטיסטן.

מיר געפעלט דאָ נישט אַלץ, איך האָב ווידער געפונען מיינע אַלטע באַקאַנטע פון יריד, וואָס האָבן שוין אַמאָל אַרויסגערופן ביי מיר אַזוי פיל הייליקן צאָרן. זיי האָבן זיך כמעט נישט געענדערט. אָבער איך בין לײדער יאָ געענדערט. איך האָב נישט מער קיין העזה שטרענג צו זיין. ווען ס'נעמט מיך אָן דער חשק צו משפטן עמעצן פון זיי שטרענג, זאָג איך מיר: דו האָסט דערצו קיין רעכט נישט. דו ביסט באַגאַנגען ערגערע זאַכן, ווי די דאָזיקע מענטשן, דו. וואָס דו האַלטסט זיך פאַר אַזאַ שטאַרקן.

איך האָב זיך שוין אויך אויסגעלערנט, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום צוועקלאָזע זאַך, און אַז אפילו די ערגסטע מענטשן האָבן זייערע ראָלן אין דער טראַגעדיע. די ערגסטע דילעטאַנטן, די מיאוסטע אַמאָראַליסטן האָבן אויסגעפירט זייער אויפגאַבע אַלס בוים-ווערים; ס'איז גוט חרוב צו מאַכן דעם בנין, וואָס וואַקלט זיך, איידער מען גייט אים ווידער אויפבויען. די יידן זענע, געבליבן טריי זייער הייליקע שליחות, צו בלייבן צווישן אַנדערע ראַסן דאָס פּרעמדע פאָלק, דאָס פאָלק, וואָס וועבט פון איין עק וועלט ביזן צווייטן די נעץ פון מענטשלעכער געמיינזאַמקייט. זיי מאַכן חרוב די שכלדיקע גרע- נעצן צווישן פעלקער, כדי צו שאַפן צווישן איין פאָלק און צווייטן דעם פרייען פאַרקער פונם געטלעכן שכל. די ערגסטע פעלשער, די חוזקדיקסטע צעשטערער, וואָס גראָבן אונטער דעם גלויבן פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און דערמאָרדן אונזערע טייערע פאַרשטאָרבענע, אַר בעטן אָן זייער ווי‌סן ביים הייליקן ווערק: צו שאַפן אַ ניי לעבן אויפן זעלבן אופן אַרבעט אויך דער גיריקער אינטערעס פון די וועלט-בירגערלעכע באַנקירן — הגם מיט זייער אַסאַך חורבנות — אַרום דעם צוקונפטיקן וועלט-שלום, צי זיי ווילן עס יאָ אָדער נישט אָט אַזוי שאַפן זיי זייט-ביי-זייט מיט די רעוואָלוציאָנערן און באַקעמפן די קאַפּיטאַליסטן אַסאַך שטאַרקער, ווי די ראַדיקאַלסטע פאַציפיסטן.

ווי איר זעט, עלטער איר זיך. איך בייס שוין נישט. מיינע ציין זענען פאַרטעמפּט. ווען איך גיי אין טעאַטער, געהער איך שוין נישט צו די יוגנטלעכע באַזוכער, וואָס שעלטן די אַקטיאָרן און באַ- ליידיקן די פאַררעטער.

שטילע גראַציאַ, איך רעד נאָר וועגן זיך, און דאָך טראַכט איך

נאָר ווענן אייך. ווען איר זאָלט וויסן, וויפֿיל איך האָב צו טון מיט מיין איך! ער דריקט מיך ווי אַ משא און זויגט מיך אויס. ער איז ווי אַ שטיין, וואָס גאָט האָט מיר אָנגעהאָנגען ביים האַלז. איך וואָלט מיטן גאַנצן האַרצן אים אַוועקגעלעגט צו אייערע פֿיס. אָבער וואָס וואָלט איר דערמיט געטון? דאָס איז אַ טרויעריקע מתנה... אייערע פֿיס זענען באַשאַפֿן געוואָרן צו גיין איבער אַ זאַפֿטיקער ערד, איבערן זאַמד, וואָס זינקט אונטער די טריט. איך זע זיי, די ליבע פֿיס, ווי זיי גייען פֿאַמעלעך און שווער איבער די לאָנקעס, וואָס זענען באַדעקט מיט אַנעמאָנען... זענט איר נאָך אַמאָל געווען אין דער ווילע דאָריער? מסתמא זענט איר שוין מיד! איך זע אייך איצט אין אייער באַליבטן ווינקל, ווי איר ליגט אויסגעשטרעקט אין אייער צימער, אָנגעשפּאַרט אויפֿן עלנבויגן, און איר האַלט אַ בוך, וואָס איר לייענט נישט. איר הערט מיך אויס גוטמוטיק און לעגט נישט קיין אַכט אויף דעם, וואָס איך זאָג: ווייל איך בין לאַנגווייליק. און כּדי נישט אַרויסצווייזן קיין אומגעדולד וועבט איר אָן אויפֿהער אייגענע געדאַנקען. אָבער איר זענט העפֿלעך און היט זיך מיך נישט צו קרענקען. און ווען אַ וואָרט רייסט אייך צופֿעליק אַרויס פֿון דער ווייטקייט, באַקומען ווידער אייערע אויגן אַ פֿאַראינטערעסירטן אויסדרוק. און איך בין אויך אַזוי ווייט ווי איר פֿון דעם, וואָס איך זאָג. איך הער אויך נישט כּמעט דעם גערויש פֿון מיינע ווערטער. און בעת איך באַטראַכט זייער איינדרוק אויף אייער שיינעם פּנים, טראַכט איך אין זיך גאַנץ אַנדערע ווערטער, וועלכע איך זאָג אייך נישט. יענע ווערטער, ש...לע גראַציאַ, אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע, הערט איר זייער גוט. אָבער איר מאַכט זיך נישט הערנדיק.

לעבט וויל. איך גלויב, אַז איר וועט מיך אין גיכן ווידער זען, איך וויל אייך דאָ נישט פּייניקן. וואָס האָב איך נאָך דאָ צו טון, איצט, נאָך מיינע קאָנצערטן? — איך קוש אייערע קינדער אין די ליבע קליינע בעקעלעך. זיי זענען אַ טייל פֿון אייך. מען מוז זיין באַשיידן!...

קריסטאָף."

די שטילע גראַציאַ האָט געענטפערט:

„ליבער פריינט, איך האָב אויפגענומען אייער בריוו אין דעם קליינעם ווינקל פון צימער, אין וועלכן איר האָט זיך דערמאָנט, און איך האָב אים געלייענט אַזוי ווי אַלעמאָל. איך האָב געלאָזט אייער בריוו פון צייט צו צייט רוען און זיך אַליין אויך אָפּגערוט. לאַכט נישט פון מיר, ווייל איך האָב עס געטון, כדי אים וואָס לענגער צו לייענען. אָט אַזוי האָבן מיר צוזאַמען פאַרבראַכט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. די קינדער האָבן מיך געפרעגט, וואָס איך לייען אַזוי לאַנג. איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איז אַ בריוו פון אייך. אורארא האָט מיט מיטלייד באַטראַכט דאָס פּאַפּיר און געזאָגט: „ווי לאַנגווייליק עס מוז זיין צו שרייבן אַזאַ לאַנגן בריוו.” איך האָב מיך באַמיט זי קלאָר צו מאַכן, אַז דאָס איז נישט קיין שול־אַרבעט. וואָס איך האָב אייך אויפגעגעבן, נאָר אַ מין שמועס צווישן אונז ביידן. זי האָט מיך אויסגעהערט און נישט געענטפערט קיין וואָרט. דערנאָך איז זי אַרויסגעלאָפן מיטן ברודערל זיך שפּילן אין צווייטן צימער. שפּעטער, ווען ליאָנעלאָ האָט איינמאָל אַ געשריי געטון, האָב איך געהערט ווי זי האָט געזאָגט: „מיר דאַרפן זיין שטיל, די מאַמאַ רעדט מיטן הער קריסטאָף”.

דאָס וואָס איר דערציילט מיר וועגן די פּראָווינץ, אינטערעסירט מיך, אָבער ס'איבערראַשט מיך נישט. דערמאָנט זיך, כ'האָב אייך אַ סך מאָל פאָרגעוואָרפן, אַז איר זענט צו זיי אומגערעכט. אפשר דערוועקן זיי נישט קיין ליבע. אָבער וואָס פאַר אַן אינטעליגענט פאָלק דאָס איז! עס זענען פאַראַן קליינע פעלקער, וואָס זיי ראַטעווען זייער גוט הארץ אָדער זייער פיזישע קראַפט. די פּראָווינץ ראַטעוועט זייער אינטעליגענץ. זי דעקט אַלע זייערע חסרונות. זי מאַכט זיי יונגער. ווען מען גלויבט, אַז זיי זענען אונטערגעגאַנגען און פאַרדאָרבן געוואָרן, געפינען זיי אַ נייע יוגנט אין דעם שטענדיק שפּרודלענדיקן קוואַל פון זייער גייסט

אָבער איך מוז מיך אָנבייזערן אויף אייך. איר בעט מיך איבער, פאַרוואָס איר רעדט נאָר וועגן זיך אַליין. איר זענט אַ שלעכטער. איר דערציילט מיר, אייגנטלעך, גאָרנישט וועגן זיך, נישט וואָס איר האָט אויפגעטון און נישט וואָס איר האָט געזען! מיין קוזינע קאָלעט — פאַרוואָס באַזוכט איר זי נישט אַמאָל? — דאַרף מיר שיקן אויסצוגן פון צייטונגען פון אייערע קאָנצערטן, כדי איך זאָל זיך

עפעס דערוויסן פון אייערע דערפאָלגן. איר פטרט עס מיט אַ וואָרט. איז עס אַלץ אייך גלייכגילטיק געוואָרן?... דאָס איז נישט אמת. זייט מודה, אַז דאָס פאַרשאַפט אייך פרייד... עס מוז אייך פאַרשאַפן פרייד, שוין דערפאַר, ווייל פאַר מיר איז עס אַ פרייד. איך האָב נישט ליב ביי אייך קיין אַנטוישטע מינע, דער טאָן פון אייער בריוו איז זייער טרויעריק, דאָס דאַרף נישט זיין. עס איז גוט, וואָס איר זענט איצט גערעכטער בנוגע אַנדערע. אָבער דאָס איז נאָך נישט קיין סיבה זיך אַליין צו באַשולדיקן, ווי איר טוט עס, און צו טענהן, אַז איר זענט ערגער פון די ערגסטע צווישן זיי, אַ גוטער קריסט וועט אייך לויבן דערפאַר. אָבער איך זאָג אייך, אַז ס'איז נישט גוט. איך בין נישט קיין גוטער קריסט. איך בין אַ גוטע איטאַליינערין, וואָס האָט נישט ליב מען זאָל זיך פייניקן מיט דער פאַרגאַנגענהייט. די געגנוואַרט שטעלט פולשטענדיק צופרידן. איך ווייס נישט גענוי אַלץ, וואָס איר האָט אַמאָל געטון. איר רעדט וועגן דעם נאָר מיט אַ פאָר ווערטער, און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איבעריקע פאַרשטיי איך אַליין, דאָס איז נישט געווען זייער שיין, אָבער דערפאַר זענט איר מיר נישט ווייניקער ליב. צרעמער קריסטאָף! אַ פרוי אין מיין עלטער ווייסט, אַז אַן ערלעכער מאַן איז אָפט שוואַך, ווען מען זאָל נישט ליב האָבן זיינע שוואַכקייטן וואָלט מען אים קיינמאָל שטאַרק נישט ליב געהאַט. טראַכט נישט מער וועגן דעם, וואָס איר האָט געטון. טראַכט דערפון, וואָס איר וועט נאָך טון. חרטה האָט נישט קיין שום ווערט. האָבן חרטה הייסט: גיין אויף צוריק. אָבער סיי אין גוטן סיי אין שלעכטן, מען מוז שטענדיק גיין פאָרויס. שטענדיק פאָרויס!... גלויבט איר טאַקע, אַז איך וועל אייך לאָזן קומען צוריק קיין רוים? איר האָט דאָ נישט וואָס צו טון. בלייבט אין פאַריז. שאַפט, שטרענגט זיך אָן. באַטייליקט זיך אין קינסטלערישן לעבן. איך וויל נישט איר זאָלט רעזיגנירן. איך וויל איר זאָלט שאַפן עפעס שיינס. איך וויל עס זאָל האָבן ערפאָלג. איך וויל איר זאָלט זיין שטאַרק, כדי צו קאָנען קומען צו הילף די נייע יונגע קריסטאָפס, וואָס דאַרפן נאָך דורכמאַכן די זעלבע ראַנגלענישן און ביישטיין די זעלבע נסיונות, וואָס איר. זוכט זיי אויף, העלפט זיי, זייט בעסער צו די יינגערע, ווי די עלטערע זענען געווען צו אייך. — און קודם כל וויל איך, איר זאָלט זיין שטאַרק, און איך זאָל וויסן, אַז איר זענט שטאַרק. איר ווייסט נישט, וויפיל כוח דאָס גיט מיר צו.

איך גיי כמעט יעדן טאָג מיט די קינדער אין ווילאַ באָרגעז. אייער־געכטן זענען מיר צוגעפֿאָרן ביז פּאָנטע־מאָליע און מיר זענען צופֿוס צוגעגאַנגען ביז מאָנטע־מאַריאַ. איר באַליידיקט מיינע אָרעמע פּיס, זיי זענען בייז אויף אייך. „ווי קאָן דער דאָזיקער הער טענהן, אַז נאָך צען טריט צו ווילאַ דאָריאַ ווערן זיי שוין פֿאַרמאַטערט? ער קען אונז גאָרנישט. אויב מיר ווילן זיך נישט אָנשטרענגען איז עס דערפֿאַר, ווייל מיר זענען פֿויל, אָבער נישט דערפֿאַר, וואָס מיר זע־נען אומפֿעיק". איר פֿאַרגעסט מיין פֿריינט, אַז איך בין אַ קליינע פֿויערטע...

באַזוכט מיין קוזינע קאָלעט. זענט איר נאָך בייז אויף איר? זי איז אין פֿלוג אַ גוטע פֿרוי. און איר זענט ביי איר אַ הייליקייט, עס זעט אויס, ווי אַלע פֿאַריזערינס וואָלטן משוגע געוואָרן אויפֿן פּונקט פֿון אייער מוזיק, (איר זענט עס שוין אפֿשר געווען פֿריער) עס ווענדט זיך נאָר אָן מיין בערנער בער, צי ער וויל ווערן אַ פֿאַריזער לייב. צי באַקומט איר עפּעס בריוו? האָט מען אייך געמאַכט ליבע־ערקלערונגען? איר דערציילט מיר נישט וועגן קיין איין פֿרוי. צי וועט איר זיך פֿאַרליבן ווען עס איז? אויב יאָ, דערציילט עס מיר. איך בין נישט אייפֿערזיכטיק.

אייער פֿריינדין ג."

„צי מיינט איר, אַז דער לעצטער זאַץ פֿון אייער בריוו האָט מיר שטאַרק הנאה געטאָן? איך וואָלט בעסער געוואָלט, שפּאָטנדיקע גראַציאַ, אַז איר זאָלט יאָ זיין אייפֿערזיכטיק! אָבער איר דאַרפֿט נישט רעכענען דערויף, אַז איך וועל אייך געבן אַ געלעגנהייט דער־צו. איך בין לחלוטין נישט באַהערשט פֿון די משוגענע פֿאַריזערינס, ווי איר רופֿט זיי אָן. משוגע? זיי קאָנען זיך עס זיין געזונטערהייט. איר האָט נישט וואָס צו האָפֿן, אַז זיי וועלן מיר פֿאַרדרייען דעם קאָפּ. עס וואָלט אפֿשר געווען דערצו פֿיל מער האָפֿנונג, ווען זיי באַציען זיך צו מיין מוזיק גלייכגילטיקער. אָבער דעם אמת מוז מען זאָגן, זיי האָבן זי ליב. ווי קאָן מען דערביי אָפּהיטן די אייגענע אילוזיעס? ווען עמעצער זאָגט מיר, אַז ער פֿאַרשטייט מיך, מעג

מען זיין זיכער, אַז ער וועט מיך קיינמאָל נישט פֿאַרשטיין...

נעמט נישט צו ערנסט מיינע שפּאַסן. די געפֿילן צו אייך מאַכן מיך נישט אומגערעכט בנוגע אַנדערע פֿרויען, איך האָב קיינמאָל נישט געפֿילט צו אייך קיין אויפֿריכטיקערע סימפּאַטיע, ווי איצט, זינט איך האָב גענומען קוקן אויף אייך מיט נישט פֿאַרליבטע אויגן. די גרויסע אָנשטרענגונג, וואָס די פֿרויען מאַכן פֿון דרייסיק יאָר אָן, כּדי זיך צו באַפֿרייען פֿון דער אומגעזונטער און דערנידעריקנדיקער האַלב־קנעכטשאַפֿט, צו וועלכער עס צווינגט זיי, צו זייער אייגענעם און צו אונזער אומגליק דער גאַרישער מענערישער עגאָיזם, — זעט אויס אין מיינע אויגן ווי איינער פֿון די גרעסטע אויפֿטוען פֿון אונדזער צייט. אין אַזאַ שטאָט ווי די, לערנט מען זיך אויס באַוווּנדערן דעם נייעם דור פֿון יונגע מיידלעך, וואָס נישט געקוקט אויף אַזוי פֿיל שטערונגען, פֿילן זיי אַ ברענענדיקן דורשט צו וויסנשאַפֿט און צו דיפּלאָמען, — צו דער דאָזיקער וויסנשאַפֿט, וואָס (אַזוי מיינען זיי) באַפֿרייט זיי, עפֿנט פֿאַר זיי די סודות פֿון אַן אומבאַקאַנטער וועלט און שטעלט זיי אַוועק צוזאַמען מיט די מענער...

אַוודאי איז דער דאָזיקער גלויבן פֿאַלש און אַ ביסל לעכערלעך. דער פּראָגרעס פֿאַרווירקלעכט זיך, אָבער אויף אַן אַנדער אופֿן, ווי מען האָט זיך געריכט. ער פֿאַרווירקלעכט זיך נישט ווייניקער, נאָר אויף אַן אַנדער וועג. די אָנשטרענגונגען פֿון די פֿרויען וועלן נישט גיין לאיבוד. זיי וועלן שאַפֿן פֿאָלקאָמענערע, מענטשלעכע פֿרויען, ווי עס איז געווען אין די גרויסע יאָרהונדערטער. זיי וועלן זיך מער נישט באַציִען פּאַסיוו צו די לעבעדיקע וועלט־פֿראַגן. דאָס איז געווען אומנאַטירלעך און פּשוט אַ חרפּה, ווייל עס איז אומדערהערט, אַז אַ פֿרוי, אַפֿילו ווען זי איז פֿאַרנומען מיט אירע הויז־פֿליכטן, זאָל זיך פֿילן פֿריי פֿון אירע התחייבותן לגבי די מאָדערנע געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן. זייערע עלטער באָבעס פֿון דער צייט פֿון זשאַן ד׳אַרק און קאַטערינע ספֿאָרצאַ האָבן אַנדערש געמיינט וועגן דעם. די פֿרוי איז געשטאַנען ביז איצט אָן אַ זייט. מיר האָבן איר צוגענומען איר לופֿט און זון. זי נעמט זיי צו מיט געוואַלט צוריק. אַך, די מוטיקע קליינע פֿרויען! נאַטירלעך, וועלן אַ סאַך פֿון די, וואָס קעמפֿן היינט, שטאַרבן אָדער פֿאַרדאָרבן ווערן. עס איז אַ קריטישע עפּאָכע. די שטרעבונג איז צו ליידנשאַפֿטלעך און צו שווער פֿאַר שוואַכע ברואים. ווען אַ פֿלאַנץ בלייבט לאַנג אָן וואַסער, קאָן זי

צעשטערט ווערן פון דעם ערשטן רעגן. אַז דאָס איז דאָס אויסלייז־געלט פון יעדן פּראָגרעס. די שפּעטערדיקע וועלן אָבער אַרויס־בליען פון די דאָזיקע ליידן. די היינטיקע אָרעמע, קליינע, קריגע־רישע פּרויען, וואָס פיל פון זיי האָבן נישט חתונה, וועלן פאַר דער צוקונפט זיין פּרוכטבאַרער, ווי די דורות פון מאַטראָנעס, וואָס האָבן פאַר זיי געבראַכט קינדער אויף דער וועלט. ווייל פון זיי, אויסגע־קויפט מיט זייערע קרבנות, וועט זיך אָנהויבן דאָס ווייבלעכע גע־שלעכט פון אַ נייער קלאַסישער עפּאָכע.

אין דעם סאַלאָן פון אייער קוזינע קאָלעט זענען גראָד נישט קיין שום אויסזיכטן צו טרעפן די דאָזיקע אַרבעטזאַמע בינען. וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאַלן, וואָס איר ווילט מיך דווקא שיקן צו דער דאָזיקער פרוי? איך מוז אייך פאָלגן, אָבער ס'איז נישט רעכט, וואָס איר מיסברויכט מיט אייער מאַכט. איך האָב אָפּגעזאָגט דריי איינלאַדונגען און אויף צוויי בריוו נישט געענטפערט. זי האָט מיך איינמאָל געפּאַקט, בעת איינער פון מיינע אָרקעסטער־פּרוּוון, מען האָט גראָד צוגעגרייט מיין זעקסטע סימפאָניע. בעת דער הפסקה האָב איך זי פלוצלינג דערזען. זי האָט געהאַלטן פאַריסן די נאָז, געשמעקט און אויסגעשריגן: „דאָס שמעקט מיט ליבע! אַך, ווי איך בין אַנט־ציקט פון אייער מוזיק!"

אויסערלעך האָט זי זיך זייער געענדערט. נאָר איר קאַצן־אויגן מיט די בולטע אויגן־עפּל און איר עגאָיסטישע שטענדיק באַוועגלעכע נאָז זענען געבליבן די זעלבע. אָבער איר פּנים איז איצט ברייטער, פולער, בליענדיקער און קרעפטיקער. דער ספּאָרט האָט זי געענדערט, זי האָט זיך אים אינגאַנצן איבערגעגעבן. איר מאַן איז, ווי איר ווייסט, איינער פון די אויבערשטע אין דעם אויטאָמאָביל־און אַעראָ־פּלאַנען־קלוב. קיין איין לופט־פלי, קיין איין געיעג, סיי אין דער לופט, אויף אַ פערד און אין וואַסער, קאָן בשום אופן נישט פאַר־קומען אָן דער געגנוואַרט פון הערשאַפט סטעוואַן־בעלעסטדאַד, זיי זענען שטענדיק אונטערוועגס. מען קאָן מיט זיי בשום אופן נישט רעדן, ווייל זיי רעדן נאָר וועגן ראַסינג, ראָווינג, רוגביי און דערבי. דאָס איז אַ נייער מין געזעלשאַפט־מענטשן! עס איז שוין אַוועק פאַר די פרויען די צייט פון פעליאַז. די מאָדע געהער שוין נישט מער צו די נשמות. די יונגע מיידלעך רימען זיך מיט זייער רויט אָפּגעברענטער הויט, וואָס האָט זיך געבראָטן בעת די לאַנגע מאַרשן

אויף דער פרייער לופט. זיי קוקן יעדן מאַן גלייך אין די אויגן אַריין. זיי לאַכן הויך און גראָב. זייער טאָן איז געוואָרן ברוטאַלער און רויער. אייער קוזינע זאָגט טיילמאָל שרעקלעכע זאַכן מיט דער גרעסטער רויקייט. זי איז אַ שטאַרקע עסערין — זי, וואָס האָט פריער געגעסן אַזוי ווייניק. פונדעסטוועגן באַקלאָגט זי זיך אָן אויפהער אויף איר שלעכטן מאָגן, כדי נישט צו פאַרלירן חלילה די דאָזיקע געווינהייט. נאָר זי לאָזט נישט דורך קיין איין גוטן ביסן. לייענען לייענט זי גאָרנישט. מען לייענט בכלל נישט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. נאָר די מוזיק האָט געפונען לייטזעליקייט ביי זיי אין ד אויגן. די פאַרווילדערונג פון דער ליטעראַטור האָט אַזוי גוט געווירקט, ווען די דאָזיקע מענטשן ווערן פאַרמאַטערט ווי די הינט, איז פאַר זיי די מוזיק אַזאַ מין הנאה, ווי למשל אַ טערקישע באָד, אַ וואַרעמע פאַרע, ווי מאַסאַזש אָדער נאַרגילע. מען דאַרף דערביי נישט דענקען. די מוזיק איז אַזאַ מין זאַך, וואָס געפינט זיך צווישן ספּאָרט און ליבע און זי איז אויך אַ ספּאָרט. דער באַליבטער ספּאָרט צווישן די עסטעטישע פאַרגעניגנס איז היינט דער טאַנץ. רוסישע טענץ, גריכישע טענץ, שווייצאַרישע טענץ, אַמעריקאַנישע טענץ — מען טאַנצט אַלץ אין פּאַריז... די סימפאָניעס פון בעטהאָווען, די טראַגעדיעס פון עסכילוס, די אַנטיקן פון וואַטיקאַן, אָרפעוס, טריסטאַן, די ליידנשאַפט און די גימנאַסטיק, די דאָזיקע מענטשן זענען נישט ביים קלאָרן זינען.

דאָס מערקווירדיקסטע איז, ווי אייער קוזינע פאַרייניקט עס אַלץ צוזאַמען: איר עסטעטיק, איר ספּאָרט און איר פּראַקטישן גייסט. (ווייל זי האָט געירשנט פון איר מוטער דעם פּראַקטישן חוש און דעם דעספּאָטיזם פון אַ באַלעבאָסטע.) דאָס אַלץ וואָלט געדאַרפט, דאַכט זיך, שאַפן אַ געפערלעכן מיש־מאַש. אָבער זי פילט זיך מיט דעם אַלעמען זייער גוט. אין די ווילדסטע שטימונגען פאַרלירט זי נישט די קלאָרקייט פון איר שכל, אַזוי גוט ווי זי פאַרמאָגט שטענדיק אַ זיכערן בליק און אַ זיכערע האַנט אַפילו בעת די שנעלסטע, געפערלעכסטע אויטאָמאָביל־רייזעס. זי איז אַ שטאַרקע פרוי. מיט לייכטער שפּיל מאַכט זי אַלעמען אונטערטעניק: איר מאַן, אירע געסט, אירע דינער, זי אינטערעסירט זיך אויך מיט פּאָליטיק. זי איז פאַרן קלער. און מיר דאַכט זיך אפילו, אַז זי איז געשטימט ראָיאַליסטיש, אָבער דאָס איז ביי איר נאָר אַן אויסרייד, צו שאַפן זיך וואָס מער

אַרבעט. און הגם זי איז נישט געווען מסוגל איבערצולייענען צען זײַטלעך פֿון אַ בוך, באַטײליקט זי זיך אין די וואַלן צו דער אַקאַ־דעמיע. זי פֿאַרמעסט זיך אויך מיך צו נעמען אונטער איר שוץ. איר קאָנט זיך לײַכט פֿאָרשטעלן, ווי אַזאַ זאַך שמעקט מיר. אָבער נאָך ערגער: נאָך מײַן באַזוך בײַ איר, האַלט זי עס פֿאַר אַ סימן פֿון מײַן אונטערגעוואָרפֿנקייט, און זי איז זיכער, אַז איך וועל זיך אונ־טערגעבן איר מאַכט... איך בין זיך נוקם און איך זאָג איר דעם אמת אין די אויגן. זי לאַכט זיך אויס דערפֿון. און בעת זי דאַרף ענטפֿערן, איז זי קײנמאָל נישט אין קײן פֿאַרלעגנהײט. איר שרײַבט, אַז אין פֿלוג איז זי אַ גוטע פֿרוי... יאָ, אָבער מיטן תּנאַי, אַז זי זאָל שטענדיק זײַן פֿאַרנומען. דאָס ווײס זי אַלײן: ווען די דאָזיקע מאַ־שין וועט מער נישט האָבן וואָס צו מאָלן, וועט זי זײַן פֿעיִק אויף אַלץ, אַבי צו באַקומען פֿרישע שפּײַז. איך בין געווען בײַ איר צוויי מאָל. איצט גײ איך שוין נישט מער צו איר. עס איז גענוג צו ווײַזן אײַך, אַז איך האָב אײַך געפֿאָלגט. איר ווינשט דאָך מיר נישט קײן טויט? איך קום פֿון איר אַהײם אַ צעבראָכענער, אַ דערשלאָגע־נער און אַן אויסגעמאַטערטער. דאָס לעצטע מאָל, ווען איך האָב זי געזען האָב איך אין דער צווײטער נאַכט געהאַט שרעקלעכע חלומות. עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין איר מאַן און בין מײַן גאַנץ לעבן צוגעבונדן צו דעם דאָזיקן ווירבל־ווינט, אַ נאַרישער חלום, וואָס קאָן איר אמתן מאַן נישט באַאומרויִקן; ווײַל פֿון אַלע מענטשן, וואָס מען טרעפֿט בײַ איר אין הויז, זעט מען זי מיט איר אײגענעם מאַן צום זעלטנסטן, און ווען זײ זענען צוזאַמען רעדן זײ נאָר וועגן ספּאָרט. זײ פֿאַרשטײען זיך זײער גוט.

ווי קאָנען די דאָזיקע מענטשן פֿאַרשטײן מײַן מוזיק? איך פּרוּוו עס אַפֿילו נישט צו פֿאַרשטײן. איך נעם אָן, אַז זי שמײסט זײ אויף אַ גאַנץ באַזונדערן אופֿן. זײ זענען איר דאַנקבאַר דערפֿאַר, וואָס זי שלאָגט זײ. זײ האָבן ליב די קונסט, וואָס האָט אַ קער־פּער, אָבער פֿון דער נשמה, וואָס געפֿינט זיך אין דעם דאָזיקן קער־פּער, האָבן זײ קײן באַגריף נישט. זײ גײען אַריבער פֿון דער שטאַרקער ליבע היינט אין דער גלײַכגילטיקײט פֿון מאָרגן, און פֿון דער גלײַכגילטיקײט פֿון מאָרגן אין דעם בזיון פֿון איבערמאָרגן, הגם זײ קאָנען לחלוטין נישט די מוזיק. דאָס איז דער גורל פֿון אַלע קינסטלער. איך מאַך זיך נישט קײן שום אילוזיעס בנוגע מײַן

ערפאָלג. איך וועל אים לאַנג נישט האָבן, און איך וויל נאָך דער פאַר טייער באַצאָלן. — דערווייל לעב איך איבער מאָדנע זאַכן. דער באַגייסטערסטער פון מיינע אָנהענגער (איך וועט זיך מיט אייך טויזנט אויף איינס, אַז איר וועט נישט טרעפן) איז... אונזער פריינט לעווי-קער. איר דערמאָנט זיך מסתמא דעם דאָזיקן פיינעם הער, מיט וועלכן כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ לעכערלעכן דועל? היינט לערנט ער אַלעמען, וואָס האָבן מיך פריער נישט פאַרשטאַנען, ווי זיי דאַרפן עס דערגיין. ער מאַכט עס אַפילו זייער גוט. פון אַלע, וואָס רעדן וועגן מיר, איז ער דער קלוגסטער. היינט קאָנט איר שוין משפטן אַליין, וואָס עס זענען ווערט די איבעריקע. איך פאַרזיכער אייך, אַז מען דאַרף נישט זיין שטאָלץ דערמיט.

איך האָב אויך דערצו קיין חשק נישט. איך פיל זיך צו שטאַרק דערשלאָגן, ווען איך הער די ווערק, וואָס צוליב זיי רימט מען מיך. איך דערקען זיך אין זיי, אָבער איך געפעל זיך נישט. וואָס פאַר אַן אַכזריותדיקער שפּיגל עס איז אַ מוזיקאַליש ווערק, פאַר איינעם וואָס קאָן זען! צום גליק זענען זיי בלינד און טויב. איך האָב אין מיינע ווערק אַריינגעלעגט אַזוי פיל פון מיינע טעותים און שוואַכקייטן, אַז טייל מאָל דאַכט זיך מיר, ווי איך וואָלט באַגאַנגען אַן עוולה דערמיט, וואָס כ׳האָב אַרויסגעלאָזן אויף דער וועלט דעם דאָזיקן געווימל פון דעמאָנען. איך בין צופרידן, ווען איך זע די רויקייט פון דעם עולם — ער טראָגט אַ דריי פאַכיקן פאַנצער, קיין זאַך דרינגט נישט אַדורך.. איר וואַרפט מיר פאָר, אַז איך בין צו שטרענג בנוגע זיך. איר טוט עס דערפאַר, ווייל איר קאָנט מיך נישט אַזוי, ווי איך קאָן מיך אַליין. מיר זעען דאָס, וואָס מיר זענען. מיר זעען אָבער נישט, וואָס מיר וואָלטן געקאָנט זיין. און מען שעצט אונז לויט אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען אַסאַך ווייניקער אונזער פאַרדינסט, ווי אונזערע אייגנשאַפטן און אונזערע כוחות, וואָס קערעווען מיט אונז. דערלויבט מיר אייך צו דערציילן אַ געשיכטע. איינמאָל אין אָוונט בין איך אַוועק אין אַ געוויסן קאַפע הויז, ווו מען שפּילט גוטע מוזיק, הגם אויף אַ מאָדנעם אופן: מיט פינף אָדער זעקס אינסטרומענטן און מיט איין פּיאַנינאָ שפּילט מען אַלע סימפאָניעס, מעסן און אָראַטאָריעס, אויפן זעלבן אופן, ווי מען פאַרקויפט אין רוים ביי געוויסע מאַרמאָר הענדלער די מעדיצעער קאַפּעל אַלס אַ געזימס צו אַ קאַמין. מסתמא דינט עס צו דער פּאָפּולאַריזירונג פון דער קונסט. כדי די זאַך זאָל קאָנען

גייען צווישן מענטשן, מוז מען זי צעטוישן אויף שלעכט קלייגגעלד. אַגבֿ, נאַרט מען קיינעם נישט אָפּ בעת די דאָזיקע קאָנצערטן. די פּראָגראַמען זענען פֿאַרשידנאַרטיק און די אויספֿירער געוויסנהאַפֿט. איך האָב דאָרט געטראָפֿן אַ וויאָלאָנטשעליסט, מיט וועלכן כ'האָב אָנגעקניפּט באַציונגען. זיינע אויגן האָבן מיר דערמאָנט, אויף אַ מאָדנעם אופֿן, אין די אויגן פֿון מיין טאַטן. ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע פֿון זיין לעבן. ער איז אַן אייניקל פֿון אַ פּויער און אַ זון פֿון אַ קליינעם מאַגיסטראַט-באַאַמטן, וואָס האָט געדינט אין אַ צפֿון-שטאָט. מען האָט געוואָלט מאַכן פֿון אים אַ האַר, אַן אַדוואָקאַט, און מען האָט אים אַרויסגעשיקט אין אַ נאָענטער שטאָט אין אַ גימנאַזיע, דער קליינער געזונטער פּויערישער יונג, וואָס האָט נישט געטויגט צו דער קליינער אַרבעט פֿון אַ קליינעם נאָטאַריוס, האָט נישט געקאָנט איינזיצן אין זיין שטייג. ער איז אַנטלאָפֿן, געבלאָנדזעט איבער פֿעלדער, נאָכגעלאָפֿן מיידלעך, און צעטרענצלט זיין גרויסע קראַפֿט איבער די קרעטשמעס. די איבעריקע צייט האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט און געחלומט וועגן זאַכן, צו וועלכע ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען פֿעיק. נאָר איין זאַך האָט אים געצויגן: מוזיק. איין גאָט ווייסט ווי אַזוי! צווישן זיינע אייגענע איז קיינמאָל נישט געווען קיין מוזיקער, אויסער איינעם אַ משוגענעם עלטער פֿעטער. איינער פֿון יענע פּראָווינץ-אָריגינאַלן, וואָס זייער אָפֿטמאָל שטאַרקע אינטעליגענץ און באַגאַבטקייט ווערט אויסגעשעפּט אין גאווהדיקער צוריקגעצויגנקייט און משוגענע נאַרישקייטן. ער האָט דערפֿונדן אַ נייען סיסטעם פֿון שרייבן נאָטן — נאָך איין סיסטעם! — וואָס האָט געזאָלט די גאַנצע מוזיק שטעלן אויפֿן קאָפּ! ער האָט אַפֿילו געטענהט, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ מין סטענאָגראַפֿיע, וואָס אַ דאַנק איר קאָן מען גלייכצייטיק באַטירן די ווערטער, דעם געזאַנג און די באַגלייטונג. ער איז אָבער קיינמאָל נישט דערגאַנגען דערצו, אַז ער זאָל אַליין קאָנען איבערלייענען דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. אין דער משפּחה האָט מען זיך לוסטיק געמאַכט איבערן גוטן זקן. אָבער דאָך האָט מען שטאָלצירט מיט אים. מען האָט געטראַכט: „ער איז אַן אַלטער משוגענער, ווער ווייסט? אפֿשר איז ער גאָר וואַ גאון...״ — וואַרשיינלעך האָט זיך איבערגעטראָגן די נייגונג צו מוזיק פֿון אים אויף זיין קרובֿ. וואָס פֿאַראַ מוזיק האָט ער מישטיינסגעזאָגט געקאָנט הערן אין דער פּראָווינץ-שטאָט?... אָבער שלעכטע מוזיק קאָן פּונקט

אַזוי דערוועקן ריינע ליבע ווי גוטן.

דאָס אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט זיך אין יענע קרייזן געמוזט שעמען מיט אַזעלכע נייגונגען, און דאָס קינד האָט נישט פאַרמאָגט די עקשנות פון זיין עלטערפעטער. ער פלעגט זיך באַהאַלטן און לייענען די שאַפונגען פון זיין אַלטן, משוגענעם פעטער, וואָס זענען געווען דער פונדאַמענט פון זיין פאַרדר״טער מוזיקאַלישער דערציונג. צוליב מורא פאַרן פאָטער און פאַר דער עפנטלעכער מיינונג, האָט ער נישט געוואָלט פאַרראַטן זיין באַרוף איידער ער וועט צו עפעס נישט דערגרייכן. אַלס אַ גוט יינגל, וואָס איז געדריקט געוואָרן פון זיין פאַמיליע, האָט ער, ווי פיל פראַנצויזישע קליינבירגער, וואָס האָבן נישט צוליב שוואַכקייט אָדער צוליב גוטסקייט קיין מוט עקשנותדיק זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם ווילן פון דער פאַמיליע, לפנים זיך אונטערגעוואָרפן און זיין גאַנץווירקלעך לעבן געהאַלטן שטענדיק בסוד. אַנשטאָט נאָכצוגיין זיין נייגונג, האָט ער זיך אָן שום ליבע געמאַטערט ביי אַן אַרבעט, וואָס מען האָט אים אָנגעוואָרפן, הגם ער איז געווען פונקט אַזוי אומפעיק אויף דעם געביט עפעס אויפצוטון, ווי אויך שטאַרק דורכצופאַלן. כל זמן עס איז אַזוי געגאַנגען פלעגט ער באַלייגן די נויטיגע עקזאַמענס. ער האָט עס געטון, כדי צופרידנצושטעלן די אויבערשטע השגחה פון דער פראָווינץ און פון זיין פאָטער. ער האָט געלערנט רעכט-וויסנשאַפט, וואָס האָט אים שרעקלעך געלאַנגווייליקט. ער איז געווען אַנטשלאָסן ווייטער נישט צו גיין. אָבער כל זמן זיין פאָטער האָט געלעבט, האָט ער נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצווייזן זיין ווילן. אפשר איז ער נישט איינמאָל בייז געווען, וואָס ער מוז וואַרטן און קאָן זיך נישט אַנטשליסן. ער האָט געהערט צו די, וואָס נאַרן זיך זייער גאַנץ לעבן דערמיט, וואָס זיי וועלן מאַכן אָדער קאָנען מאַכן שפעטער. דערווייל האָט ער גאָרנישט נישט געטון. אַרויסגעריסן זיך פון דער אַלטער פאַרגליווערטקייט, און באַרוישט פון זיין נייען לעבן אין פאַריז, האָט ער זיך מיט דער גאַנצער ווילדקייט פון אַ יונגן פויער איבערגעגעבן ביידע ליידנשאַפטן: די פרויען און דער מוזיק. די קאָנצערטן זענען אים נישט ווייניקער געלעגן אין קאָפ, ווי די פאַרגעניגנס, ער האָט פאַרלוירן גאַנצע יאָרן און נישט פאַרפאָלקאָמט זיין מוזיקאַלישע בילדונג מיט די נויטיקע מיטלען. זיין שטאָלץ, זיין שלעכטער עגאָיסטישער כאַראַקטער האָבן אים געשטערט זיך צו לערנען פון עמעצן.

ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן, האָט ער טעמיס און יוסטיניען געשיקט צו אַלדי רוחות. ער האָט גענומען קאָמפּאָנירן, נישט האָבנדיק קיין מוט זיך אויסצולערנען די נויטיקע טעכניק. די איינגעוואָרצלטע רגילות צום פוילן אַרומשלעפּן זיך און דער דראַנג צו פאַרגעניגנס האָבן אים געמאַכט אומפעיק צו יעדער ערנסטער אָנשטרענגונג. ער האָט שטאַרק געפילט, אָבער זיין דענקען האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט, פּונקט ווי זיין פאָרם-בילדונג. לסוף האָט ער שוין מער ווי באַנאַלע געדאַנקען נישט אַרויסגעזאָגט. צום ערגסטן איז געווען, וואָס אין דעם דאָזיקן מיטלמעסיקן מענטשן האָט באמת געשטעקט עפּעס גרויסעס. איך האָב געלייענט צוויי פון זיינע עלטערע קאָמפּאָזיציעס. דאָ-און-דאָרט אָריגינעלע געדאַנקען, וואָס זענען געבליבן שטעקן באַלד ביים אָנהויב און זיך ווייטער נישט אַנטוויקלט. ראַקעטן-פייער אויפן טאָרף... און וואָס פאַראַ מערקווירדיקער מוח! ער האָט מיר געוואָלט דערקלערן בעטהאָווענס סאָנאַטן. ער זעט אין זיי קינדערשע און אָפּגעשמאַקטע ראָמאַנען. דערביי וואָס פאַראַ ליידנשאַפט, וואָס פאַראַ טיפער ערנסט. די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט טרערן, ווען ער האָט וועגן דעם גערעדט. ער וואָלט זיך געלאָזט הרגענען פאַר אַ זאַך, וואָס ער האָט ליב. ער איז רירנדיק און גלייכצייטיק קאָמיש. אין דעם אויגנבליק, ווען איך האָב אים געוואָלט אַריינלאַכן אין פּנים אַריין, וואָלט איך אים געכאַפּט קושן... ער פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענע אָנשטענדיקייט, אַ שטאַרקע פאַראַכטונג צו די פאַרריסענע פאַריזער קליקעס, און צו פאַלשן רום! — (ער קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן פון אַ קינדערשע קליינבירגערלעכע באַוווּנדערונג פאַר מענטשן, וואָס האָבן דערפאָלג) ער האָט געהאַט אַ קליינעם גוט. אין משך פון עטלעכע חדשים האָט ער עס געפּטרט; און ביי זיינע שלעכטע מיטלען האָט ער, ווי אַסאַך אַנדערע, חתונה געהאַט מיט אַן אָרעם מיידל, וואָס ער האָט פריער פאַרפירט. זי האָט געהאַט אַ גאַנץ שיינע שטים און פאַרנומען זיך מיט מוזיק, הגם זי האָט זי נישט אמת ליב געהאַט. ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן ווי נישט איז צו מאַכן אַ לעבן פון איר שטים און פון זיין מיטלמעסיקן שפּילן אויף דער וויאָלענטשעל. נאַטירלעך, האָבן זיי באַלד קעגנזייטיק דערקענט זייערע חסרונות, און דאָס לעבן איז געוואָרן פאַר זיי אומדערטרעגלעך. דער פאָטער האָט איבערגעטראָגן די קראַפט פון זיינע אילוזיעס אויף זיין קינד. ער האָט געמיינט, אַז זי וועט ווערן דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט זיין.

דאָס מיידעלע איז געווען ענלעך צו דער מוטער: זי האָט אָן אַ סימן פון טאַלענט אומדערמידלעך געבאָמבלט אויפן פּאָרטעפּיאַן. זי האָט פאַרגעטערט איר פאָטער און איז געווען פלייסיק נאָר כדי אים געפעלן צו ווערן. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָבן זיי זיך געוואַלגערט איבער די האָטעלן פון די קור־ערטער, און האָבן דערביי פאַרדינט מער בזיונות ווי געלט. דאָס קרענקלעכע און שטאַרק אויסגעמאַטערטע קינד איז געשטאָרבן. די פאַרצווייפלטע פרוי איז יעדן טאָג געוואָרן מרה־שחורהדיקער. און אָט אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכע נויט, פון וועלכער עס איז נישט געווען קיין שום האָפנונג פּטור צו ווערן און וואָס איז נאָר פאַרשאַרפט געוואָרן דורכן געפיל, אַז ערגעץ איז דאָ אַן אידעאַל, נאָר מען קאָן אים נישט דערגרייכן...

ווען איך האָב, ליבע פריינדין, דערזען דעם דאָזיקן צעבראָכענעם אָרעמען מענטשן, וואָס זיין לעבן איז געווען נאָר איין לאַנגע קייט פון פאַרדרוס, האָב איך געטראַכט: „אָט האָסטו דאָס, וואָס דו אַליין האָסט געקאָנט ווערן. אין אונזערע קינדערשע נשמות זענען געווען שותפותדיקע שטריכן, און אַנדערע עוולות פון אונזער לעבן זענען ענלעך איינע צו דער צווייטער. איך האָב אַפילו געפונען אַ געוויסע קרובהשאַפט אין אונזערע מוזיקאַלישע געדאַנקען. אָבער זיינע געדאַנקען זענען געבליבן שטעקן הינטערוועגס. פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס איך בין נישט אונטערגעגאַנגען, פונקט ווי ער? בלי ספק פון מיין ווילן, אָבער אויך פון די צופעליקייטן פון לעבן. און אויב איך נעם אין באַטראַכט נאָר מיין ווילן, האָב איך צו פאַרדאַנקען אַלץ נאָר מיין אייגענעם פאַרדינסט? נישט ווייניקער בין איך שולדיק מיין פאַמיליע, מיינע פריינט און גאָט, וואָס האָט מיר געהאָלפן".

אַזעלכע געדאַנקען מאַכן דעם מענטשן הכנעהדיק. דעמאָלט פילט מען זיך ווי אַ ברודער פון די אַלע, וואָס האָבן ליב די קונסט און ליידן פאַר איר. פון דעם נידעריקסטן קינסטלער ביזן העכסטן איז דער מהלך נישט גרויס...

דעריבער האָב איך לאַנג נאָכגעקלערט וועגן דעם, וואָס איר האָט מיר געשריבן. איר האָט רעכט: אַ קינסטלער טאָר נישט און האָט נישט קיין שום רעכט זיך צו האַלטן אָן אַ זייט, כל זמן ער קאָן אַנדערע קומען צו הילף. דעריבער בלייב איך, און איך וועל זיך צווינגען עטלעכע חדשים אין יאָר צו פאַרברענגען דאָ אָדער אין ווין אָדער אין בערלין, הגם עס קומט מיר אָן זייער שווער זיך

צוגעוווינען ווידער צו די דאָזיקע שטעט. אָבער מען טאָר נישט פֿרייוויליק רעזיגנירן. אויב עס וועט מיר נישט געלינגען צו ברענגען אַ סאַך נוצן — איך האָב אַ סך סיבות צו צווייפֿלען אין דעם — וועט אָבער דאָס פֿאַרברענגען אין אָט די שטעט אפשר מיר אַליין נוצן. און איך וועל זיך טרייסטן מיטן געדאַנק, אַז איר האָט עס געוואָלט. און דערביי... (איך וויל אייך קיין ליגן נישט זאָגן)... הויב איך אויך אָן צו געפֿינען אין דעם אַ פֿאַרגעניגן. זייט געזונט, טיראַנין מײַנע. איר טריומפֿירט, אָט האַלט איר שוין מיט מיר אַזוי ווייט, אַז נישט נאָר איך טו, וואָס איר ווילט, נאָר איך טו עס אַפֿילו מיט פֿאַרגעניגן.

קריסטאָף"

ער איז געבליבן אין פּאַריז, טיילווייז כּדי איר געפֿעלן צו ווערן, און טיילווייז אויך דערפֿאַר, ווייל זיין דערוואַקסטע קינסטלערישע נייגיריקייט האָט ווידער געפֿונען אַ פֿרייד אין דעם שפּיל פֿון דער באַנייטער קונסט. אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געטון, האָט ער אין די געדאַנקען פֿאַרייניקט מיט גראַציאַן. ער האָט עס איר געשריבן. ער האָט געוווּסט, אַז דער אינטערעס, וואָס זי האָט כּלומרשט צו זיינע ענינים, איז נאָר אַן אילוזיע. ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז זי איז אַ ביסל גלייכגילטיק דערצו. אָבער ער איז איר דאַנקבאַר געווען, וואָס זי האָט עס אים נישט געלאָזט מערקן.

זי האָט רעגלמעסיק געענטפֿערט אַלע צוויי וואָכן, אירע בריוו זענען געווען אַזוי האַרציק און אַזוי געמאָסטן, ווי אירע באַוועגונגען. ווען זי האָט אים דערציילט פֿון איר לעבן, האָט זיך שטענדיק געפֿילט איר צאַרטע און שטאָלצע צוריקגעהאַלטנקייט. זי האָט געוווּסט, מיט וואָס פֿאַר אַ שטאַרקייט אירע ווערטער קלינגען אָפּ אין קריסטאָפֿס האַרץ. זי האָט בעסער געוואָלט אויסזען קאַלט, איידער אים צו דערפֿירן צו שטאַרקע עמאָציעס, וואָס זי וואָלט אים נישט געקאָנט אָפּצאָלן אין דער זעלבער מאָס. אָבער זי איז צופֿיל פֿרוי געווען, זי זאָל נישט פֿאַרשטיין דעם סוד, ווי אויפֿצוהאַלטן די ליבע פֿון איר פֿריינט און ווי תּיכּף צו היילן מיט ליבע ווערטער די אינערלעכע אַנטוישונג, וואָס אירע גלייכגילטיקע ווערטער האָבן גורם געווען.

קריסטאָף האָט באַלד באַמערקט די דאָזיקע טאַקטיק און מיט דער ליטרעקייט פון דער ליבע האָט ער זיך געצווונגען איינצוהאַלטן די אויסברוכן פון זיינע געפילן און צו שרייבן מעסיקערע בריוו, כדי גראַציאָס תשובות זאָלן נישט דאַרפן זיין אַזוי אָנגעשטרענגט.

וואָס לענגער ער איז געבליבן אין פאַריז, אַלץ מער האָט ער זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין די דאָזיקע מוראשניקעס, ער האָט זיך אין דעם באַטייליקט נאָך שטאַרקער דערפאַר, ווייל ער האָט געפונען ווייניק סימפאַטיע ביי די יונגע מוראַשקעס. ער האָט קיין טעות נישט געהאַט: זיין ערפאָלג איז געווען ווי פירוסעס נצחון. נאָך דעם ווי ער איז צען יאָר נישט געווען אין פאַריז, האָט ער אין דער געזעלשאַפט אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט. אָבער דורכן אָפטן קאַפריז פון דעם גורל זענען זיינע אַלטע שונאים, די סנאָבן, די מאָדע-מענטשן ווידער אַרויס קעגן אים. די קינסטלער האָבן געפילט צו אים אַ שנאה אָדער אַן אומצוטרוי. ער האָט זיי אימפאָנירט מיט זיין נאָמען, וואָס האָט שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, מיט זיינע גרויסע ווערק, מיט זיין ליידנשאַפטלעך איבערצייגטער שפראַך און זיין שטאַרקער ליבע צום אמת, אָבער הגם מען איז געווען געצווונגען זיך מיט אים צו רעכענען, צו באַווונדערן אים און צו שעצן, האָט מען אים דאָך שלעכט פאַרשטאַנען און נישט ליב געהאַט. ער איז געשטאַנען אויסער דער קונסט פון זיין צייט. אַן אומגעהייערער לעבעדיקער אַנאַכראָניזם. ער איז עס שטענדיק געווען. די צען יאָר איינזאַמקייט האָבן נאָך פאַרשאַרפט די סתירה. אין משך פון זיין פאַרברענגען אין אויסלאַנד איז אין איירָאָפע און קודם כל אין פאַריז, ווי ער האָט עס באַמערקט, אַנטשטאַנען עפעס, נייעס. אַ נייע וועלט-אָרדנונג איז איצט געווען. איין דור איז געווען דערוואַקסן; ער האָט מער געטראַכט צו זיין טעטיק, ווי צו פאַרשטיין; ער איז מער געווען אויסגעהונגערט נאָך גליק, ווי נאָך אמת. ער האָט געוואָלט לעבן, געוואָלט הערשן איבערן לעבן, מעג עס זיין אַפילו פאַרן פרייז פון ליגן. ליגן מחמת שטאָלץ — שטאָלץ פון אַלע מינים: ראַסע-שטאָלץ, קאַסטע-שטאָלץ, שטאָלץ מיט רעליגיע, קולטור און קונסט, — דעם דאָזיקן דור איז ניחא געווען יעדער מין ליגן, אויב ער האָט נאָר געגעבן אַן אייזערנעם פאַנצער, אַ שווערד אָדער אַ שילד, וואָס אונטער זייער שוץ האָט מען געקאָנט אָפהאַלטן אַ נצחון. עס איז אים געווען נישט אָנ-

גענעם דעריבער צו פאַרנעמען די גרויסע ליידנדיקע שטים, וואָס האָט זיי דערמאָנט אָן ווייטיק, אָן צווייפל. די שטורמס, וואָס האָבן געשטערט די נאַכט, פון וועלכער מ׳איז נאָר וואָס פטור געוואָרן, און וואָס דראָען דער וועלט אפילו איצט, נאָך אַלע צרות, — האָט מען געשטרעבט צו פאַרגעסן. עס איז געווען אוממעגלעך זיי נישט צו הערן. מען איז נאָר געשטאַנען צו זיי צו נאָענט, דערפאַר האָבן די יונגע מענטשן מיט ווידערווילן זיך אָפּגעקערט און געשריגן מיט אַ פולן האַלז כדי פאַרשרייען דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרנומען, אָבער יענע שטימע איז געווען לויטער, און זיי זענען בייז געוואָרן אויף איר. אָבער קריסטאָף האָט זיך באַצויגן צו די שטורעמס מיט פריינטשאַפט, ער האָט באַגריסט דעם אויפשטייג פון דער וועלט צום גליק. דאָס, וואָס איז אין דעם דאָזיקן דראַנג געווען פרייוויליק באַגרענעצט, האָט אים נישט געשטערט, ווען מען וויל דערגיין צו אַ ציל, מוז מען קוקן נאָר פאָראויס. ער, וואָס איז געשטאַנען ביים ווענד-פונקט פון אַ וועלט, האָט דאָס געפילט; ער האָט געזען היגטער זיך דעם טראַגישן גלאַנץ פון דער נאַכט און פאַר זיך דעם שמייכל פון דער יונגער האָפנונג, די אומבאַשטמיטע שיינקייט פון דער פרישער פיבערנדיקער מאָרגנרויטקייט. ער האָט זיך געפונען אין אַן אומבאַוועגלעכן פונקט פון דעם אומרו פון לעבן, בעת דער זייגער האָט ווידער אָנגעהויבן גיין. נישט מיטגייענדיק מיט זיין לויף, האָט ער מיט פרייד פאַרנומען דעם ריטם פון לעבן. ער האָט געטיילט די האָפנונגען מיט די, וואָס האָבן פריער פאַרלייקנט זיינע יסורים. וואָס עס האָט געזאָלט קומען, וועט קומען ווי ער האָט געטרוימט וועגן דעם. אין נאַכט און אין פיין האָט מיט צען יאָר צוריק אַליוויער — דער אָרעמער קליינער גאַלישער האָן — אָנגעזאָגט מיט זיין פיינעם געזאַנג דעם ווייטן טאָג. דער זינגער איז שוין מער נישט געווען, אָבער די נבואה פון זיין געזאַנג איז מקוים געוואָרן. אין פראַנקרייכס גאָרטן האָבן דערוואַכט די פייגל. און קריסטאָף האָט פלוצלינג איבער אַלע אַנדערע שטימען פאַרנומען קלאָרער, שטאַרקער און באַגליקטער די שטים פון תחית המתים אויפגעשטאַנענעם אָליוויער.

איין מאָל האָט קריסטאָף אין אַ בוכהאַנדלונג אַ צעטומלטער געלייענט אַ באַנד לידער. דער נאָמען פון מחבר איז אים געווען אומבאַקאַנט. געוויסע ווערטער זענען אים געווען אויפפאַלנד און האָבן געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. וואָס לענגער ער האָט געלייענט צווישן די נישט אויפגעשניטענע זייטן, אַלץ מער האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער דערקענט ווידער אַ באַקאַנטע שטים, שטריכן פון אַ פריינט... אַזוי ווי ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן אַ חשבון פון זיינע געפילן און זיך נישט געקאָנט שיידן פון זיין בוך, האָט ער עס געקויפט. אין שטוב האָט ער זיך ווידער גענומען צום לייענען. און באַלד האָט אים ווידער גענומען פייניקן דער געדאַנק. דער אָטעם פון דער דיכטונג האָט מיט וויזיאָנערישער דייטלעכקייט אַרויסגעפירט די ריזיקע און יאָרהונדערטער אַלטע נשמות. די גיגאַנטישע ביימער, וואָס מיר זענען זייערע בלעטער און פרוכטן — דאָס פאָטערלאַנד, די איבערמענטשלעכע געשטאַלט פון דער מוטער איז אַרויסגעשווומען פון די דאָזיקע זייטן, די, וואָס איז געווען פאַר אונז און וועט זיין נאָך אונז, די, וואָס טראָנט ווי די ביזאַנטינישע מאַדאָנעס, הויך ווי אַ באַרג, וואָס צופוסנס קריכן אַרום די מענטשלעכע מוראַשקעס. דער דיכטער האָט געפייערט דעם האָמערישן קאַמף פון די צווי געטינס, וואָס זייערע שווערדן זענען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, זינט דעם אָנהויב פון אַלע צייטן: ער האָט געזונגען די דאָזיקע אייביקע איליאַס, וואָס באַדייט קעגן די טראָיאַנער דאָס, וואָס די אַלפּן־קייט קעגן די קליינע גריכישע בערגלעך.

אַזאַ העלדן־געזאַנג וועגן דעם שטאָלץ פון קריגערישע מעשים איז געלעגן זייער ווייט פון דעם געדאַנקען גאַנג פון קריסטאָפס אייראָפּעישער נשמה, און דאָ האָט קריסטאָף דערזען, ווי אין אַן אומגעריכטער אויפלויכטונג, אַ בליק, אַ באַקאַנטן געליבטן שמייכל — אַ געזיכט פון דער פראַנצויזישער נשמה, פון דער טרויעריקער יונגפרוי, פון אַטענע, וואָס אירע בלויע אויגן לייכטן אין דער טונקלקייט, פון דער אַרבעטסגעטין, דער אומפאַרגלייכלעכער קינסטלערין, וואָס שטייט איבערן שכל און וואָס איר בליצנדיקער כּלי־זיין דערהרגעט די וויענדיקע באַרבאַרן. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט אויפכאַפּן די וויזיע, איז זי צעשווומען געוואָרן. און בעת ער האָט אַ געקרענקטער אומזיסט זיך באַמיט צוריקצוכאַפּן די זעונג, האָט ער איבערגעמישט אַ זייטל און פלוצלינג איבערגעלייענט

אַ דערציילונג, וואָס אַליוויער האָט אים איבערגעגעבן עטלעכע טעג פאַר זיין טויט...

דאָס האָט אים געגעבן אַ שטויס. ער איז אַוועקגעלאָפן צום פאַרלעגער און געבעטן ביי אים דעם אַדרעס פון דעם דיכטער. ווי עס טרעפט אַלע מאָל, האָט מען אים נישט געזאָגט. ער איז געוואָרן אויפגערעגט. אומזיסט. לסוף איז אים איינגעפאַלן, אַז ער קאָן גע־פונען אַן אינפאָרמאַציע אין אַדרעסן־בוך. ער האָט באמת געפונען און איז תיכף אַוועק צום מחבר. פונקט ווי אַמאָל איז אים אויך איצט שווער געווען צו וואַרטן, בעת עס איז אים געקומען עפּעס אין קאָפּ אַריין

ער האָט געוווינט אין דעם באַטינאָל־קוואַרטאַל, אויפן העכסטן שטאָק. דורך אַן אַלגעמיינעם קאָרידאָר האָבן געפירט אַ סך טירן. קריסטאָף האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, וואָס מען האָט אים אָנגע־וויזן. עס האָט זיך געעפנט אַ שכנותדיקע טיר. אַ מיאוסע, זייער טונקעלע, יונגע פרוי מיט האָר פאַרקעמט אויפן שטערן, מיט אַן אומריינער הויט, איינגעשרומפּן פנים און לעבעדיקע אויגן האָט אים געפרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט. זי האָט אים אָנגעקוקטמיט אומצוטרוי. קריסטאָף האָט אי־בערגעגעבן די סיבה פון זיין באַזוך און אויף איר פראַגע אויך זיין נאָמען. זי איז אַרויס פון איר דירה און געעפנט די טיר פון דער צווייטער דירה מיט אַ שליסל, וואָס זי האָט געטראָגן ביי זיך. אָבער זי האָט נישט אַריינגעלאָזן קריסטאָפן באַלד אינעווייניק. זי האָט גע־זאָגט, ער זאָל אונטערוואַרטן אין קאָרידאָר און איז אַריינגעגאַנגען אַליין, פאַרקלאַפּנדיק די טיר אים פאַרן נאָז. לסוף איז קריסטאָף אַריין אין דער גוט־געהיטער דירה. ער איז דורכגעגאַנגען אַ האַלב פּוסטן רוים, וואָס האָט געדינט פאַר אַן עס־צימער. אַרום זענען גע־שטאַנען עטלעכע אָפּגענוצטע מעבלשטיק. נאָענט, ביים פענסטער אָן אַ פאָרהאַנג האָט אַ טוץ פייגל געשריגן אין אַ גרויסער שטייג. אין צווייטן צימער איז אויף אַן אויסגעריבענער קאַנאַפּע געלעגן אַ מאַן. ער איז אויפגעשטאַנען צו באַגריסן קריסטאָפן. דאָס אָפּגעצערטע פנים, וואָס איז געווען באַלויכטן פון דער נשמה, פון די שיינע סאַמעטענע אויגן, ווו ס'האָט געברענט אַ פיבערדיקער פלאַם, די דאָזיקע לאַנגע גייסטפולע הענט, דער דאָזיקער צעקאַלטשעטער קערפּער, די שאַר־פע הייזעריקע שטים... קריסטאָף האָט עס אַלץ באַלד דערקענט...

עמאַנועל! דער קליינער פאַרקריפּלטער אַרבעטער, וואָס איז געווען די אומשולדיקע סיבה... און עמאַנועל, וואָס איז האַסטיק אויפגעשטאַנען האָט אויך קריסטאָפן באַלד דערקענט.

זיי זענען געבליבן שטיין אָן איין וואָרט. ביידע האָבן געזען אין דעם מאָמענט אָליוויערן. זיי האָבן זיך גובר געווען און דער־לאַנגט זיך די הענט. עמאַנועל האָט געמאַכט אַ צוריקגעצויגענע באַוועגונג. נאָך צען יאָר איז נאָך אַלץ אַרויסגעשטיגן דער גרויל, די אַלטע קנאה, וואָס ער האָט געפילט צו קריסטאָפן, פון דעם טונקעלן אונטערגרונט פון זיין באַוווסטזיין. ער איז געבליבן שטיין מיט אומצוטרוי און מיט האַס. — נאָר ווען ער האָט געזען קריסטאָפס אויפרעגונג, ווען ער האָט אַראָפּגעלייענט פון זיינע ליפּן דעם נאָמען, פון וועלכן זיי האָבן ביידע געטראַכט: אָליוויער, — האָט ער זיך באַהערשט; ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אין די אָרעמס, וואָס האָבן זיך צו אים אויסגעשטרעקט.

עמאַנועל האָט געפרעגט:

— איך האָב געוווסט, אַז איר זענט אין פּאַריז. אָבער ווי אַזוי האָט איר מיך געפונען?

קריסטאָף האָט געזאָגט:

— כ'האָב געלייענט אייער לעצט בוך. פון דאָרט האָב איך פאַר־נומען זיין שטים.

— אמת, — האָט געזאָגט עמאַנועל — איר האָט זי ווידער דער־קענט. אַלץ, וואָס איך בין איצט, האָב איך אים צו פאַרדאַנקען.

(ער האָט אויסגעמיטן אַרויסרעדן זיין נאָמען)

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך טרויעריק אָנגערופן:

— ער האָט אייך ליב געהאַט מער ווי מיך.

קריסטאָף האָט אַ שמייכל געטון:

— ווער עס ליבט באמת, דער קען נישט קיין מער אָדער ווייניקער. ער גיט אַלץ די, וואָס ער האָט ליב.

עמאַנועל האָט אַ קוק געטון אויף קריסטאָפן. דער טראַגישער ערנסט פון זיינע עקשנותדיקע אויגן איז פּלוצלינג דורכגעלויכטן גע־וואָרן פון אַ טיפער מילדקייט. ער האָט אָנגענומען קריסטאָפן פאַר דער האַנט און אים אַוועקגעזעצט נעבן זיך אויף דער קאַנאַפּע.

זיי האָבן דערציילט איינער פאַרן צווייטן זייער לעבן. פונם פערצנטן ביזן פינף־און צוואַנציקסטן יאָר האָט עמאַנועל געהאַט אַ גאַנ־צע ריי פּראָפעסיעס: ער איז געווען אַ דרוקער, אַ טאַפּעצירער, אַ

קליינער הויזוועכטער, אַ געהילף און אַ בוכהאַנדלונג, אַ ביוראָ-שרייבער. אַ סעקרעטאַר פון אַ פּאָליטיקער, אַ זשורנאַליסט.... אומעטום האָט ער געפונען מיטלען און וועגן זיך צו לערנען. דאָ און דאָרט האָבן אים אונטערשטיצט גוטע מענטשן, וואָס זענען געווען איבערראַשט פון זיין ענערגיע. אָבער ס'רוב פלעגט ער אַריינפאַלן אין די הענט פון מענטשן, וואָס האָבן אויסגענוצט זיין נויט און זיינע פעיקייטן. ער האָט דורכגעמאַכט די ערגסטע דערפאַרונגען, עס פלעגט אים געלונגען פּטור צו ווערן דערפון נישט איבעריק פאַרביטערט. ער האָט אָבער דערביי איבערגעלאָזן דאָס לעצטע ביסל שוואַכן געזונט. זיין נייגונג צו אַלטע שפּראַכן (וואָס איז ביי אַ מענטשן. מיט הומאַניסטישע טראַדיציעס פון אַ גערודפטער ראַסע זעלטענער צו טרעפן, ווי מען וואָלט געקענט אָננעמען) האָט אים דערוואָרבן די שטיצע פון אַן אַלטן פּריסטער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שטודירן די גריכישע שפּראַך. די דאָזיקע סטודיען, וואָס ער האָט צוליב מאַנגל און צייט נישט געקאָנט פאַרפאָלקאָמענען, האָבן אים געדינט אַלס גייסטיקע דיסציפּלין און אַלס שול פון סטיל. דער דאָזיקער מאַן, וואָס האָט געשטאַמט פון די נידעריקסטע פאָלקסשיכטן, וואָס האָט זיך אַליין דערוואָרבן אָן שום אויסוואַל און מיט אומגעהויערע בלויזן זיין גאַנצע בילדונג, האָט פאַרמאָגט די פעיקייט זיך שפּראַכלעך אויסצודריקן און האָט זיך דערוואָרבן אַ געשיקטקייט און אַ באַהערשונג פון דער פאָרם, וואָס צען יאָר אוניווערסיטעטס-בילדונג איז עס נישט בכוח צו געבן דער בירגערלעכער יוגנט. דעם גאַנצן פאַרדינסט, האָט ער פאַרדאַנקט אָליווירן. אַנדערע האָבן נאָך שטאַרקער מיטגעהאָלפן, אָבער פון אָליווירן האָט געשטאַמט דער פונק, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין דער גאַנצן פון דער דאָזיקער נשמה, פון אים האָט געשטאַמט דאָס אייביקע ליכט. די אַנדערע האָבן נאָר אַריינגעגאָסן אייל אין לאָמפּ.

ער האָט געזאָגט:

— איך האָב אים פאַרשטאַנען ערשט אין דעם אויגנבליק, ווען ער איז אַוועק פון דאַנען. אָבער אַלץ וואָס ער האָט צו מיר גערעדט איז טיף אין מיר אַריינגעדרונגען. זיין ליכט גייט קיינמאָל אין מיר נישט אויס.

ער האָט גערעדט וועגן יין לעבנס ווערק, וועגן דער אויפגאַבע, וואָס אָליוויער, ווי ער האָט געטענהט האָט אים איבערגעלאָזן, וועגן דער דערוואַכונג פון די פראַנצויזישע כּחות וועגן דעם פאָלק-שיין פון אַ

העלדישן אידעאַליזם, וואָס זיין אָנזאָגער איז געווען אָליוויער. ער האָט געוואָלט זיין זיין קלינגענדיקע שטים, וואָס שוועבט איבערן קאַמף און זאָגט אָן דעם נאָענטן נצחון. ער האָט געוואָלט זינגען דאָס העלדן־ליד פון זיין ראַסע, וואָס איז דערוועקט געוואָרן צו אַ ניי לעבן.

זיינע לידער זענען געווען די פרוכט פון דער דאָזיקער מערק־ווירדיקער ראַסע, וואָס האָט אין משך פון יאָרהונדערטער נישט פאַר־לוירן איר אַלטן קעלטישן דופט, הגם זי האָט געהאַט אַ וווּנדערלעכע אַמביציע צו באַהענגען איר דענקען מיט די אַלטע שמאַטעס און גע־זעצן פון דעם רוימישן זיגער

מען האָט געפונען אין אים יענע גאַלישע, אין פלוג נישט פאַלשע מוטיקייט, דעם גייסט פון העלדישער גערעכטיקייט און אי־ראָניע, דעם געמיש פון באַרעדעוודיקייט און שטאַרקע פאַרמעסטונג פון מענטשן, וואָס האָבן געצופט די בערד ביי רוימישע סענאַטאָרן, באַראַבעוועט דעם טעמפל אין דעלפי און לאַכנדיק געשליידערט זייערע שפיזן צום הימל. אָבער געגנוי ווי עס האָבן עס געטון זיינע, פאַרוקן טראָגנדיקע, עלטער זיידעס, און ווי עס וועלן עס בלי ספק טון זיינע אור־אור־אייניקלעך, האָט אויך דער דאָזיקער קליינער פאַריזער קבצן פאַרקערפערט זיינע ליידנשאַפטן אין די געשטאַלטן פון גריכישע העלדן און געטער פון פאַר צוויי טויזנט יאָר. עס איז אַ מערקוויר־דיקער אינסטינקט ביי דעם דאָזיקן פאָלק, וואָס שטרעבט שטענדיק צום אַבסאָלוטן: ווען ער לאָזט רוען זיין דענקען אויף די שפורן פון יאָרהונדערטער, דאַכט זיך אים, אַז ער בויט זיין געדאַנק פון די דאָזיקע יאָרהונדערטער גופא. דער צוואַנג פון אָט דער קלאַסישער פאָרם האָט עמאַנועלס ליידנשאַפטן געגעבן נאָר אַ געוואַלטיקערן שווונג. אָליוויערס רויקער גלויבן אין פראַנקרייכס גורל האָט זיך ביי זיין קליינעם פריינט פאַרוואַנדלט אין אַ גליענדיקער רעליגיע, אין אַ לי־בע צו מעשים און אין אַ זיכערקייט אין נצחון. ער האָט געוואָלט זיגן, ער האָט געזען דעם נצחון, ער האָט אים אויסגערופן, גראָד דורך אָט דעם באַגייסטערטן גלויבן און דורך דעם אָפטימיזם האָט ער מיטגעריסן די נשמה פונם פראַנצויזישן עולם. זיין בוך האָט גע־ווירקט ווי אַ געווינענע שלאַכט. ער האָט דורכגעבראָכן דעם צווייפל און שרעק. דער גאַנצער יונגער דור האָט זיך געשטעלט אויף זיין זייט, גרייט צו גיין קעגן דעם נייען גורל...

ער איז געוואָרן לעבעדיק, ווען ער האָט געערדט. זיינע אויגן האָבן געברענט. זיין בלאַס פּנים האָט זיך באַדעקט מיט ראָזע פלעקן און זיין שטים איז געוואָרן אַ ביסל הייזעריק. קריסטאָף האָט בישט ווילנדיק באַמערקט די סתירה צווישן אָט דעם פרעסנדיקן פייער און דעם בידנעם קערפּער, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ שייטערהויפן. ער האָט נאָר געפילט די רירנדיקע איראָניע פון דעם דאָזיקן גורל. דער באַזינגער פון מעשים, דער דיכטער, וואָס האָט געפּריידיקט אַ דור פון דרייסטקייט, מעשים פון קריג, האָט אַליין קוים געשלעפּט די פיס, געווען ניכטער, געפּירט אַ שטרענגע דיעטע, געטרונקען וואַסער, בישט געקאָנט רויכערן, געלעבט אָן ליבע, געטראָגן אין זיך אַלע ליידנשאַפטן און פאַרמשפט געוואָרן דורך זיין שוואַך געזונט צו אַסקעטיזם.

קריסטאָף האָט באַטראַכט עמאַנועלן און האָט געפילט צו אים אַ געמיש פון באַוווּנדערונג און ברודערלעכן מיטגעפיל. ער האָט עס געוואָלט באַהאַלטן, נאָר וואַרשיינלעך האָבן אים פאַרראַטן זיינע אויגן אָדער עמאַנועלס שטאָלץ, וואָס האָט געטראָגן ביי דער זייט אַ שטענדיקע בלוטיקע ווונד, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט אין קריסטאָפס אויגן מיטלייד, וואָס איז געווען פאַר אים ערגער ווי שנאה. פּלוצלינג איז דאָס פייער פאַרלאָשן געוואָרן. ער האָט אויפגעהערט צו רעדן, אומזיסט האָט קריסטאָף געפּרוווט ווידער צו געווינען זיין צוטרוי. זיין נשמה האָט זיך ווידער פאַרשלאָסן. קריסטאָף האָט גע-זען, אַז ער האָט אים געקרענקט.

דאָס פיינטלעכע שווייגן האָט אַלץ געדויערט. קריסטאָף איז אויפגעשטאַנען. עמאַנועל האָט אים שטום באַגלייט צו דער טיר. זיין גאַנג האָט באַטאָנט זיין מום. ער האָט עס געוווּסט, נאָר ס'איז גע-לעגן אין זיין אַמביציע זיך צו מאַכן גלייכגילטיק דערצו. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז קריסטאָף קוקט אויף אים, און זיין כעס איז נאָך שטאַרקער געוואָרן.

אין דעם אויגנבליק, ווען ער האָט קאַלט דערלאַנגט זיין גאַסט די האַנט, כּדי זיך מיט אים צו געזעגענען, האָט אַן עלעגאַנטע יונ-גע דאַמע אָנגעקלונגען אין טיר. זי איז געווען אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגן לץ, וועלכן קריסטאָף האָט דערקענט, ווייל ער פלעגט אים זען אויף די טעאַטער פּרעמיערעס, ווו ער האָט געלאַכט, גע-פּלוידערט, געגריסט מיט דער האַנט, געקושט די דאַמען די הענט

און געשענקט זיין שמייכל פון זיין אָרט אין פּאַרטער ביז די היג-טערשטע ווינקלען אין טעאַטער. אַזוי ווי ער האָט זיין נאָמען נישט געוווּסט, האָט ער אים אָנגערופן „לץ". — דער לץ און זיין באַגלייטערין האָבן, דערזעענדיק עמאַנועלן, באַגריסט אים מיט שמייכלענדיקע און באַגייסטערטע קאָמפּלימענטן און אָנגערופן אים „טייערער מייסטער". קריסטאָף האָט געהערט ביים אַוועקגיין, ווי עמאַנועל האָט מיט אַ טרוקענעם קול געענטפערט, אַז ער קאָן זיי נישט אָננעמען, ווייל ער איז פאַרנומען. ער האָט באַוואונדערט די פעיקייט פון דעם דאָזיקן מענטשן צו זיין נישט העפלעך. ער האָט נישט געוווּסט די סיבות, פאַרוואָס ער באַציט זיך אַזוי ביז צו די רייכע סנאָבן, וואָס פאַרמאַטערן אים מיט זייערע צודרינגלעכע באַזוכן: זיי זענען געווען פאַרשווענדעריש אין שיינע פראַזן, אין לויבגעזאַנגען, אָבער זיי האָבן זיך אַבסאָלוט נישט באַמיט צו פאַרלייכטערן זיין נויט, פונקט ווי די באַרימטע פריינט פון צעזאַר פראַנק, וואָס האָבן זיך נישט באַמיט אים צו באַפרייען פון זיינע לעקציעס, וועלכע ער האָט, כּדי צו קאָנען לעבן, געגעבן ביז זיין טויט.

קריסטאָף איז נאָך געווען עטלעכע מאָל ביי עמאַנועלן, נאָר ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו דערוועקן אין אים דעם צוטרוי פון דעם ערשטן באַזוך. עמאַנועל האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַרגעניגן, ווען ער האָט אים געזען, און באַציִגן זיך צו אים מיט אַן אומצוטרוילעכער צוריקגעהאַלטנקייט. אין געוויסע מאָמענטן האָט קריסטאָפס אַ וואָרט געוועקט אין אים די באַדערפעניש צו טיילן זיך מיט זיין זשעני. איין וואָרט קריסטאָפס האָט אים טיף אינערלעך גע-ריירט. דעמאָלט האָט ער זיך מיט באַגייסטערטן צוטרוי איבערגעגעבן קריסטאָפן, און זיין אידעאַליזם האָט געוואָרפן אין זיין פאַרבאָרגענער נשמה די ברענענדיקע ליכט פון דער שיינענדיקער פּאָעזיע. פּלוצלינג אָבער איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, זיך איינגעקאָרטשעט, און קריסטאָף האָט ווידער דערזען פאַר זיך אַ שונא.

צופיל זאַכן האָבן זיי צעשיידט און קודם-כּל די פאַר-שיידנקייט פון זייער עלטער. קריסטאָף האָט זיך דערנענטערט צו דער צייט פון פולן באַוווּסטזיין און זעלבסט-באַהערשונג. עמאַנועל האָט נאָך דורכגעמאַכט די צייט פון אַנטוויקלונג, וואָס איז פאַרגעקומען כאַאָטישער, ווי אַמאָל ביי קריסטאָפן. די אייגנאַרטיקייט פון זיין אינדי-ווידואַליטעט איז געלעגן אין די סתירותדיקע עלעמענטן, וואָס זענען

געגאַנגען אַ׳ן, אים צוזאַמען. אַ שטאַרקער סטאָיציזם, וואָס האָט געוואָלט באַהערשן זיין פון־אַטאַוויסטישע באַגערןצעפּרעסענע נאַטור — זיך אַליין, דעם זון פון אַ גאַסן פרוי און פון אַ שיכּור, — אַ ברענענדיקע פאַנטאַזיע, וואָס האָט זיך געראַנגלט אונטערן צוואַנג פון אַ שטאָלענעם ווילן; אַן אומגעהייערן עגאָיזם און אַ גרענעצלאָזע ליבשאַפט צו אַנדערע (מען האָט נישט געוווסט, ווער פון זיי עס וועט אַמאָל זיגן); אַ העלדישער אידעאַליזם און אַ קרענקלעכער באַגער צו רום, וואָס האָט אים געמאַכט אומזיכער לגבי אַנדערע גרויסע גייסטער. אויב ס׳האָבן געלעבט אין אים אָליוויערס געדאַנקען, זיין אומאָפּהענגיקייט און אומאייגנוצלעכקייט, אויב עמאַנועל איז געשטאַנען העכער פון זיין לערער מיט זיין פלעבעישער לעבנס־קראַפט, וואָס האָט נישט געקענט דעם עקל צו מעשים, און אויך דורך דער דיכטערישער באַגאַבונג און דורך זיין רויער שאָל, וואָס האָט אים באַשיצט קעגן אַלע אַנטוישונגען, — איז ער אָבער געווען זייער ווייט פון דער פריילעכער מילדקייט, וועלכע עס האָט פאַרמאָגט אַנטואַנעטס ברודער. זיין כאַראַקטער איז געווען אומרויִק און איבערגעשפּיצט, און דער כאַאָס פון אַנדערע מענטשן האָט נאָך פאַרשטאַרקט זיין אייגענעם כאַאָס.

ער האָט געלעבט אין אַ שטורמישער פאַרבינדונג מיט דער יונגער פרוי, וואָס איז געווען זיין שכנטע: די זעלבע וואָס האָט אויפגענומען קריסטאָפן ביי זיין ערשטן באַזוך. זי האָט ליב געהאַט עמאַנועלן און אייפערזיכטיק געזאָרגט פאַר אים, באַזאָרגט אים די באַלעבאַטישקייט, איבערגעשריבן אויף ריין זיינע ווערק, אָדער זיך געלאָזן פון אים דיקטירן. זי איז נישט געווען שיין און געהאַט באַוועגונגען פון אַ ליידנשאַפטלעכער נאַטור. זי האָט געשטאַמט פון פאָלק, געווען אַ לאַנגע צייט אַן אַרבעטערין אין טעקטור־פאַבריק, דערנאָך אַ פּאָסט־באַאַמטע, און האָט פאַרבראַכט איר קינדהייט אין דער אָרעמער סביבה פון אַ פּאַריזער אַרבעטער פאַמיליע. איר נשמה און איר קערפּער זענען געוואָרן אויסגעשעפּט ביי דער שטענדיקער אַרבעט, אָן לופט, אָן שטילקייט, אָן דער מעגלעכקייט צו בלייבן אַליין מיט זיך, אָן דער פעיקייט זיך צו קאָנצענטרירן, און צו פאַרטיידיקן די הייליקע טיפענישן פון האַרצן. אַזוי ווי זי האָט פאַרמאָגט אַ שטאָלצן גייסט און אַ רעליגיעזע באַגייסטערונג פאַרן אידעאַל פון אמת, האָט זי זיך ביינאַכט איבערגעפירט די אויגן און אָפט ביים שיין פון דער לבנה איבערגעשריבן הוגאָס „די אומגליקלעכע“. זי האָט באַגעגנט

עמאַנועלן אין יענער צייט, ווען ער איז געווען אומגליקלעכער ווי זי, געלעגן קראַנק אָן שום הילף, — און זי האָט זיך אים אינגאַנצן געווידמעט. די דאָזיקע ליבע איז געווען די ערשטע און די איינציקע ליידנשאַפט פון איר לעבן. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן איר, ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך. דאָס האָט עמאַנועלן זייער געדריקט, ווייל ער האָט פאַרטראָגן איר ליבע, אָבער זי ווייניקער געטיילט. ער איז געווען גערירט פון איר איבערגעגעבנקייט, ער האָט געוווּסט, אַז זי איז אים די בעסטע פריינדין, דער איינציקער מענטש, פאַר וועלכן ער באַדייט אַלץ; ער האָט געוווּסט, אַז זי קאָן אָן אים נישט לעבן. אָבער דווקא דאָס געפיל האָט אים געדריקט, ער האָט געדאַרפט פריי־הייט און איינזאַמקייט. די דאָזיקע אויגן, וואָס האָבן מיט תחנונים גע־בעטלט ביי אים כאָטש איין בליק, האָבן אים געפייניקט. ער האָט גערעדט מיט איר האַרב. ער האָט טיילמאָל געהאַט חשק איר צו זאָגן: „טראָג זיך אָפּ פון דאַנען!" איר מיאוסקייט און האַסטיקייט האָבן אים אויפגערעגט. הגם ער האָט זייער ווייניק געוווּסט וועגן דער עלעגאַנטער געזעלשאַפט און אַרויסגעוויזן איר זיין פאַראַכטונג (ער האָט געליטן דערפון, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעזען נאָך מיאוסער און לעכערלעכער), איז ער אָבער געווען עמפּינדלעך אויף עלעגאַנץ און אין האַרצן געטרוימט וועגן די פרויען פון די העכערע ספערן, וואָס האָבן געפילט צו אים (ער האָט אין דעם נישט געצווייפלט) די זעלבע געפילן, וואָס ער האָט געפילט צו זיין פריינדין. ער האָט געוואָלט אַרויסווייזן אַ סימפּאַטיע, וואָס ער האָט נישט געפילט אָדער וואָס איז לפּחות פאַרטונקלט געוואָרן פון אַן אומגעריכט און קעגן זיין ווילן אויפגעוועקטן האַס. עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן ער האָט געטראָגן אין זיין ברוסט אַ גרויס איידל האַרץ, וואָס האָט געבענקט צו טון גוטס, און גלייכצייטיק אַ דעמאָן פון ליידנשאַפט, וואָס איז פעיקע געווען צו טון שלעכטס. דער דאָזיקער אינערלעכער קאַמף און דער באַוווּסטזיין, אַז ער וועט נישט אַרויס דער זיגער האָבן אים זייער צערייצט, און דאָס האָט ער געלאָזט פילן אויך קריסטאָפן.

עמאַנועל האָט געפילט צו קריסטאָפן אַ דאָפּלטן ווידערווילן: דער ערשטער האָט נאָך געשטאַמט פון זיין אַלטער קנאה, (ווייל די קינדער ליידנשאַפטן עקזיסטירן אויך שפּעטער, אַפילו ווען מען פאַר־געסט זייערע סיבות) און דער צווייטער האָט זיך גענומען פון זיין

שטאַרקן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. ער האָט געזען אין פֿאַנקרייך אַלע חלומות פֿון דער גערעכטיקייט, מיטלייד און פֿאַרברודערונג פֿון אַלע מענטשן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען די בעסטע זין פֿון דער עפּאָכע. ער האָט געשטעלט פֿראַנקרייך העכער איבער גאַנץ אייראָפּע, אָבער נישט ווי אַ שונא, וואָס זיין גליק בויט זיך אויף די חורבות פֿון די אַנדערע פֿעלקער, נאָר ער האָט זי געשטעלט אין דער שפּיץ, אַלס די באַרעכטיקסטע הערשערין, וואָס וועט רעגירן צום בעסטן פֿון אַלעמען — אַלס שווערד פֿון דער פֿולקאָמענהייט, אַלס פֿירערין פֿון דער מענטשהייט. איידער צו זען ווי פֿראַנקרייך באַגייט אַן עוולה, וואָלט ער זי בעסער חרוב געמאַכט, אָבער ער האָט אין איר נישט געצווייפֿלט. ער איז געווען אַ פֿראַנצויז דורך און דורך לויט זיין קולטור און לויט זיין האַרץ, דערנערט זיך נאָר מיט פֿראַנצויזישע טראַדיציעס, וואָס זייער טיפֿע ריכטיקייט האָט אים באַשטעטיקט זיין אינסטינקט. ער האָט מיט דיינער אויפֿריכטיקייט נישט געוואָלט קענען די פֿרעמדע געדאַנקען־וועלט און געפֿילט צו איר אַ מין פֿריינטלעכע פֿאַראַכטונג. אָבער ערגער איז געווען, ווען דער פֿרעמדער האָט נישט אָנערקענט די דאָזיקע טרויעריקע לאַגע.

קריסטאָף האָט דאָס אַלץ געזען. אָבער ער איז געווען עלטער און דאָס לעבן האָט אים מער געלערנט, דערפֿאַר האָט ער זיך דער־ביי נישט אויפֿגערעגט. הגם דער דאָזיקער ראַסן־שטאָלץ האָט אים כּסדר באַליידיקט, האָט ער זיך אָבער נישט געפֿילט דערפֿון געטראָפֿן. ער האָט אים מוחל געווען די פֿאַראורטיילן פֿון זיין ליבע, און עס איז אים אפֿילו נישט איינגעפֿאלן שלעכטס צו פֿאַראורטיילן די גוזמאות פֿון אַ הייליק געפֿיל. אגב, טרעפֿט עס כּסדר, אַז די פֿעלקער זענען פֿול מיט אַ שטאָלצן גלויבן אין זייער שליחות. פֿון אַלע סיבות, וואָס ער האָט געהאַט זיך צו פֿילן ווייט פֿון עמאַנועלן, איז אים בלויז איינע געווען פֿיינלעך. דאָס איז געווען זיין שטים, וואָס האָט טיילמאָל אָנ־גענומען קוויטשענדיקע טענער. קריסטאָפֿס אויער האָט שרעקלעך גע־ליטן דערפֿון. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט צו פֿאַר־קרומען דאָם פּנים. ער האָט געטון אַלץ אַבי עמאַנועל זאָל עס נישט באַמערקן. ער האָט זיך באַמיט צו הערן די מוזיק און נישט דעם אינסטרומענט. פֿון דעם דיכטער מיטן פֿאַרקריפּלטן גוף האָט גע־שטראַלט אַן אומענדלעך העראָאישע שיינקייט, בעת ער האָט גערעדט פֿון די גייסטיקע נצחונות, וואָס וועלן זיין פֿאַר די אַנדערע נצחונות,

וועגן איינגעמען די לופט, וועגן „פליענדיקן גאָט“, וואָס האָט מיטגעריסן מיט זיך די מחנה און געהייסן איר נאָכגיין, גלייך ווי דעם שטערן פון בית־לחם, אַזוי, אַז זי איז פאַרבלייבט געוואָרן אין אומבאַקאַנטער ווייטקייט. דער גלאַנץ פון דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס איז פול געווען מיט העלדישע מעשים, האָט קריסטאָפן נישט פאַרדראָסן, אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו דערקענען און פאָרויסצוזען איר סכנה, וווהין עס פירט דער דאָזיקער שטורם און די וואַקסנדיקע קראַפט פון אָט דער נייער מאַרסעליעזע. ער האָט געטראַכט מיט אַ לייכטער איראָניע (אָן בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט און אָן מורא פאַר דער צוקונפט), אַז דער דאָזיקער געוואַגג וועט אַרויסרופן אַן אָפּקלאַנג, וועלכן די זינגער זעען נישט פאָר, און אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען די מענטשן וועלן ווידער זיפצן צו דער פאַרשוווּנדענער צייט פון דעם יריד... ווי פריי מען איז דעמאָלט געווען! די גאָלדענע עפּאָכע פון דער פרייהייט. קיינמאָל וועט שוין אַזאַ צייט נישט קומען. די וועלט איז געגאַנגען אויף דעם וועג צו אַן עפּאָכע פון קראַפט, געזונטקייט, מענלעכע מעשים און אפשר רום, אָבער פון האַרטער הערשאַפט און אַבסאָלוטער אָרדנונג. אונזערע פאַרלאַנגען וועלן עס לסוף אַרויסרופן די נייע עפּאָכע. די קלאַסישע צייט! די גרויסע קלאַסישע עפּאָכע — פון לואי דעם פערצנטן אָדער פון נאַפּאָלעאָן, — זעט אונז פון דער ווייטן, ווי דער באַרג שפּיץ פון דער מענטשהייט. און אפשר פאַרווירקלעכט אין זיי די נאַציע צום שענסטן איר מלוכה־אידעאַל. אָבער פרעגט די העלדן פון יענער צייט, וואָס זיי האָבן פון איר געטראַכט! אייער ניקאָלאַי פוסען איז אַנטלאָפן, כדי צו לעבן און שטאַרבן אין רוים, ווייל ער האָט זיך אין זיין פאָטערלאַנד געשטיקט. אייער פּאַסקאַל און אייער ראַסין האָבן זיך געזעגנט מיט דער וועלט און וויפיל אַנדערע צווישן די גרעסטע האָבן געלעבט אָן אַ זייט, אונטערדריקט, אין אומרו, אפילו דער גייסט פון אַ מאָליער האָט פאַרמאָגט אַסאַך פאַרביטערונג. און וואָס ס'שייך אייער נאַפּאָלעאָן, צו וועלכן איר בענקט אַזוי שטאַרק, האָבן אייערע זיידעס, דאַכט זיך, געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף פון זייער גליק; און דער הערשער גופא האָט זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס: ער האָט געווּוסט, אַז ווען ער וועט שטאַרבן, וועט די וועלט פרייער אָפּאָטעמען... וואָס פאַראַ געדאַנקען־פוסטקייט אַרום דעם אימפּעראַטאָר! די אַפריקאַנישע זון איבער אַן אומענדלעכע זאַמד־שטרעקע...

קריסטאָף האָט נישט געזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט ביי זיך גע־טראַכט. אַ פּאָר אָנצוהערענישן זענען געווען גענוג אַרויסצוברענגען עמאַנועלן פון גלייכגילטיקייט. ער האָט זיך נישט געשפּאַרט. נאָר כאָטש ער האָט זיינע געדאַנקען באַהאַלטן פאַר זיך, האָט אָבער עמאַנועל געוווּסט, אַז ער טראַכט זיי. נאָך מער. ער האָט געהאַט אַ טונקעלן באַוווּסטזיין, אַז קריסטאָף קוקט ווייטער פון אים. און דאָס האָט אים נאָך מער אויפגערעגט. יונגע מענטשן זענען נישט מוחל די עלטערע, ווען זיי צווינגען זיי צו זען, וואָס זיי וועלן ווערן אין צוואַנציק יאָר אַרום.

קריסטאָף האָט געלייענט אין זיין האַרצן און געזאָגט צו זיך:

— ער האָט רעכט. יעדערער האָט זיין גלויבן פאַר זיך. מען מוז גלויבן אין וואָס מען גלויבט. זאָל מיך גאָט אָפּהיטן, איך זאָל אונטערגראָבן זיין גלויבן אין דער צוקונפט.

אָבער שוין זיין געגנוואַרט גופא האָט באַאומרויקט עמאַנועלן. ווען צוויי פּערזענלעכקייטן זענען צוזאַמען, מעגן זיי זיך ביידע באַמיען ווי שטאַרק צו זיין באַשיידן און צוריקגעהאַלטן, מוז אַלע מאָל איינע די אַנדערע דערדריקן, און די אַנדערע האָט פאַרדרוס און טראָגט עס אין האַרצן. עמאַנועלס שטאָלץ האָט געליטן אונטער קריסטאָפס רייכקייט אין דערפאַרונגען און כאַראַקטער. און אפשר האָט ער זיך געווערט קעגן דער ליבע, וואָס ער האָט אַלץ שטאַרקער גע־פילט אין זיך צו קריסטאָפן...

ער איז געוואָרן אַלץ פאַרשלאָסענער. לסוף האָט ער אינגאַנצן פאַרשלאָסן זיין טיר. ער האָט אים אַפילו נישט געענטפערט אויף זיינע בריוו. — קריסטאָף האָט געמוזט רעזיגנירן, זיך מיט אים צו טרעפן.

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון יולי. קריסטאָף האָט געמאַכט אַ חשבון הנפש, וואָס די עטלעכע מאָנאַטן האָבן אים גע־בראַכט: פיל נייע אידעען, אָבער ווייניק פריינט. אויסגעצייכנטע און שפּאָטיש־שלעכטע פריינט. אויסגעצייכנטע און שלעכטע ערפאָלגן עס איז טרויעריק צו דערזען דאָס אייגענע בילד אָדער דאָס בילד

פונם לעבנס־ווערק בלאָס אָדער אָפּגעשפּיגלט אין קליינע מוחלעך. און ווו ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט פאַרשטאַנען ווערן, האָט ער נישט געפונען קיין סימפּאַטיע; דאָרט האָט מען נישט גוט אויפגענומען זיין קומען; ער איז נישט געקומען אין קיין באַרירונג מיט די דאָזיקע מענטשן, הגם ער האָט שטאַרק געוואָלט זיך באַטיי־ ליקן אין זייערע האָפנונגען און ווערן זייער פריינט; עס האָט אויסגעזען, ווי זייער עמפּינדלעכע אייגנליבע וואָלט זיך געוועהרט קעגן זיין פריינטשאַפט און געפונען מער באַפרידיקונג אין דעם, וואָס זיי זענען אים שונאים. מיט איין וואָרט, ער האָט געלאָזט שווימען דעם שטראָם פון זיין דור, אָבער מיט אים נישט מיטגע־ גאַנגען; און דער שטראָם פונם צווייטן דור האָט פון אים וויסן נישט געוואָלט. ער איז געוועזן איינזאַם און האָט זיך נישט געוווּנדערט וויל ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען געווונט דערצו. ער האָט נאָר איינגעפונען, אַז נאָכן דאָזיקן נייעם פּרווו האָט ער איצט דאָס רעכט זיך אומצוקערן אין זיין שווייצאַריש איינזאַם־שטיבל און דאָרט אָפּצוּוואַרטן, ביז עס וועט זיך פאַרווירקלעכן אַ פּלאַן, וואָס האָט זינט אַ קורצער צייט אָנגענומען אַ רעאַלערע געשטאַלט. וואָס על־ טער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט אים געפּייניקט דער פאַרלאַנג זיך ווידער צו באַזעצן אין זיין פאָטערלאַנד. ער האָט דאָרט מער קיינעם נישט געקענט; ער וואָלט דאָרט זיכער געפונען נאָך ווייניקער גייסטיקע קרובהשאַפט, ווי אין אָט דער פרעמדער שטאָט. אָבער דאָך איז עס געווען דאָס פאָטערלאַנד: פון בלוט־קרובים פאָדערט מען נישט, זיי זאָלן דענקען, ווי מיר אַליין; צווישן אונז און זיי זענען פאַראַן טויזנטער געהיימע בענדער; די חושים האָבן געלערנט אין זעלבן בוך פון הימל און ערד; ;דאָס האַרץ רעדט מיט דער זעלבער שפּראַך.

ער האָט פרייליך דערציילט גראַציאַן פון זיינע אַנטוישונגען און האָט איר מודיע געווען, אַז ער פאָרט צוריק אין דער שווייץ; ער האָט אין שפּאַס געבעטן ביי איר אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון פּאַריז און האָט באַשטימט זיין רייזע אויף דער צווייטער וואָך. נאָר פאַרן אַרויסשיקן דעם בריוו, האָט ער צוגעגעבן די ידיעה:

— איך האָב געענדערט מיין פּלאַן. מיין רייזע איז אָפּגעלייגט.

קריסטאָף האָט געהאַט צו גראַציאַן גרויס צוטרוי; ער האָט איר אַנטפּלעקט די סודות פון זיינע טיפסטע געדאַנקען. און דאָך איז

געווען אַ קאַמער אין זיין האַרצן, צו וועלכער ער האָט דעם שליסל באַהאַלטן. דאָס זענען געווען די זכרונות, וואָס האָבן געהערט נישט צו אים אַליין, נאָר צו די, וועלכע ער האָט ליב געהאַט. ער האָט געשוויגן, למשל, וועגן דעם וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אַלי־וויערן. זיין צוריקגעהאַלטנקייט איז נישט געווען אויסגערעכנט. די ווערטער האָבן אים נישט געוואָלט אַרויסקומען אויף די ליפּן, ווען ער האָט געוואָלט דערציילן גראַציאַן וועגן אַליוויערן. זי האָט אים נישט געקענט.

דעם דאָזיקן פרימאָרגן, ווען ער האָט אָנגעשריבן דעם בריוו צו זיין פריינדין, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. ער איז גע־גאַנגען עפענען, שעלטנדיק בשעת־מעשה, וואָס מען האָט אים גע־שטערט. אַ ייִנגל פון אַ יאָר פערצן אָדער פופצן האָט זיך געפרעגט אויפן זער קראַפּט. קריסטאָף האָט זיך אָנגעכמורעט און אים אַריינ־געלאָזן. דאָס ייִנגל איז געווען בלאָנד, געהאַט בלויע אויגן, איידעלע שטריכן, געווען נישט זייער הויך און געהאַט אַ שמאָלע, שלאַנקע פיגור. אָן איין וואָרט און אַ ביסל פאַרשעמט איז ער געשטאַנען פאַר קריסטאָפן. זייער גיך אָבער האָט ער זיך געשטאַרקט און אויפ־געהויבן זיינע קלאָרע אויגן, וואָס האָבן באַטראַכט קריסטאָפן פול מיט נייגעריקייט. קריסטאָף האָט אַ שמייכל געטון, ווען ער האָט אָנגע־קוקט דאָס דאָזיקע שיינע פּנים. און דאָס ייִנגל האָט אויך געשמייכלט.

— נו, — האָט זיך קריסטאָף אָנגערופן, — וואָס פאַרלאַנגט איר?

— איך בין געקומען... — האָט געזאָגט דאָס ייִנגל.

(ער איז ווידער צעטומלט געוואָרן, פאַררויטלט זיך און אַנט־שוויגן געוואָרן).

— איך זע גאַנץ גוט, אַז איר זענט געקומען, — האָט קריסטאָף מיט אַ געלעכטער געזאָגט. — אָבער פאַרוואָס זענט איר געקומען? קוקט מיך אָן, אפשר האָט איר מורא פאַר מיר?

דאָס ייִנגל האָט ווידער גענומען שמייכלען, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— ניין.

— בראַוואָ! אָבער זאָגט מיר קודם־כּל, ווער איר זענט.

— איך בין... — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט.

ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע אויגן, וואָס האָבן נייגעריק אַרומגעוואַנדערט איבערן צימער, האָבן דערזען אויף דעם

קאַמין אָליוויערס בילד. קריסטאָף האָט מעכאַניש נאָכגעקוקט זיין בליק.

— נו! — האָט ער געזאָגט. — מוט!

דאָס יינגל האָט געזאָגט:

— איך בין זיין זון.

קריסטאָף האָט אינגאַנצן אַ ציטער געטון. ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטול, אָנגעכאַפּט דאָס יינגל פאַר ביידע הענט און אַ ציִ געטון צו זיך; ער איז אַראָפּגעזונקען אויפן שטול און אַרומגענומען דאָס יינגל. זייערע פּנימער האָבן זיך כמעט אָנגערירט; און ער האָט אים אָנגעקוקט, באַטראַכט אים לאַנג, לאַנג און האָט כּסדר איבערגעחזרט:

— טייער יינגל... מיין אָרעם יינגל...

פּלוצלינג האָט ער גענומען זיין קאָפּ צווישן די הענט און געקושט אים דעם שטערן, די אויגן, די באַקן, די נאָז, די האָר. דאָס יינגל האָט זיך דערשראָקן און דערפילט זיך נישט אָנגענעם פון זיינע האַסטיקע אויסברוכן, ער האָט זיך ביסלעכווייז באַפרייט פון קריסטאָפס אָרעמס. קריסטאָף האָט אים אָפּגעלאָזן. ער האָט באַהאַלטן זיין פּנים אין די הענט, אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אין דער וואַנט און אַזוי געבליבן שטיין עטלעכע מינוט. דער קליינער האָט זיך צוריקגעצויגן אין צימער. קריסטאָף האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיין פּנים האָט זיך באַרויקט, ער האָט אָנגעקוקט דאָס קינד מיט אַ צאַרטן שמייכל.

— איך האָב דיך איבערגעשראָקן, — האָט ער געזאָגט, — זיי מוחל. עס נעמט זיך דערפון, זעסטו, וואָס איך האָב אים אַזוי ליב געהאַט.

ער קליינער איז נאָך אַלץ געווען פאַרשעמט און געשוויגן.

— ווי ענלעך דו ביסט צו אים... — האָט קריסטאָף געזאָגט — און דאָך וואָלט איך דיך נישט דערקענט. וואָס איז אין דיר אַנדערש, ווי ביי אים?

ער האָט געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— זשאָרזש.

— אַך, ריכטיק, קריסטאָף־אָליוויער־זשאָרזש. איך דערמאָן זיך. און ווי אַלט ביסטו?

— פערען יאָר.

— פערצן יאָר? אַזוי לאַנג איז עס שוין?... מיר דאַכט זיך, אַז

דאָס איז ערשט נעכטן פאָרגעקומען — אָדער אין דער נאַכט פון פאַר אַלע צייטן... ווי ענלעך דו ביסט צו אים! דאָס זענען די זעלבע שטריכן, דערזעלבער — און דאָך אַן אַנדערער. די זעלבע פאַרב פון די אויגן און דאָך נישט די זעלבע אויגן; דאָס זעלבע שמייכלען, דאָס זעלבע מויל, דאָך נישט דער זעלבער קלאַנג אין דער שטימע, דו ביסט שטאַרקער, דו האַלטסט זיך בעסער. דו האָסט אַ פולער פנים, אָבער דו רויטלסט זיך, ווי ער. קום, זעץ זיך מיר וועלן פלוידערן. ווער האָט דיך צו מיר געשיקט;

— קיינער נישט.

— דו ביסט אַליין געקומען? פון וואַנען קענסטו מיך?

— מען האָט מיר דערציילט פון אייך.

— ווער?

— מיין מוטער.

— אַך! — האָט קריסטאָף געזאָגט — צי ווייסט זי, אַז דו ביסט צו מיר געגאַנגען?

— ניין.

קריסטאָף האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— וווּ וווינט איר?

— ביים מאָנטאָ־פאַרק.

— ביסט געקומען צופוס? יאָ? עס איז דאָך זייער ווייט, דו ועסט זיין פאַרמאַטערט.

— איך בין קיינמאָל נישט פאַרמאַטערט.

— דאָס איז אויסגעצייכנט! ווייז מיר דיינע אָרעמס!

ער האָט זיי באַטאַפּט.

— דו ביסט אַ מוטיק ייִנגל... און ווי איז דיר איינגעפאַלן מיך צו באַזוכן?

— ווייל פאַפּאַ האָט אייך ליב געהאַט מער, ווי אַלץ אין דער וועלט.

— האָט זי דיר עס געזאָגט? (ער האָט פאַרריכט) האָט עס דיר דיין מאַמע געזאָגט?

— יאָ.

— קריסטאָף האָט פאַרטראַכט אַ שמייכל געטון, ער האָט גע־טראַכט:

— זי אויך!... ווי זיי האָבן אים אַלע ליב געהאַט! פאַרוואָס

האָבן זיי עס אים נישט אַרויסגעוויזן?

ער האָט ווייטער גערעדט:

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי לאַנג געוואַרט, איידער דו ביסט צו מיר געקומען?

— איך האָב שוין פריער געוואָלט קומען, נאָר איך האָב געגלויבט, אַז איר וועט פון מיר נישט וועלן וויסן.

— איך?!

— מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָב איך אייך געזען אויף אַ קאָנצערט. איך בין געזעסן מיט מיין מאַמע נישט ווייט פון אייך. איך האָב אייך באַגריסט. איר האָט מיך בייז אָנגעקוקט, געקנייטשט די ברעמען און נישט געענטפערט אויף מיין גרוס.

— איך האָב דיך בייז אָנגעקוקט?... מיין ליב יינגל, דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן אַזאַ זאַך? איך האָב דיך נישט געזען. איך האָב שלעכטע אויגן, צי איך צונויף די ברעמען... האַלטסטו מיך טאַקע פאַר אַ בייזן?

— איך גלויב, אַז איר קאָנט זיין בייז, ווען איר ווילט.

— באמת? — האָט קריסטאָף געזאָגט, — אָבער אויב דו האָסט געגלויבט, אַז איך וויל פון דיר נישט וויסן, ווי האָסטו פונדעסטוועגן געהאַט מוט צו קומען אַהער?

— ווייל איך האָב אייך דאָך געוואָלט דערקענען.

— און ווען איך וואָלט דיך אַרויסגעוואָרפן הינטער דער טיר?

— איך וואָלט עס נישט דערלאָזט.

ער האָט עס געזאָגט מיט אַ קינדערשער מינע, וואָס איז גלייכצייטיק געווען פעסט, פאַרלעגן און אַרויספאָדערנדיק.

קריסטאָף האָט זיך צעלאַכט, און זשאָרזש אויך.

— דו וואָלסט מיך מסתּמא אַרויסגעוואָרפן הינטער דער טיר?... הער אַ געשיכטע! וואָס פאַר אַ וויל יינגל דו ביסט!... ניין, באמת, דו ביסט נישט ענלעך צו דיין טאַטן.

דאָס באַוועגלעכע פּנים פונעם יינגל איז אָנגעכמורעט געוואָרן.

— איר געפינט, אַז איך בין צו אים נישט ענלעך? אָבער איר האָט דאָך פריער געזאָגט... איר גלויבט אַלזאָ, אַז ער וואָלט מיך נישט ליב געהאַט? איר האָט מיך הייסט עס, אויך נישט ליב?

— וואָס גייט דיך אָן, צי איך האָב דיך ליב?

— מיר איז עס זייער וויכטיק.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב אייך ליב.

אין משך פון איין מינוט האָבן זיינע אויגן, מויל, אַלע זיינע שטריכן געמאַלט די פאַרשידנסטע אויסדרוקן, ווי דער שאָטן פון די וואָלקנס אין אַן אַפּריל־טאָג לויפט אַרום אונטערן אָטעם פון די פרי־לינגס־ווינטן איבער די פעלדער. קריסטאָף האָט געפילט אַ וווּנדער־לעכע פרייד, ווען ער האָט אים אָנגעקוקט און געהערט אים רעדן; ער האָט זיך געפילט, ווי אַלע זיינע דאגות וואָלטן מיטאַמאָל נעלם געוואָרן, זיינע טרויעריקע דערפאַרונגען, זיין גורל, זיינע צרות און אָליוויערס ליידן, — אַלץ איז פאַרשווונדן: ער איז געווען ווי ניי־געבוירן אין דער יונגער בלום פון אָליוויערס לעבן.

זיי האָבן געפּלוידערט. געאָרג האָט ביז די לעצטע חדשים גאָרנישט געקענט פון קריסטאָפס מוזיק; זינט קריסטאָף איז געווען אין פאַריז, האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין איין קאָנצערט, וווּ מ'האָט געשפּילט זיינע ווערק. ער האָט גערעדט דערפון מיט אַ לעבעדיק פּנים, מיט גלאַנצנדיקע, לאַכנדיקע אויגן, און האָט געהאַלטן בשעת־מעשה ביים וויינען, ווי אַ פאַרליבטער. ער האָט אָנפאַרטרויט קרי־סטאָפן, אַז ער האָט ליב מוזיק איבער אַלץ און אַז ער וויל זי שטודירן. אָבער קריסטאָף האָט נאָך עטלעכע פראַגן באַמערקט, אַז ער האָט קיין שום ידיעה נישט אין אירע גרונט־שטריכן. ער האָט זיך אויסגעפרעגט, ווו ער לערנט. דער יונגער זשאַנען האָט באַזוכט אַ גימנאַזיע. ער האָט פריילעך דערציילט, אַז ער איז נישט פון די בעסטע שילער.

— אין וואָס גייט דיר צום בעסטן? אין די הומאַניסטישע אָדער עקזאַקטע לימודים?

— עס איז אומעטום גלייך שלעכט.

— אָבער ווי אַזוי? פאַרוואָס? ביסט דאָך מסתמא נישט קיין פוילער?

ער האָט זיך אָפן צעלאַכט און געזאָגט:

— איך בין יאָ.

דערנאָך האָט ער מיט צוטרוי צוגעגעבן:

— איך ווייס אָבער אין פלוג, אַז איך בין עס נישט.

קריסטאָף האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער:

— טאָ פאַרוואָס אַרבעטסטו נישט? אינטערעסירט דיך נישט קיין שום זאַך?

— פאַרקערט! אַלץ אינטערעסירט מיך.
— נאָר וואָס דען?
— אַלץ איז אינטערעסאַנט. נישטאָ קיין צייט.
— דו האָסט נישט קיין צייט? וואָס־זשע טוסטו, צו אַלדי גוטע יאָר?
זשאָרזש האָט געמאַכט אַן אומבאַשטימטע באַוועגונג:
— זייער אַ סאַך. איך לערן זיך מיט מוזיק, מיט ספאָרט, איך גיי אויף די אויסשטעלונגען, איך לייען...
— דו וואָלסט געטון בעסער, ווען דו לייענסט דיינע לערן־ביכער.
— אין דער שולע לייענט מען קיינמאָל נישט קיין אינטערע־סאַנטע זאַכן. און אויסערדעם פאָרן מיר אַרום. דעם לעצטן חודש בין איך געווען אין ענגלאַנד, כדי צו זען דעם מעטש צווישן אָקס־פאָרד און קעמברידזש.
— דאָס העלפט דיר מסתמא זייער שטאַרק אין לערנען!
— נו, דערביי לערנט מען מער, ווי בעת מען שטעקט אין גימנאַזיע.
— און וואָס זאָגט דיין מאַמע דערצו?
— מיין מוטער איז זייער קלוג. זי טוט אַלץ, וואָס איך וויל.
— קליינער אויסוואורף! דו האָסט מזל, וואָס איך בין נישט דיין טאַטע.
— איר וואָלט זיכער ביי מיר קיין האָניק נישט געלעקט!
עס איז געווען אוממעגלעך זיך אַנטקעגנצושטעלן זיין צעשמייכל־טער מינע.
— זאָג מיר נאָר, וועלט־רייזנדער, — האָט קריסטאָף געזאָגט — דו קענסט מיין פאָטערלאַנד?
— יאָ.
— איך בין זיכער, אַז דו קענסט קיין איין וואָרט נישט אויף דייטש.
— פאַרקערט, איך קען דייטש זייער גוט.
—לאָמיר הערן.
זיי האָבן גענומען רעדן אויף דייטש. דער קליינער האָט גע־רעדט מיט לצנישער זיכערקייט אַ העכסט־פאַרגרייזטן זשאַרגאָן; אַזוי־ווי ער איז געווען זייער קלוג און עמפינדלעך, האָט ער זיך

מער ווי־עס־איז אַן עצה געגעבן, איידער פאַרשטאַנען געניו. ער האָט אָפט פאַרשטאַנען דעם היפוך און ז׳ערנאָך דער ערשטער דערפון גע־לאַכט. ער האָט מיט באַגייסטערונג דערציילט פון זיינע רייזעס און די ביכער, וואָס ער האָט געקענט. ער האָט געלייענט אַ סאַך, אָבער שנעל און אויבנאויפיק, דורכלאָזנדיק האַלבע זייטן און אַליין דאָס נישט געלייענטע צוגעטראַכט. אָבער שטענדיק האָט ער זיך געגומען צו אַ זאַך מיט באַגייסטערונג, מיט לעבעדיקן, פרישן אינטערעס. ער איז אַריבערגעשפרונגען פון איין זאַך צו דער צווייטער, און זיין פּנים איז לעבעדיק געוואָרן, בעת ער האָט גערעדט וועגן טעאַטער־שטיק אָדער ווערק, וואָס האָבן אים גערירט. דאָס, וואָס ער האָט געקענט האָט נישט געהאַט קיין שום צוזאַמענהאַנג צווישן זיך. מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט ער געלייענט אַ בוך פון דער לעצטער מדרגה, בעת ער האָט גאָרנישט געוווּסט פון די באַרימטע ווערק.

— דאָס אַלץ איז זייער שיין, — האָט קריסטאָף געזאָגט — אָבער דו וועסט גאָרנישט דערגרייכן, אויב דו וועסט נישט אַרבעטן.

— אָ, דאָס דאַרף איך נישט! מיר זענען רייך.

— נו, נאָך דאָס האָט געפעלט! דו ווילסט ווערן אַ מענטש, וואָס טויג צו גאָרנישט, וואָס טוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער?

— פאַרקערט, איך וויל טון אַלץ. עס איז נאַריש, דאָס גאַנצע לעבן צו פאַרנעמען זיך מיט איין פּראָפעסיע.

— אָבער דאָס איז דער איינציקער אופן, ווי אַזוי עפּעס אויפ־צוטון.

— דאָס זאָגט מען נאָר אַזוי.

— וואָס הייסט עס?... „מען זאָגט נאָר אַזוי"... איך זאָג עס, מיין יינגל! איך שטודיר שוין פערציק יאָר מיין באַרוף און ערשט איצט הויב איך אים אָן צו פאַרשטיין.

— פערציק יאָר לערנען אַ פּראָפעסיע! און ווען קאָן מען זיך אויסלערנען?

קריסטאָף האָט זיך געמוזט צעלאַכן:

— קליינער לאָגישער פראַנצויז!

— איך וויל ווערן אַ מוזיקער, — האָט זשאָרזש געזאָגט.

— זייער פיין. ס׳איז שוין די העכסטע צייט, זאָלסט אָנהויבן זאָל איך דיך לערנען?

— אָ, ווי גליקלעך איך וואָלט געווען!

— קום מאָרגן, וועל איך זען, צי דו טויגסט. אויב דו טויגסט נישט, וועל איך דיר פּראָווערן ווען־עס־איז צו צוגיין צום פּאָרטעפּיאַן. אויב דו ביסט באַגאַבט, וועל איך פּרווון עפּעס פון דיר צו מאַכן... אָבער איך זאָג דיר שוין איצט: איך וועל דיך צווינגען צו אַרבעטן.

— איך וועל אַרבעטן, — האָט זשאַרזש אַנטציקט געזאָגט.

זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו זען צומאָרגנס, ביים אַרויסגיין האָט יך זשאַרזש דערמאָנט, אַז מאָרגן און אויך איבערמאָרגן האָט ער אַן אַנדער אַרבעט. יאָ, פאַר סוף וואָך האָט ער נישט געהאַט קיין צייט. מען האָט אָפּגערעדט אַ טאָג און אַ באַשטימטע שעה.

אָבער ווען דער טאָג און די שעה איז געקומען, האָט קריסטאָף אומזיסט געוואַרט. ער איז געווען אַנטוישט. ער האָט זיך קינדעריש געפרייט דערמיט, וואָס ער וועט ווידער זען זשאַרזשען. אָט דער אומגעריכטער באַזוך האָט אַריינגעטראָגן אין זיין לעבן אַ העלן שטראַל. ער איז געווען דערפון אַזוי גליקלעך און גערירט, אַז ער האָט די צווייטע נאַכט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט מיט גערירטער דאַנקבאַרקייט געטראַכט וועגן דעם יונגן פריינט, וואָס האָט אים כּפעצי׳ל אויפגעזוכט. ער האָט אין געדאַנק געשמייכלט צו זיין שיינעם פּנים: זיין נאַטירלעכקייט, זיין דרייסטקייט, זיין שעלמישער מוט האָבן אים אַנטציקט. ער האָט זיך איבערגעגעבן דער שטומער שׂימחה, דער זשומעריי פונם גליק, וואָס האָט אים אָנגעפולט אויער און האַרץ אין די ערשטע טעג פון זיין פריינטשאַפט מיט אָליוויערן. דערצו איז צוגעקומען אַן ערנסט, כּמעט רעליגיעז געפיל, וואָס ער האָט דערזען איבער די לעבעדיקע דעם שמייכל דעם פון דעם פאַרשטאָרבענעם. ער האָט געוואַרט איין טאָג און נאָך אַ טאָג. קיינער איז נישט געקומען. קיין בריוול פון אַנטשולדיקונג אַפילו נישט צוגעשיקט. קריסטאָף איז געוואָרן טרויעריק און אַליין געזוכט תּירוצים צו פאַרענטפערן דאָס ייִנגל. ער האָט נישט געוווּסט, ווּהין ער זאָל אים שרייבן, ער האָט נישט געהאַט זיין אַדרעס. ווען ער זאָל אים אַפילו יאָ האָבן, וואָלט ער אויך קיין מוט נישט געהאַט צו שרייבן. אַן אַלטן האַרץ, וואָס פאַרליבט זיך אין אַ יונגס, שעמט זיך אים צו ווייזן, אַז עס נויטיקט זיך אין דעם. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער יונגער פילט נישט די דאָזיקע באַדערפעניש: דאָס שפּיל איז צווישן זיי נישט גלייך; און מען האָט פאַר קיין זאַך נישט מורא אַזוי שטאַרק, ווי זיך אָנצו־

וואַרפן אויף איינעם, וואָס טראַכט אַפּילו נישט וועגן אים.
דאָס שוויגן האָט לאַנג געדויערט. הגם קריסטאָף האָט געליטן דערפון, האָט ער זיך דאָך געצוווּנגען נישט צו מאַכן קיין שריט צו באַגעגענען דעם יונגן זשאַנען, אָבער יעדן טאָג האָט ער אויף אים געוואַרט — אומזיסט. ער איז נישט אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ. ער איז דעם גאַנצן זומער געבליבן אין פּאַריז. ער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ חסר-דעה, אָבער ער האָט קיין שום חשק נישט גע-האַט אַוועקצופאָרן. ערשט אין סעפּטעמבער האָט ער געפּועלט ביי זיך צו פאַרברענגען עטלעכע טעג אין פאָנטענבלאָ.
סוף אָקטאָבער האָט זשאַנען ווידער אָנגעקלאַפּט אין קריסטאָפס טיר. ער האָט זיך רויק אַנטשולדיקט, אָן דער מינדסטער פאַרלעגנ-הייט צוליב זיין נישט האַלטן וואָרט.
— איך האָב נישט געקאָנט קומען, — האָט ער געזאָגט — און אויסערדעם זענען מיר אַוועקגעפאָרן. מיר זענען געווען אין ברעטאַן.
— דו האָסט דאָך מיר געקאָנט שרייבן.
— יאָ, איך האָב עס טאַקע געוואָלט, אָבער איך האָב קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט... און אויסערדעם האָב איך פאַרגעסן, — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט. — איך האָב פאַרגעסן, איך פאַרגעס אַלץ.
— ווען ביסטו געקומען?
— אָנהויב אָקטאָבער.
— און דו האָסט געוואַרט דריי וואָכן, איידער דו האָסט גע-פּועלט ביי זיך צו קומען? הער, זאָג מיר אָפן: האָט דיר די מאַמע געשטערט?... וויל זי נישט, דו זאָלסט מיך זען?
— אָבער ניין. פאַרקערט. זי האָט מיך היינט דערמאָנט, איך זאָל גיין צו אייך.
— וואָס הייסט?
— דאָס לעצטע מאָל, ווען איך האָב אייך געזען פאַר די פע-ריען, האָב איך איר, קומענדיק אַהיים, אַלץ דערציילט. זי האָט גע-זאָגט, אַז כ׳האָב גוט געטון. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך, זי האָט מיר געשטעלט אַ סאַך פראַגן. ווען מיר זענען מיט דריי וואָכן צוריק געקומען פון ברעטאַן, האָט זי פון מיר געפאָדערט, איך זאָל צו אייך גיין. מיט אַכט טעג צוריק האָט זי מיר ווידער דערמאָנט. און היינט אין דער פרי, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין

נאָך נישט געגאַנגען, איז זי בייז געוואָרן. זי האָט געוואָלט, איך זאָל איבערגיין גלייך נאָך פרישטיק.

— און דו שעמסט זיך נישט מיר דאָס צו דערציילן? מען מוז דיך, הייסט עס, צווינגען דו זאָלסט צו מיר קומען?

— ניין, ניין, גלויבט עס נישט. אָ איך האָב אייך אויפגערעגט זייט מיר מוחל... איך בין באמת שולדיק.... בייזערט זיך אויף מיר, נאָר זייט נישט אויף מיר אין כעס. איך האָב אייך אַזוי ליב. ווען איך זאָל אייך נישט ליב האָבן, וואָלט איך אַהער נישט געקומען. מען האָט מיך נישט געצוווּנגען. בכלל קאָן מען מיך נישט צווינגען צו קיין שום זאַך, וואָס איך וויל נישט טון.

— חברה מאַן איינער, — האָט קריסטאָף געזאָגט און נישט ווילנדיק זיך צעלאַכט. — און ווי האַלט עס מיט דיינע מוזיקאַלישע פּלענער?

— אָ, איך קלער נאָך אַלץ וועגן דעם.

— דאָס איז נאָך ווייניק.

— איך וויל זיך איצט נעמען צו דער אַרבעט. אין די לעצטע חדשים האָב איך עס נישט געקאָנט. איך האָב אַזוי פיל אַרבעט גע־האַט. אָבער איצט וועט איר זען, ווי איך וועל אַרבעטן. אויב איר ווילט נאָך בכלל הערן וועגן מיר.

ער האָט אים חניפהדיק אָנגעקוקט.

— ביסט אַ שעלמע, — האָט קריסטאָף געזאָגט.

— איר גלויבט מיר נישט.

— ניין.

— דאָס איז שרעקלעך! קיינער גלויבט מיר נישט. איך בין גאַנץ מוטלאָז.

— איך וועל דיר גלויבן, ווען איך וועל זען, אַז דו אַרבעטסט.

— אַלזאָ שוין!

— איך האָב איצט קיין צייט נישט. מאָרגן.

— ניין, מאָרגן איז צו ווייט. איך קאָן נישט פאַרטראָגן, אַז איר זאָלט מיך אַ גאַנצן טאָג פאַראַכטן.

— דו לאַנגווייליקסט מיך.

— איך בעט אייך, איך בעט אייך!

לאַכנדיק פון זיינע אייגענע שוואַכקייטן, האָט אים קריסטאָף זיך געהייסן זעצן ביים פּיאַנינאָ און גערעדט מיט אים וועגן מוזיק

ער האָט אים געשטעלט פראַגן. ער האָט אים געהייסן מאַכן קליינע האַרמאָניע אויפגאַבן, זשאָרזש האָט קיין סאַך נישט געוווסט, אָבער זיין מוזיקאַלישער אינסטינקט האָט אויסגעפּילט זיין גרויסע אומוויסנהייט. ער האָט געפונען די אַקאָרדן, וואָס קריסטאָף האָט אים געהייסן, נישט קענענדיק זייערע נעמען. און אַפילו זיינע טעותים האָבן מיט זייער אומבאַהאָלפנקייט געוויזן אויף אַ נייגונג צו נייעס, אומגעריכטס, און אויף אַן אייגנאַרטיק געפיל. ער האָט זיך געטרויטלט, בעת קריסטאָף האָט אים געמאַכט באַמערקונגען, און די קלוגע פראַגן, וואָס ער האָט געשטעלט, האָבן עדות געזאָגט אויף אַן אָפענעם גייסט, וואָס נעמט אויף די קונסט נישט ווי אַ סידור, וואָס מען זאָגט מיט די ליפּן, נאָר וואָס וויל זי לייענען מיטן פולן באַוווסטזיין. — זיי האָבן געשמועסט נישט נאָר וועגן מוזיק. ביי די פאַרשידענע האַרמאָניעס האָט זשאָרזש געבראַכט פאַרגלייכן פון בילדער, לאַנדשאַפטן, שטימונגען. עס איז געווען שווער אים איינצוהאַלטן, מען האָט אים כסדר געמוזט אַרויפפירן אויפן מיטן וועג, אָבער טיילמאָל האָט קריסטאָף דערצו קיין האַרץ נישט געהאַט. ער האָט מיט גרויס פאַרגעניגן זיך צוגעהערט צו דער פריילעכער פּלוידעריי פון אָט דעם קליינעם יינגל, וואָס האָט געשפּרודלט מיט גייסט און מיט לעבן. וואָס פאַר אַן אונטערשיד צווישן זיין נאַטור און אָליוויערס! ביי איינעם איז דאָס לעבן געווען אַן אינערלעכער שטראָם, וואָס איז שווייגנדיק געפלאָסן. ביים אַנדערן איז ער געווען אינגאַנצן געווענדט אויף דרויסן: אַ רוישנדיק טייכל, וואָס האָט זיך שפּילנדיק גערייצט מיט דער זון. און דאָך — ווי ענלעך זענען געווען זייערע אויגן, דאָס זעלבע שיינע קלאָרע וואַסער. קריסטאָף האָט מיט אַ שמייכל געפונען ביי זשאָרזשן געוויסע אינסטינקטיווע נייגונגען, סימפּאַטיע אָדער ווידערווילן, וואָס ער האָט גוט געקענט, און די זעלבע קינדערשע ערלעכקייט און גרויסמוטיקייט פון דעם האַרצן, וואָס גיט זיך איבער אינגאַנצן דעם געליבטן מענטשן... אָבער זשאָרזש האָט ליב געהאַט אַזוי פיל זאַכן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט לאַנג ליב צו האָבן.

ער איז געקומען דעם צווייטן און דעם דריטן טאָג. עס האָט אים באַהערשט אַ שיינע יוגנטלעכע ליידנשאַפט צו קריסטאָפן, און ער האָט זיך מיט באַגייסטערונג געפלייסט בעת דער לעקציע.... דערנאָך איז די באַגייסטערונג אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די באַזוכן זענען

געוואָרן אַלץ זעלטענער, און לסוף האָט ער׳ אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען. ער איז פאַרשווּנדן געוואָרן אויף לאַנגע וואָכן.

ער איז געווען לייכטזיניק, קינדיש, עגאָיסטיש, אויפריכטיק, צערטלעך און האָט לייכט פאַרגעסן. ער האָט פאַרמאָגט אַ גוט האַרץ און אַ לייכטיקע אינטעליגענץ, וואָס ער האָט פון טאָג צו טאָג אויסגעטוישט אויף קליין־געלט. מען האָט אים אַלץ מוחל געווען, ווייל מען האָט אים ליב געהאַט. ער איז געווען גליקלעך.

קריסטאָף האָט אים נישט געוואָלט שלעכט משפטן. ער האָט זיך נישט באַקלאָגט, ער האָט נאָר געשריבן אַ בריוו צו זשאַקלין און איר געדאַנקט, וואָס זי האָט אים געשיקט איר זון. זשאַקלין האָט אים געענטפערט אַ קורצן בריוו פול מיט געפילן, און אויסגעדרוקט דעם ווונטש, אַז קריסטאָף זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט זשאָרזשן און קערעווען מיט זיין לעבן. זי האָט מיט קיין איין וואָרט נישט געגעבן אָנצוהערן וועגן דער מעגלעכקייט זיך צו טרעפן מיט קריסטאָפן. צוליב שעמעוודיקייט אָדער שטאָלץ האָט זי נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אים ווידער צו זען, און קריסטאָף האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו איר צוגיין אָן אַן איינלאַדונג, — אָט אַזוי האָבן זיי געלעבט באַזונדער, נאָר זעלטן זיך געזען פון דער ווייטן אויף אַ קאָנצערט און פאַרבונדן געווען נאָר דורך די זעלטענע באַזוכן פון דעם יינגל.

דער ווינטער איז אַריבער. גראַציאַ האָט נאָר זעלטן געשריבן, זי איז געבליבן קריסטאָפן טריי מיט איר פריינטשאַפט. אָבער אַלס עכטע איטאַליענערין, וואָס פאַרמאָגט ווייניק געפילן און איז צוגעבונדן צו דערווירקלעכקייט, האָט זי געהאַט אַ באַדערפעניש צו זען פון צייט צו צייט מענטשן, נישט כדי זיי נישט צו פאַרגעסן, נאָר כדי מיט זיי ווידער צו קאָנען רעדן. כדי אויפצוהאַלטן די זכרונות פון איר האַרצן, האָט זי געמוזט אָפּפרישן אירע אויגן. אָט אַזוי זענען אירע בריוו געוואָרן קורץ און פרעמד. זי איז געווען זיכער אין קריסטאָפס פריינטשאַפט, ווי קריסטאָף איז געווען זיכער אין

איר. אָבער די דאָזיקע זיכערקייט האָט פאַרשפּרייט מערער ליכט ווי וואַרעמקייט.

קריסטאָף האָט נישט געליטן צוליב די דאָזיקע נייע אַנטוי־שונגען. זיין מוזיקאַלישע טעטיקייט האָט אים פולשטענדיק אויסגע־פולט. ווען אַ קרעפטיקער קינסטלער דערגייט צו אַ געוויסער עלטער, לעבט ער אַ סאַך מער אין זיין קונסט, ווי אין לעבן. דאָס לעבן ווערט פאַר אים אַ טרוים. די קונסט — ווירקלעכקייט. ווי־נאָר ער איז ווידער געקומען אין באַרירונג מיט פּאַריז, האָט זיין שעפערישע קראַפט ווידער דערוואַכט. עס איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט קיין שטאַרקערער שטויס צו אַרבעט, ווי דאָס לעבן אין דער דאָזי־קער אַרבעטס־שטאָט. אַפילו די פוילסטע ווערן אָנגעשטעקט מיט איר פיבער. קריסטאָף, וואָס איז נאָך לאַנגע יאָרן פון געזונטער איינזאַמקייט געווען שטאַרק אויסגערוט, האָט געטראָגן אין זיך אַן אומגעהייערע סומע פון שעפערישע כּוחות. באַרייכערט פון נייע דער־גרייכונגען, וואָס דער רירעוודיקער פאַראויסגאַנג פונם פראַנצויזישן גייסט מאַכט שטענדיק דורך אויפן געביט פון מוזיקאַלישער טעכניק, האָט קריסטאָף איצט פון זיין זייט גענומען מאַכן נייע אַנטדעקונגען אַלס מער ליידנשאַפטלעכער און מער באַרבאַרישער מענטש, איז ער געגאַנגען ווייטער, ווי אַלע צוזאַמען. אָבער אין דער דאָזיקער נייער רירעוודיקייט האָט ער קיין זאַך נישט געמאַכט אָפּהענגיק פונם צו־פאַל פון אינסטינקט. קריסטאָף האָט דערפילט אַ שטאַרקע באַדערפע־ניש נאָך קלאָרקייט. זיין גאַנץ לעבן האָט זיין זשעני מיטגעמאַכט דעם ריטם פון די שטראָמען, וואָס האָבן זיך אָן אויפהער געטוישט. זיין געזעץ איז געווען זיך שטענדיק איבערצוּוואַרפן פון איין פּאָל צום צווייטן און אויסצושעפּן דעם גאַנצן רוים, וואָס געפינט זיך אינמיטן. נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערגעגעבן ליידנשאַפטלעך אין דעם פאָריקן פּעריאָד צו די „אויגן פון כאַאָס, וואָס האָבן געלויכטן דורכן שלייער", אַזוי גיריק, אַז ער האָט שיר דעם שלייער נישט צעריסן, כּדי צו קאָנען זען, — האָט ער איצט געזוכט זיך אַרויסצורייסן פון דער דאָזיקער געשפּאַנטקייט און ווידער אַ וואָרף צו טון אויפן פּנים פון דעם ספינקס די צויבער־נעץ פון זיין שטאַרקן גייסט. רוימס קייזערלעכער אָטעם האָט געווייעט איבער אים. גלייך דער דעמאָלטיקער פּאַריזער קונסט, פון וועלכער ער איז אַביסל אָנגע־שטעקט געוואָרן, האָט ער איצט געשטרעבט צו אָרדנונג. אָבער

נישט ווי יענע מידע מענטשן, וואָס פאַרנוצן זייערע לעצטע כּוחות צו פאַרטיידיקן דעם שלאָף; נישט אַזוי ווי די פּוילישע אָרדנונג. אָ, די דאָזיקע מוטיקע מענטשן, וואָס האָבן צוליב באַדערפעניש נאָך רו זיך ווידער אָנגעכאַפּט אָן בראַהמסן. — אויף די בראַהמסן פון אַלע קונסטן, אויף די שטאַרקע טעמאַטיקער און אָפּגעשמאַקטע נעאָ-קלאַסיקער! זעט עס נישט אויס, ווי זיי וואָלטן געוועזן ריין פון אַלע ליידנשאַפטן? איר ווערט באַלד מיד, ווי די הינט, מיינע פריינט... ביין, ווען איך ערד אָרדנונג רעד איך נישט. מיינע איז נישט פון דעם זעלבן מין. דאָס איז די אָרדנונג אין דער האַרמאָניע פון די פרייע ליידנשאַפטן און פרייען ווילן... קריסטאָף האָט געמוזט אַרבעטן, כּדי אויפצוהאַלטן אין דער קונסט די נויטיקע גלייכגעוויכט צווישן די כּוחות פון לעבן. זיינע נייע אַקאָרדן, זיינע מוזיקאַלישע דעמאָנען, וואָס ער האָט אַרויסגעכישופט פונם קלינגענדיקן אָפּגרונט, האָט ער געדאַרפט האָבן, כּדי אויפצובויען קלאָרע סימפאָניעס, ווייטע באַזוניק-טע אַרכיטעקטורן, גלייך ווי די איטאַליענישע קופּאָל-באַזיליקן.

די דאָזיקע שפּילן און גייסטיקע ראַנגלענישן האָבן אים אויס-געפּולט אין משך פון דעם גאַנצן ווינטער. און דער ווינטער איז גיך פאַרביי, הגם קריסטאָף האָט טיילמאָל אין אָוונט, ווען ער האָט שוין געהאַט געענדיקט זיין אַרבעטס-טאָג, קוקנדיק הינטער זיך, באַ-טראַכט די סומע פון זיינע טעג; ער וואָלט בשום אופן נישט גע-קאָנט זאָגן, צי זי איז גרויס אָדער קליין און צי ער איז נאָך יונג אָדער שוין זייער אַלט.

דעמאָלט האָט די נעפּלען פון דעם טרוים דורכגעדרונגען אַ נייער שטראַל פון מענטשלעכער זון און נאָכאַמאָל געבראַכט מיט זיך דעם פרילינג. קריסטאָף האָט באַקומען אַ בריוו פון גראַציאַן, אין וועלכן זי האָט אים מודיע געווען, אַז זי קומט מיטביידע קינדער קיין פּאַריז. זי האָט זיך שוין לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דעם דאָזיקן פּלאַן. איר קוזינע קאָלעט האָט זי אַסאַך מאָל איינגעלאַדן. די שרעק פאַר דער אָנשטרענגונג, וואָס די רייזע האָט געדאַרפט קאָסטן, כּדי צו ברעכן אירע געוווינהייטן און זיך אַרויסצורייסן פון דער פוילער רויקייט און פון איר געליבטער סביבה, די שרעק זיך ווידער אומ-צוקערן אין דעם גוט-באַקאַנטן פאַריזער טומל האָט אָפּגעלעגט איר רייזע פון יאָר צו יאָר. נאָר עפּעס אַן אומעט, וואָס איז זי באַפאַלן אין דעם דאָזיקן פרילינג אָדער אפשר עפּעס אַ געהיימע אַנטוישונג —

(וויפל שטומע ראָמאַנען שפילן זיך אָפּ אין אַ פרויען-האַר צוזאָמען דעם וויסן פון די אַנדערע און אָפּטמאָל אויך אָן איר אייגענעם וויסן!) — מיט איין וואָרט עפּעס אַ געפיל האָט דערוועקט אין איר דעם ווונש אַרויסצופאָרן פון רוים. אַ דראָענדיקע עפּידעמיע איז געווען אַ גוטער אויסרייד צו פאַרענטפערן די רייזע פון איר מיט די קינדער. אין עטלעכע טעג נאָכן אַרויסשיקן דעם בריוו צו קריסטאָפן איז זי גע־קומען אַליין.

קוים האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זי איז פאַרפאָרן צו קאָלעט איז ער באַלד אַהין צוגעלאָפן, כּדי זי צו זען. ער האָט זי נאָך אַלץ געפונען פאַרזונקען אין זיך און עפּעס מאָדנע פרעמד. דאָס האָט אים וויי געטון, אָבער ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן. ער האָט אויפגע־געבן אינגאַנצן זיין אייגענעם עגאָיזם, און דאָס האָט אים געלאָזט קוקן מיט אַ קלאָרן בליק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט עפּעס עגמת-נפש פון אַ געפיל, וואָס זי וויל באַהאַלטן, אָבער ער האָט נישט געפּרוווּט אויסצופאָרשן די סיבה דערפון. ער האָט זיך נאָר באַמיט זי צו פאַרווײַלן, דערציילט איר וועגן זיינע דורכפאַלן, געלאָזט זיך איר דערוויסן וועגן זיינע אַרבעטן און פּלענער און זי צאַרט אַרומ־גענומען מיט זיין ליבע. זי האָט זיך געפילט אינגאַנצן באַהערשט פון דער דאָזיקער גרויסער צערטלעכקייט, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אָנוואַרפן. זי האָט געפילט, אַז קריסטאָף פאַרשטייט אירע ליידן, און דאָס האָט זי גערירט. איר עטוואָס טרויעריק האַרץ האָט זיך אויסגע־רוט אין האַרץ פון דעם פריינט, וואָס האָט איר דערציילט וועגן אַנדערע זאַכן, נישט וועגן דעם, וואָס האָט זיי ביידן אינטערעסירט. און וואָס ווייטער, האָט ער אַלץ מער געזען, ווי דער אומעטיקער שאָטן ווערט ליכטיקער אין די אויגן פון זיין פריינדין, און ווי איר בליק ווערט אַלץ נענטער. אַזוי, אַז איינמאָל, ווען ער האָט מיט איר גערעדט, האָט ער פּלוצלינג איבערגעריסן אינמיטן און זי שווייגנדיק אָנגעקוקט.

— וואָס איז? — האָט זי אים געפרעגט.

— ערשט היינט — האָט ער געזאָגט — זענט איר באמת צו־ריקגעקומען.

זי האָט אַ שמייכל געטון און שטיל געענטפערט:

— יאָ.

עס איז נישט געווען גאַנץ לייכט צו פירן אומגעשטערט.

זיי זענען זעלטן געווען אַליין. קאָלעט האָט זיי באַערט מיט איר געגנוואַרט אַסאַך עפטער, ווי ס'איז זיי געווען ליב. נישט געקוקט אויף אירע קאַפּריזן, איז זי געווען אַן אויסגעצייכנטע פרוי און אויפריכטיק־פריינטלעך געשטימט צו גראַציאַן און צו קריסטאָפן, נאָר ס'איז איר נישט איינגעפאַלן, אַז זי קאָן זיי זיין לאַנגווייליק. אירע אויגן, וואָס האָבן אַלץ געזען, האָבן באַמערקט דעם פלירט, ווי זי האָט עס גערופן, צווישן איר מיט קריסטאָפן. דער פלירט איז געווען איר עלעמענט. זי איז געווען דערפון באַגייסטערט. זי האָט זיך קיין בעסערס נישט געוווּנשן, ווי נאָר זיי צו העלפן. אָבער גראָד דאָס וואָלט מען איר שטאַרק מוחל געווען. מען האָט פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיך וואָס־ווייניקער אַריינמישן אין זאַכן, וואָס גייען זי נישט אָן. קוים פלעגט זי זיך נאָר באַווייזן און נעמען מאַכן צו איינעם פון זיי צאַרטע, אייגנטלעך אומצאַרטע, אָנצוהערענישן אויף זייער פריינטשאַפט, האָבן קריסטאָף און גראַציאַ באַקומען אייז־קאַלטע מינעס און גענומען רעדן וועגן אַנדערע זאַכן. קאָלעט האט געזוכט אַלערליי מעגלעכע סיבות דערצו, אויסער איינע, די ריכטיקע. צו זייער גליק האָט זי לאַנג נישט געקאָנט איינזיצן אויף קיין אָרט. זי איז געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, זי איז אַלע מינוט אַרויסגעלאָפן, באַטראַכט אַלץ אין הויז און אָנגעפירט מיט צען ענינים אין איין אין דער זעלבער צייט. אין די הפסקות צווישן אירע וויזיטן זענען קריסטאָף און גראַציאַ געבליבן אַליין מיט די קינדער און ווידער געצויגן דעם פאָדעם פון זייערע אומשולדיקע שמועסן. זיי האָבן קיינמאָל נישט גערעדט וועגן די געפילן, וואָס האָבן זיי געבונדן. זיי האָבן אָנפאַרטרויט איינער פאַרן צווייטן זייערע טעגלעכע קליינע ענינים און דאגות. גראַציאַ האָט זיך מיט ווייבלעכן אינטערעס אויסגעפרעגט וועגן קריסטאָפס שטוב־ענינים, אַלץ איז ביי אים געגאַנגען שלעכט: ער האָט כסדר געהאַט צרות מיט זיינע באַלעבאָסטעס, וואָס פלעגן אים אָן אויפהער אָפּנאַרן און באַגנבענען. זי האָט האַרציק און מיט מוטערלעכן מיטגעפיל געלאַכט פון דעם מאַנגל אין פּראַקטישן חוש ביי אָט דעם גרויסן קינד. איינמאָל ווען קאָלעט האָט זיי גראָד פאַרלאָזן, נאָך דעם, ווי זי האָט זיי לענגער געפייניקט, ווי שטענדיק, האָט גראַציאַ אַ זיפץ געטון:

— אָרעמע קאָלעט! איך האָב זי זייער ליב, אָבער זי איז שרעקלעך לאַנגווייליק.

— איך האָב זי אויך ליב, — האָט קריסטאָף געזאָגט — אויב איר מיינט צו זאָגן, אַז זי לאַנגווייליקט אונז ביידן.

גראַציאַ האָט זיך צעלאַכט:

— הערט! צי וועט איר מיר ערלויבן — דאָ איז באמת נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט רויק צו שמועסן — צי וועט איר מיר ערלויבן, אַמאָל צו קומען צו אייך?

ס'האָט אים אַ הויב געטון פון אָרט.

— צו מיר? איר וואָלט געקומען צו מיר?

— עס וואָלט אייך, האָף איך, נישט געווען אומאָנגענעם?

— אומאָנגענעם? אַך, גאָט מיינער!

— אַלזאָ, ווילט איר דינסטיק?

— דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, יעדן טאָג, וואָס איר וועט נאָר באַשטימען.

— אַלזאָ דינסטיק פיר אַ זייגער, גוט?

— ווי גוט איר זענט, ווי גוט איר זענט.

— וואַרט אַ ווײַלע, אָבער נאָר מיט איין תנאי.

— אַ תנאי? צו וואָס? איך וועל טון אַלץ, וואָס אירווילט. איר ווייסט דאָך איך טו אַלץ צי מיט אַ תנאי, צי אָן אים.

— איך וויל אָבער בעסער מיט אַ תנאי.

— מסכּים.

— איר ווייסט דאָך נישט וואָס!

— דאָס איז מיר אַלץ איינס. איך בין מסכּים מיט אַלץ, וואָס איר ווילט.

— אָבער הערט מיך אויס, צעטראָגענער מענטש.

— נו, זאָגט.

— איך וויל, — איר הערט? — אַז איר זאָלט אין אייער דירה נישט ענדערן פאַר מיין קומען די מינדסטע זאַך. אַלץ זאָל בלייבן גענוי אין דעם זעלבן צושטאַנד.

קריסטאָפס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן. ער איז אַרויס פון די כּלים:

— ניין, דאָס איז אוממעגלעך.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— נו, זעט איר וואָס עס קומט אַרויס, ווען מען אַנטשליסט זיך צו גיך. אָבער איר האָט מיר צוגעזאָגט.

— אָבער פאַרוואָס ווילט איר עס?
— ווייל איך וויל זען ווי איר לעבט אין יענע טעג, ווען איר וואַרט נישט אויף מיר.
— אָבער איר וועט דאָך מיר דערלויבן...
— גאָרנישט. איך ערלויב גאָרנישט.
— לפּחות...
— ניין, ניין! איך וויל גאָרנישט הערן, אָדער איך וועל אינגאַנצן נישט קומען, אויב אייך איז עס ליבער...
— איר ווייסט דאָך גוט, אַז איך וועל איינגיין אויף אַלץ, אַבי איר זאָלט קומען.
— אַלזאָ מסכּים?
— יאָ.
— איר גיט מיר אייער וואָרט?
— יאָ, טיראַן.
— בין איך אַ גוטער טיראַן?
— עס זענען נישטאָ קיין גוטע טיראַנען, עס זענען נאָר דאָ טיראַנען, וואָס מען האָט ליב און טיראַנען, וואָס מען האַסט.
— און איך געהער צוביידן נישט, אמת?
— אָ ניין, איר געהערט נאָר צום ערשטן.
— דאָס קרענקט מיך זייער.

אין באַשטימטן טאָג איז זי געקומען צוגיין. אין זיין געוויסנס-האַפטער ערלעכקייט האָט קריסטאָף זיך נישט דערוועגט אָפּצורוימען אין אַ זייט דאָס קלענסטע בלעטל פּאַפּיר, און זיין דירה איז געווען אין אַ שרעקלעכער אומאָרדנונג. ער וואָלט עס געהאַלטן פאַר אַ נישט ערלעכע האַנדלונג, אָבער ער האָט שטאַרק געליטן דערפון. ער האָט זיך געשעמט און געטראַכט, וואָס פאַר אַ מיינונג זיין פריינט וועט האָבן דערפון. ער האָט געוואַרט אויף איר מיט שרעק. זי איז געווען פּינקטלעך און געקומען פיר אָדער פינף מינוט נאָך דער באַשטימטער צייט. זי איז אַרויף אויף די טרעפּ מיט אירע קליינע פעסטע שריט און אָנגעקלונגען. ער איז געשטאַנען הינטער דער טיר און געעפנט. זי איז געווען אָנגעטון זייער באַשיידן און גלייכצייטיק עלעגאַנט. ער האָט געזען אונטערן שלייער אירע רויקע אויגן. זיי האָבן זיך געזאָגט גוט מאָרגן און דערלאַנגט זיך די הענט. זי איז געווען שווייגנדיקער, ווי שטענדיק. קריסטאָף, איז געווען אומגעשיקט און

אומרויק, און כּדי צו באַהאַלטן זיין צעטומלטקייט, האָט ער אינגאַנצן געשוויגן. ער האָט זי אַריינגעלאָזן, נישט זאָגנדיק איר אפילו דאָס, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן: נישט איבערגעבעטן זי פאַר דער אומאָרדנונג אין צימער. זי האָט זיך געזעצט אויפן בעסטן שטול און ער נעבן איר.

— דאָס איז מיין אַרבעטס־צימער.

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט איר געקאָנט זאָגן.

זיי האָבן געשוויגן. זי האָט זיך רויק, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אַרומגעקוקט אַרום זיך און איז אַליין אויך געווען אַביסל צעטומלט, הגם זי האָט זיך אין דעם נישט מודה געווען. (שפּעטער האָט זי אים דערציילט, אַז אַלס קינד האָט זי אים איינמאָל געוואָלט באַזוכן, אָבער אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט געוואָלט אַריינגיין אין הויז, האָט זי מורא געקריגן) זי איז געווען גערירט פון דעם פאַראיינזאַמטן טרויעריקן אויסזען פון דער דירה: דאָס ענגע טונקעלע פאָדער־צימער, דער פולשטענדיקער מאַנגל אין באַקוועמלעכקייטן, די קענטיקע נויט, דאָס אַלץ האָט איר געגומען ביים האַרצן. זי איז געווען פול מיט צערטלעכן מיטלייד צו איר אַלטן פריינט, וואָס אַזוי פיל אַרבעט און מי און באַרימטקייט זענען נישט געווען ביכולת אים אַרויסצוהעלפן אין זיינע מאַטעריעלע דאגות. און גלייכצייטיק האָט זי געפרייט די פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט צו באַקוועמלעכקייט, וואָס האָט אַנטפּלעקט די נאַקעטקייט פון דעם דאָזיקן צימער אָן אַ דיוואַן, אָן אַ בילד, אָן קונסט־ווערק, אָן אַ פאָטעל. עס זענען דאָ נישט געווען קיין אַנדער מעבל, אויסער אַ טיש, צוויי האַרטע שטולן און אַ פּיאַנינאָ. און אויסער עטלעכע ביכער, פּאַפּיר, אומעטום פּאַפּיר: אויפן טיש, אונטערן טיש, אויף דער ערד, אויף דער פּיאַנינאָ, אויף די שטולן. — זי האָט אַ שמייכל געטון, ווען זי האָט געזען מיט וואָס פאַרא געוויסנהאַפטיקייט ער האָט געהאַלטן וואָרט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי אים געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף זיין אָרט:

— אַלזאָ, דאָ אַרבעט איר?

— ניין, — האָט ער געזאָגט — דאָרטן.

ער האָט אָנגעוויזן אויפן טונקלסטן ווינקל פון צימער און אויף אַ נידעריקן שטול, וואָס איז געשטאַנען מיטן אָנלען צום פענסטער. זי איז אַהין צוגעגאַנגען און נישט רעדנדיק קיין וואָרט, זיך

פול מיט חן אַנידערגעזעצט, זיי האָבן עטלעכע מינוט געשוויגן און נישט געוווסט וואָס צו רעדן. ער איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צום פּיאַנינאָ. ער האָט געשפּילט און פֿאַנטאַזירט אַן ערך אַ האַלבע שעה. ער האָט זיך געפֿילט אַרומגעהילט פֿון דער געגנוואַרט פֿון זיין פֿריינדין, און אַן אומענדלעך גליק האָט אָנגעשוואָלן אין זיין האַרצן. מיט געשלאָסענע אויגן האָט ער געשפּילט וווּנדערלעכע זאַכן. ערשט דעמאָלט האָט זי פֿאַרשטאַנען די שיינקייט פֿון דעם דאָזיקן צימער, וואָס איז אינגאַנצן פֿול געווען מיט געטלעכע האַרמאָניעס. זי האָט געהערט, ווי זיין ליבנדיק און ליידנדיק האַרץ קלאַפּט אין איר אייגענער ברוסט.

ווען די טענער זענען אַנטשוויגן געוואָרן, איז ער נאָך אַ ווײַלע געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך ביי דער פּיאַנינאָ. נאָר באַלד האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר, ווייל ער האָט געהערט ווי זיין פֿריינדין וויינט. זי איז צו אים צוגעגאַנגען.

— איך דאַנק אייך. — האָט זי געמורמלט, נעמענדיק זיין האַנט אין אירע.

אירע ליפּן האָבן אַביסל געציטערט. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. עטלעכע סעקונדן זענען זיי אַזוי געשטאַנען, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט, ווי די צייט וואָלט זיך אינגאַנצן נישט באַוועגט. זי האָט ווידער געעפֿנט די אויגן, און כּדי צו באַהערשן אירע געפֿילן, האָט זי געזאָגט:

— איצט ווייזט מיר די איבעריקע צימערן.

ער איז געווען גליקלעך אַנטקעגנצוקומען איר פֿאַרלאַנג און געעפֿנט די טיר צום צווייטן צימער. אָבער באַלד האָט ער זיך פֿאַרשעמט, דאָרט איז געשטאַנען אַן ענג האַרט אייזערן בעט. שפּעטער, ווען ער האָט גראַציאַן אָנפֿאַרטרויט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט אויפֿגענומען ביי זיך קיין פֿרוי, האָט זי אים פֿריילעך געזאָגט:

— דאָס קאָן איך מיר גאַנץ לייכט פֿאָרשטעלן. זי וואָלט געמוזט האָבן אַסאַך מוט דערצו.

— צו וואָס?

— צו שלאָפֿן אין אייער בעט.

דאָרט איז אויך געשטאַנען אַ פּויערישע קאָמאָדע. אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ גיפּס-מאַסקע פֿון בעטהאָווענס קאָפּ, און ביים בעט אין גאַנץ ביליקע ראַמען די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון זיין מוטער און

אָליוויערן. אויף דער קאָמאָדע איז געשטאַנען נאָך אַנאַנדער פאָטאָגראַ־פיע; זי אַליין גראַציאָ אַלס פּופּצניאָריק מיידל. ער האָט זי געפו־נען אין רוים, ביי איר אין אַלבאָם און זי אַרויסגעגנבעט. ער האָט זיך אין דעם מודה געווען און געבעטן, זי זאָל אים מוחל זיין. זי האָט באַטראַכט דאָס בילד און געזאָגט;

— דערקענט איר מיך?

— איך דערקען אייך און איך געדענק.

— וועלכע פון אונזביידן האָט איר שטאַרקער ליב.

— איר זענט שטענדיק די זעלבע. איך האָב אייך שטענדיק גלייך ליב. איך דערקען אייך אומעטום. אַפילו און די פאָטאָגראַפיעס, ווו איר שטייט אַלס קליין קינד. איר קענט גאָרנישט פאַרשטיין, ווי עס רירט מיך, ווען איך פיל שוין אין דעם דאָזיקן זומער־פייגעלע אייער גאַנצע נשמה. דעמאָלט זע איך, אַז איר זענט אייביק. איך האָב אייך ליב געהאַט נאָך איידער איר זענט געבוירן געוואָרן און וועל אייך ליב האָבן ביז....

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין ליבנדיקער פאַרלעגנהייט איז זי געבליבן שטיין אָן אַן ענטפער. ווען זיי זענען ווידער אַריין אין אַרבעט־צימער און ער האָט איר געוויזן פאַרן פענסטער דעם קליינעם בוים, זיין פריינט, ווו די שפּערלינגען האָבן געפלוידערט, — האָט זי אים געזאָגט:

— איר ווייסט, וואָס מיר וועלן איצטער טון? מיר וועלן טרינ־קען טיי. איך האָב מיטגעבראַכט טיי און קיכעלעך, ווייל איך האָב מיר אַ טראַכט געטון, אַז מסתמא איז ביי אייך גאָרנישט פאַראַנען. און איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך נאָך עפּעס. גיט מיר נאָר אַהער אייער מאַנטל.

— מיין מאַנטל?

— יאָ יאָ, ווייזט נאָר אַהער.

זי האָט אַרויסגענומען פון איר טאַש אַ נאָדל־פּאָדים.

— וואָס, איר ווילט....?

— עס זענען דאָרט פאַראַן צוויי קנעפּ, וואָס זייער גורל האָט מיך שטאַרק באַאומרויקט. ווי האַלט עס היינט מיט זיי?

— אַך, באמת, איך האָב נאָך נישט געהאַט בדעה זיי צוצוניי־מען. דאָס איז אַזוי לאַנגווייליק.

— אָרעם יינגל, ווייזט עס אַהער.

— איך שעם זיך.

— קאָכט אויף די טיי.

ער האָט אַריינגעבראַכט אין צימער אַ קעסל צו וואַסער און שפּיריטוס־מאַשינקע, כּדי נישט צו פאַרלירן זיין פריינדין אויף קיין רגע. בעת זי האָט געניייט, האָט זי מיט אַ שמייכל געקוקט אויף זיין אומבאַהאָלפנקייט. זיי האָבן געטרונקען די טיי פון האַלב־צעבראָ־כענע טעפּלעך, וואָס זי האָט, איידל גערעדט, אָנגערופן עקלדיק, און וועלכע ער האָט מיט פּראָטעסט פאַרטיידיקט, ווייל זיי זענען געווען זכרונות פון זיין שותּפותדיקן לעבן מיט אָליוויערן.

אין דעם מאָמענט, ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זי געפרעגט:

— איר זענט אויף מיר נישט בייז?

— פאַרוואָס?

— צוליב דער אומאָרדנונג, וואָס הערשט ביי מיר.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— איך וועל מאַכן אָרדנונג.

ווען זי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און שוין געוואָלט עפענען די טיר, איז ער פּלוצלינג אַ פאַל געטון פאַר איר אויף די קני און געקושט אירע פיס.

— וואָס טוט איר? משוגענער מענטש, טייערער, איר זענט פון זינען אַראָפּ! — האָט זי געזאָגט. — זייט געזונט!

זיי האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז זי וועט קומען צוגיין צו אים יעדע וואָך אין אַ באַשטימטן טאָג. זי האָט גענומען ביי אים אַ וואָרט, אַז ער וועט שוין מער נישט באַגיין אַזעלכע נאַרישקייטן, נישט פאַלן אויף די קני, נישט קושן אירע פיס. אַזאַ זיסע רויִקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פון איר, אַז קריסטאָף איז געווען דורך־און־דורך דורכ־גענומען פון איר. און הגם ווען ער איז געווען אַליין, האָט ער אָפט געטראַכט וועגן איר מיט אַ ליידנשאַפטלעכן באַגער, האָבן זיי דאָך צוזאַמען פאַרבראַכט ווי גוטע־פריינט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט דער־

ליבט מיט אַ וואָרט אָדער מיט אַ באַוועגונג, וואָס זאָל קאָנען באַאומ־רויקן זיין פריינדין.

צו קריסטאָפס געבורטסטאָג האָט זי אָנגעטון איר קליין טעלטערל אַזוי ווי זי איז אַליין געווען אַמאָל אָנגעטון, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל, און זי האָט געהייסן דאָס קינד שפּילן דאָס, וואָס קריסטאָף האָט אַמאָל מיט איר איינגעיבט.

די דאָזיקע צערטלעכקייט און אָט די דאָזיקע וואַרעמע פריינטשאַפט האָבן זיך צונויפגעמישט אין איר מיט אַ סאַך סתירותדיקע געפילן. זי האָט ליב געהאַט לייכט צו לעבן און צו פאַרברענגען אין געזעלשאַפט. ס'איז געווען פאַר איר אַ פאַרגעניגן זיך אַרומצורינגלען אפילו מיט נאַראָנים. זי איז געווען קאָקעטיש, אויסער מיט קריסטאָפן — און אפילו מיט קריסטאָפן אויך. איז ער געווען זייער צערטלעך צו איר, איז זי געווען קאַלט און צוריקגעהאַלטן. איז ער געווען קאַלט און צוריקגעהאלטן, איז זי געווען צערטלעך און פול מיט ליבע. זי איז געווען די אָנשטענדיקסטע פרוי. אָבער אין די אָנשטענדיקסטע און בעסטע פרויען שטעקט אין געוויסע מאָמענטן עפּעס פון אַ גאַסנפרוי. זי האָט געוואָלט לעבן אין הסכם מיט דער וועלט און זיך צופּאַסן צו אירע מידות. זי איז געווען פעיק צו מוזיק און האָט פאַרשטאַנען קריסטאָפס ווערק, אָבער זי האָט זיך דערמיט נישט באַזונדערס אינטערעסירט (און ער האָט עס גוט געוווּסט). — פאַר אַן עכטע לאַטיינערין האָט די קונסט געהאַט אַזאַ ווערט, אויף וויפיל זי האָט געהאַט צו טון מיטן לעבן, און דאָס לעבן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס האָט געפירט צו דער ליבע... די ליבע, וואָס דרימלט אויפן גרונט פונם ענגן איינגעשלאָפענעם קערפּער... וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי מיט דער טראַגישער געדאַנקען־וועלט, שפּרודלענדיקע סימפאָניעס, מיט די גייסטיקע ליידנשאַפטן פון דעם צפון? זי דאַרף האָבן אַ מוזיק, אין וועלכער ס'זאָלן אויפבליִען אירע פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען, אַן אָפּערע, וואָס זאָל זיין אַ ליידנשאַפטלעך לעבן, אָן שום מי צו פאָדערן די ליידנשאַפט; זי דאַרף אַ געפילפולע זינלעכע און פוילע קונסט.

זי איז געווען שוואַך און וואַקלדיק. זי האָט זיך געקאָנט איבערגעבן צו אַ סטודיום נאָר מיט פאַרשידענע מניעות און בלויזן. זי האָט זיך געמוזט פאַרווײַלן. זי האָט זעלטן געטון דעם צווייטן טאָג דאָס, וואָס זי האָט באַשלאָסן מיט אַן אָוונט פריער. וויפיל קינדערשע איינפאַלן האָט זי געהאַט, וויפיל קליינע נאַרישע קאַפּריזן! ווי צערודערט

עס איז די נאַטור פון דער פרוי, ווי קרענקלעך און אומבאַרעכנט איז אַמאָל איר כאַראַקטער! זי האָט עס אַליין געוווּסט און זיך געוואָלט דערפון באַפרייען. זי האָט געקענט אירע אייגענע שוואַכקייטן און זיך פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס זי איז זיי נישט גובר און פאַרוואָס זי פאַראומערט דערמיט איר פריינט. טייל מאָל האָט זי אים אָן זיין וויסן געבראַכט אַן אמתן קרבן. אָבער סוף כל סוף איז דאָך די נאַטור פאָרט געווען שטאַרקער. אגב האָט גראַציאַ נישט געקאָנט פאַרטראָגן עס זאָל אויסזען, אַז קריסטאָף באַפוילט איר, און אַ פּאָר מאָל האָט געטראָפן, אַז זי האָט, כדי צו באַווייזן איר אומאָפּהענגיקייט, געטון פונקט דעם היפּוך דערפון, וואָס ער האָט זי געבעטן. שפּעטער האָט זי עס באַדויערט. ביינאַכט האָט זי געהאַט געוויסנסביסן, וואָס זי האָט קריסטאָפן נישט גליקלעכער געמאַכט. זי האָט אים ליב געהאַט אַ סאַך מער, ווי זי האָט עס אים אַרויסגעוויזן. זי האָט געפילט, אַז די דאָזיקע פריינטשאַפט איז דאָס בעסטע אין איר לעבן. ווי עס קומט פאָר שטענדיק צווישן צוויי גאַנץ פאַרשידענע מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב זענען זיי אינערלעך געווען צום שטאַרקסטן פאַראייניקט דעמאָלט, ווען זיי זענען געווען צעשיידט. אויב עפּעס אַ מיספאַרשטייעניש האָט פונאַנדערגעפירט זייערע וועגן אויף פאַרשידענע זייטן, איז די שולד געלעגן נישט אין קריסטאָפן אַליין, הגם ער האָט אין דעם מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט. צי וואָלט גראַציאַ, אפילו דעמאָלט, ווען קריסטאָף האָט זי צום שטאַרקסטן ליב געהאַט, חתונה געהאַט מיט אים? זי וואָלט אים אפשר אַוועקגעגעבן איר לעבן, אָבער צי וואָלט זי גרייט געווען צו פאַרברענגען מיט אים איר גאַנץ לעבן? זי האָט געוווּסט (און זי האָט זיך געהיט דאָס קריסטאָפן אַרויסצוווייזן), זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט ליב געהאַט איר מאַן, און אַז נאָך היינט, נאָך אַלדאָס בייזע, וואָס ער האָט איר גורם געווען, האָט זי אים נאָך ליב. ווי זי האָט קריסטאָפן קיינמאָל נישט ליב געהאַט... סודות פון האַרצן, סודות פון קערפּער, מיט וועלכן מען איז נישט זייער שטאָלץ און וועלכע מען באַהאַלט דערפאַר פאַר די געליבטע מענטשן, סיי צוליב אַכטונג צו זיי, סיי צוליב אַ געוויסן מיטלייד צו זיך אַליין.

קריסטאָף איז געווען צופיל מאַן, כדי דאָס צו פאַרשטיין, אָבער טייל מאָל האָט ער עס געזען ווי דורך אַ בליק, ווי ווייניק עס איז געווען צוגעבונדן צו אים די פרוי, וואָס ער האָט צום שטאַרקסטן ליב געהאַט. די, וואָס ער האָט ליב געהאַט באמת, — און אַז מען קאָן

אויף קיינעם נישט רעכענען אין לעבן, אויף קיינעם נישט. זייער ליבע איז דערפון נישט אָנגעריירט געוואָרן. ער האָט אַפילו נישט געפילט צוליב דעם קיין שום פאַרביטערונג. גראַציאַס רויקייט איז אַריבער אויף אים. ער האָט זי אויפגענומען. אָ, לעבן, פאַרוואָס זאָלן מיר דיר פאָרוואַרפן דאָס, וואָס דו קאָנסט אונז נישט געבן? ביסטו נישט זייער שיין און זייער הייליק אַזוי ווי דו ביזט? מען מוז ליב האָבן דיין שמייכל, דזשיאָקאָנדאַ.

קריסטאָף האָט לאַנג באַטראַכט דאָס שיינע פּנים פון זיין פריינדין. ער האָט געלייענט אין אים אַסאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט. אין משך פון די לאַנגע יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט איינער אַליין, רייף געוואָרן, ווייניק גערעדט אָבער זייער פיל געזען האָט ער כמעט אומבאַוווסט דערוואָרבן דעם טאַלענט צו לייענען אין אַ מענטשלעכן פּנים, צו פאַרשטיין די דאָזיקע רייכע און פולקאָמענע שפּראַך, וואָס די יאָרהונדערטער האָבן אויסגעפּאָרעמט און וואָס איז טויזנט מאָל רייכער, ווי די שפּראַך פונם וואָרט, און איר דריקט זיך אויס די ראַסע... עס זענען פאַראַן שטענדיקע סתירות. צווישן די ליניעס פון אַ פּנים און צווישן דעם, וואָס ער רעדט. אָט איז אַ יונגער פרויען-פּראָפיל: ער פאַרמאָגט אַ קלאָרע, אַביסל האַרטלעכע צייכענונג, אין דעם מין פון בירן זשאָן, טראַגיש, ווי ער וואָלט געווען גענאָגט פון אַ געהיימע לײדנשאַפט, עפּעס אַן אייפערזוכט און אַ שעקספּירישן ווייטיק. נאָר אָט רעדט ער — און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַ קלייגבירגערין, וואָס איז שטענדיק נאַריש און האָט נישט דעם מינדסטן באַגריף וועגן די געפערלעכע קרעפטן, וואָס דרימלען אין איר לייב. און דאָך זענען די דאָזיקע לײדנשאַפטן און כוחות פאַראַן אין אים. אין וועלכער פאָרם וועלן זיי אין אַ געוויסן טאָג אַרויסקומען אויף דער שיין? אפשר אַלס תאווה צו געלט, אַלס אייפערזוכט צום מאַן, אַלס שיינע האַנדלונג אָדער אַלס קרענקלעכע רשעות? מען ווייסט נישט. עס איז אַפילו מעגלעך, אַז זי וועט עס איבערטראָגן אין דער שעה פאַרן אויסברוך אויף אַן אַנדער באַשעפעניש פון איר בלוט. אָבער דאָס איז אַן עלעמענט, מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען און וואָס שוועבט ווי אַ גורל איבער דעם דור.

אויך גראַציאַ האָט געטראָגן אין זיך די לאַסט פון דער דאָזיקער טונקעלער ירושה, וואָס געהערט צו יענע ירושות פון די אַלטע פאַמיליעס, וואָס עס איז נישטאָ קיין שום געפאַר זיי צו פאַרשווענדן.

צום ווייניקסטן האָט זי עס געקענט. עס ליגט שוין אַ גרויסע קראַפט אין דעם, וואָס מען קען די אייגענע שוואַכקייטן, און אַפילו מען איז נישט דער האַר איבער זיי, קאָן מען אָבער ווערן אַ פּילאָט פון דער נשמה פון דער אייגענער ראַסע, צו וועלכער מען איז צוגעבונדן און וועלכע טראָגט אַוועק מיט זיך דעם מענטשן, ווי אַ שיף. עס ליגט שוין אַ גרויסער כּוח אין דעם, וואָס מען מאַכט דעם גורל צו אַ זוערקצייג און מען באַנוצט זיך מיט אים, ווי מיט אַ זעגל, וואָס מען שפּאַנט אָן אָדער מען ציט איין לויטן ווינט נאָך. ווען גראַציאַ האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט זי געהערט אין זיך אַסאַך באַאומרויקנדיקע שטימען, וואָס זייער קלאַנג איז איר געווען באַקאַנט. אָבער אין איר נעזונטער נשמה האָבן זיך לסוף צוזאַמענגעשמאָלצן די דיסאָנאַנסן און האָבן אונטער דער האַנט פון איר האַרמאָנישן גייסט געשאַפן אַ טיפע, אינערלעכע און שטילע מוזיק.

ליידער איז עס נישט אָפּהענגיק אָן אונז איבערצוטראָגן אויף אונזערע קינדער דאָס בעסטע פון אונזער בלוט. פון גראַציאַס ביידע קינדער איז נאָר איינס, דאָס מיידעלע אוראַראַ, וואָס איז אַלט געווען עלף יאָר, ענלעך געווען צו דער מוטער, זי איז געווען נישט אַזוי שיין, אַ ביסל פּראָסט און דערצו לייכט צוגעהינקט. דאָס איז געווען אַ גוט, ווייל, פריילעך מיידעלע, מיט אַן אויסגעצייכנטע נאַטור, מיט אַ סאַך גוטן ווילן, קליינע פעיקייטן, וואָס האָט דערביי פיינט געהאַט אַליין זיך צו עפּעס צונעמען און ליב געהאַט אַרומצוגיין ליידיק. קריסטאָף האָט זי זייער ליב געהאַט, עס איז געווען פאַר אים אַ פרייד זי צו זען נעבן גראַציאַן, צו זען דעם חן פון דעם טאָפּעלן וועזן, וואָס מען נעמט אויף אין זיך גלייכצייטיק אין צוויי לעבנס־עלטערן, אין צוויי דורות... צוויי בלומען, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט אויפן זעלבן שטענגל: אַ הייליקע פאַמיליע פון ליאָנאַרדאָ, די מאַדאָננא און די הייליקע אַננאַ, דער אייגענער שמייכל, כמעט אָן אונטערשיד. מען קושט מיט בליק דעם פולן אויפגעבליטן בלומענטאָפּ פון ווייבלעכער נשמה, און דאָס איז גלייכצייטיק שיין און טרויעריק: ווייל מען זעט פון וואַנעט זי קומט און וווהין זי

גייט. קיין זאַך איז נישט נאַטירלעכער פאַר אַ ליידנשאַפטלעך האַרץ, ווי מיט גליענדיקער און ריינער ליבע ליב צו האָבןביידע שוועס־טער אָדער די מוטער מיט איר טאָכטער. קריסטאָף וואָלט געקענט ליב האָבן די געליבטע פרוי אין אַלע דורות, פונקט ווי ער האָט אין איר ליב געהאַט דעם פאַרגאַנגענעם דור. צי איז נישט געווען יע־דער שמייכל, יעדער טרער, יעדער קנייטש פון איר ליבן פנים אַ זכר פון לעבן, וואָס איז שוין געווען, איידער אירע אויגן האָבן זיך געעפנט צום ליכט און פון אַ לעבן, וואָס וועט קומען שפּעטער, ווען אירע אויגן וועלן שוין זיין געשלאָסן? דאָס ייִנגל ליאָנעלאָ, איז אַלט געווען ניין יאָר. אַ סאַך שענער פון זיין שוועסטער און פון אַן איידעלערער שוין צו איידעלער, בלוטלאָזער און אויסגעגוצטער ראַסע איז ער ענלעך געווען צו זיין פאָטער. ער איז געווען קלוג, געהאַט אַ סאַך שלעכטע נייגונגען, געווען חניפהדיק און כיטרע. ער האָט געהאַט גרויסע בלויע אויגן, לאַנגע בלאָנדע מיידלשע האָר, אַ בלייכע הויט, אַ צאַרטע ברוסט און קרענקלעכע נערוועזיטעט, פון וועלכער ער האָט געמאַכט אַ געבראַויך ביי יעדער געלעגנהייט, ווי אַ געבוירענער אַקטיאָר, ווייל ער האָט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אַרויסגעפונען די מענטשלעכע שוואַכקייטן. גראַציאַ האָט מער ליב געהאַט דעם זון מיט דער נאַטירלעך שטאַרקערער ליבע פון אַ מוטער צו אַ שוואַך קינד. — און אויך אונטערן איינפלוס פון דער השפעה, וואָס די זין איבן־אויס אויף די גוטע און אָנשטענדיקע פרויען, בעת זיי אַליין, די זין, זענען נישט גוט און נישט אָנשטענדיק, (ווייל אין זיי קומט צום אויסדרוק יענער טייל פון איר לעבן, וואָס זי האָט אין זיך דערשטיקט). — דערצו קומט נאָך צו דער זכר פון אי־מאַן, וואָס האָט זיי גורם געווען אַ סאַך צרות, וואָס זי האָט אים פאַראַכטעט און גלייכצייטיק ליב געהאַט; עס קומט־צו יענע זעל־טענע שטים פון דער נשמה, וואָס שפּראָצט אַרויס אין דעם טונקעלן, וואַרימען הויז פון דעם אונטערבאַוווסטזיין.

הגם גראַציאַ האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות צו פאַרטיילן איר ליבע אין אַ גלייכער מאָס צווישן אירע ביידע קינדער, האָט דאָך אוראָרא געפילט דעם אונטערשיד און געליטן דערפון. קריסטאָף און זי האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. אינסטינקטיוו האָבן זיי זיך איי־נער דעם צווייטן דערנענטערט. אין קעגנזאַץ דערצו, איז צווישן קרי־סטאָפן און ליאָנעלאָ געווען אַן אומסימפּאַטישע באַציונג, וואָס דאָס

קינד האָט באַהאַלטן אונטער זיין איבערגעטריבענער העפלעכקייט. קריסטאָף האָט אים אָבער אַרויסגעוויזן לפּנים די זעלבע ליבשאַפט, וואָס צו זיין שוועסטער. ער האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח און זיך פּשוט געצווונגען צו קושן דאָס קינד, אָדער צו גלעטן איבערן קאָפּ דעם זון פון אַ פרעמדן מענטשן, וואָס ער וואָלט געטון מיט דער גרעסטער ליבשאַפט, ווען דאָס וואָלט געווען אַ מתּנה פון זיין געליבטער. ער האָט נישט געוואָלט זען די שלעכטע נייגונגען פון דעם יינגל, קיין שום זאַך, וואָס האָט דערמאַנט אָן „יענעם", ער האָט זיך באַמיט צו זען אין אים נאָר גראַציאַן. גראַציאַ האָט געזען ניכטערער, און זיך נישט געמאַכט בנוגע איר זון קיין שום אילוזיעס, אָבער זי האָט אים צוליב דעם נאָך שטאַרקער ליב געהאַט. דעמאָלט איז געקומען צום אויסדרוק די קראַנקהייט, וואָס האָט געדרימלט אין אים זינט לאַנגע יאָרן. עס איז געקומען שווינדזוכט. גראַציאַ האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו פאָרן מיט ליאָנעלאָן אין אַ סאַנאַטאָריום אין די אַלפּן. קריסטאָף האָט זי געבעטן, זי זאָל אים לאָזן מיטפאָרן. אָבער צוליב דער עפנטלעכער מיינונג האָט זי נישט מסכּים געווען. עס האָט אים שטאַרק וויי געטון די איבערגעטריבענע הכנעה צו די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען.

זי איז אָפּגעפאָרן. איר טאָכטער האָט זי געלאָזן ביי קאָלעט. זי האָט זיך באַלד דערפילט שרעקלעך איינזאַם צווישן די אַלע קראַנקע, וואָס האָבן נאָר גערעדט וועגן זייערע ליידן, אין דער דאָזיקער מיטליידלאָזער נאַטור, וואָס קוקט זיך צו מיט אַן אומבאַוועגלעך פּנים צו מענטשלעכע יסורים. כּדי אויסצומיידן דעם טרויעריקן אויסזען פון די דאָזיקע אומגליקלעכע, וואָס האָבן מיט די שפּיי-בעכערס אין די הענט באַטראַכט כּסדר איינער אויפן צווייטנס פּנים די פאָרשריטן פון דער טויטלעכער קראַנקהייט, האָט זי פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ-שפּיטאָל און געדונגען זיך אַ שווייצאַריש הייזל, ווו זי איז געווען אַליין מיט איר קראַנק קינד. אָנשטאָט צו פאַרבעסערן, האָט די הויכקייט נאָך פאַרערגערט ליאָנעלאָס צושטאַנד. די היץ האָט זיך פאַרגרעסערט. גראַציאַ האָט פאַרבראַכט שרעקלעכע נעכט. קריסטאָף האָט איר פון ווייטן מיט ווייטיק מיטגעפילט, הגם זי האָט אים וועגן דעם נישט געשריבן. דער שטאָלץ האָט זי נישט געלאָזט זיך אונטערגעבן. זי וואָלט געווען גליקלעך, קריסטאָף זאָל איצטער זיין ביי איר. אָבער זי האָט אים פאַרווערט מיטצופאָרן און זי האָט איצט נישט געוואָלט

אים אַרויסווייזן קיין שוואַכקייט און שרייבן: „איך בין צו שוואַך, איך דאַרף אייך האָבן..."

איינמאָל אין אָוונט, אין דער צייט פון בין השמשות, וואָס איז פאַר טרויעריקע הערצער אַזוי גרויזאַם, איז זי געשטאַנען אויף דער וועראַנדע פון איר שטוב. פּלוצלינג האָט זי דערזען אויפן שאָסיי, וואָס האָט געפירט פון וואָקזאַל, עמעצן... אַ מאַן האָט געשפּרייזט מיט גיכע טריט. אומגעדולדיק, מיט אַביסל אַ געבויגענעם רוקן איז ער געבליבן שטיין. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אויפן הייזל. זי איז גיך אַריינגעלאָפן אין שטוב, כדי ער זאָל זי נישט באַמערקן. זי האָט צוגעדריקט די האַנט צום האַרצן און געלאַכט פון אויפרעגונג. הגם זי איז נישט געווען פרום, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף די קני און באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט: זי האָט געמוזט עמעצן דאַנקען. דאָך איז ער נישט אַריינגעקומען. זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, און באַהאַלטן אונטער די פאָרהאַנגען האָט זי אַרויסגעקוקט אויף דרויסן. ער איז געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּלויט ביי אַ פעלד, נאָענט צו איר הויז. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אַריינצוגיין! און זי, נאָך מער צעטומלט ווי ער, האָט געשמייכלט און שטיל גערעדט צו זיך:

— קום...

לסוף האָט ער געפועלט ביי זיך און אָנגעקלונגען. זי איז שוין געווען ביי דער טיר. זי האָט אים געעפנט. ער האָט געהאַט אויגן פון אַ גוטן הונט, וואָס האָט מורא טאָמער שלאָגט מען אים. ער האָט געזאָגט:

— איך בין געקומען.... זייט מוחל....

זי האָט אים געזאָגט:

— איך דאַנק אייך.

דעמאָלט האָט זי אים מודה געווען, ווי שטאַרק זי האָט אויף אים געוואַרט. קריסטאָף האָט איר געהאָלפן אַכטונג־געבן אויפן יינגל, וואָס זיין צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט. ער האָט עס געטון מיט אויפריכטיקער האַרציקייט. דאָס קינד האָט אים אַרויסגעוויזן אַ צע־רייצטע שנאה. ער האָט זיך שוין מער נישט באַמיט זי צו באַהאַלטן. ער האָט אים געוואָלט באַליידיקן מיט די בייזוויליקסטע ווערטער. קריסטאָף האָט די סיבה דערפון געזען אין זיינע ליידן. ער האָט געהאַט אַ געדולד, וואָס איז פּשוט געווען אומגעוויינלעך. זיי האָבן

פאַרבראַכט ביים קינדס געלעגער אַ ריי פיינלעכע טעג און דער עיקר איין קריטישע נאַכט, ווען ליאָנעלאָ איז שוין געווען אַ פאַר־לוירענער און איז שפּעטער געראַטעוועט געוואָרן.

און ווען זיי האָבן ביידע, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, גע־וואַרט ביים קליינעם דרימלענדיקן קראַנקען, האָבן זיי ביידע גע־פילט אַזאַ ריין גליק, אַז זי איז פלוצלינג אויפגעשטאַנען, גענומען איר מאַנטל און אַרויסגעפירט קריסטאָפן אויפן וועג אינם שניי, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אונטער די קאַלטע שטערן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין אָרעם. ביידע האָבן פאַרשיכורט געטרונקען די אייז־קאַלטע לופט און די רויקייט פון דער וועלט. זיי האָבן קוים אויסגעטוישט צווישן זיך עטלעכע ווערטער. עס איז נישט געפאַלן קיין איין וואָרט וועגן זייער ליבע. נאָר ווען זיי האָבן זיך אומגע־קערט אַהיים, האָט זי אויף דער שוועל פון שטוב, קוקנדיק אויף אים מיט אַ בליק, וואָס האָט געשטראַלט צוליבן גליק פון דעם גע־ראַטעוועטן קינד, געזאָגט צו אים:

— מיין ליבער, ליבער פריינט...

דאָס איז געווען אַלץ, אָבער זיי האָבן געפילט אַז דער באַנד, וואָס האָט זיי פאַראייניקט, איז הייליק געוואָרן.

ווען זיי זענען נאָך אַ לאַנגער צייט, בעת דאָס יינגל איז גע־קומען צו זיך, זיך אומגעקערט קיין פאַריז, האָט גראַציאַ זיך אַריינ־געצויגן אין אַ קליין הויז, וואָס זי האָט געדונגען אין פּאַסי. זי האָט שוין איצט מער קיין אַכט נישט געלעגט אויף דעם „וואָס לייט זאָגן". זי האָט געפילט אין זיך דעם מוט, זיך צווייזן מיט איר פריינט פאַר דער וועלט. זייערע ביידנס לעבנס זענען געווען אינגערלעך אַזוי צונויפגעשמאָלצן, אַז זי האָט געהאַלטן פאַר אַ פּחדנות צו באַהאַלטן די פריינטשאַפט, וואָס האָט זיי פאַראייניקט, הגם עס איז געווען אַ געפאַר, אַז די דאָזיקע פריינטשאַפט וועט אַרויסרופן אַ סך רכילות. זי האָט אויפגענומען קריסטאָפן צו יעדער שעה. זי האָט זיך געוויזן מיט אים אויף שפּאַצירן און אין טעאַטער. זי האָט גערעדט מיט אים פאַרטרוילעך אַלעמען אין די אויגן. קיינער האָט נישט געצווייפלט,

אַז דאָס איז אַ געליבטע פּאָר. אַפילו קאָלעט האָט איינגעפונען, אַז זיי ווייזן זיך צופיל פאַר דער וועלט. גראַציאַ האָט אירע אָנצוהערענישן איבערל מיט אַ שמייכל און איז רויק אַריבער צו אַן אַנדער ענין.

באמת האָט קריסטאָף נישט באַקומען קיין נייעם רעכט אויף איר. זיי זענען געוועזן נאָר פריינט. ער האָט שטענדיק גערעדט צו איר מיט דער זעלבער צאַרטער אַכטונג. אָבער קיין זאַך איז נישט געבליבן צווישן זיי פאַרבאָרגן. זיי האָבן אַלץ אַרומגערעדט צווישן זיך, און אומבאַמערקט איז קריסטאָף ביסלעכווייז געוואָרן אַ מין קאָפּ פון דער פאַמיליע. גראַציאַ האָט אויסגעהערט זיינע עצות און אים געפאָלגט. זינט דעם ווינטער, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין דער סאַנאַטאָריע, איז זי נישט געווען די זעלבע. די דאגות און אָנשטרענגונגען האָבן שטאַרק אונטערגעגראָבן איר קרעפטיק געזונט. די נשמה איז געוואָרן פולער מיט מיטלייד. נישט געקוקט אויף די אַלטע קאַפּריזן, איז דאָך שוין געווען אין איר אַ באַשטימטער ערנסט און קאָנצענטרירונג. דער פאַרלאַנג צו זיין גוט, זיך צו לערנען און קיינעם נישט ווי צו טון, איז געוואָרן ביי איר אַ שטענדיקע אייגנשאַפט. זי איז געווען גערירט פון קריסטאָפס צוגעבונדנקייט, פון זיין אַלטרויזם און ריינקייט פון האַרצן, און זי האָט געטראַכט אים צו שענקען אַ געוויסן טאָג דאָס גרויסע גליק, וואָס ער האָט זיך שוין מער נישט דערוועגט צו טרוימען: צו ווערן זיין פרוי.

זינט דעם לעצטן אָפּזאָג, וואָס זי האָט אים געגעבן, האָט ער קיינמאָל מיט איר וועגן דעם נישט גערעדט, ער האָט זיך נישט געהאַלטן באַרעכטיקט דערצו. אָבער ער האָט געטרויערט נאָך דער נישט דערפולטער האָפנונג. ווי הויך ער האָט נישט געשעצט די ווערטער פון זיין פריינדין, האָט אים אָבער דער אַנטוישטער אופן, ווי זי האָט גערעדט וועגן חתונה, נישט איבערצייגט. ער האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אַז די פאַרייניקונג פון די צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב מיט אַ טיפער פרומער ליבע, איז דער העכסטער שפּיץ פון מענטשלעכן גליק. — זיין בענקשאַפט איז אויפגעוועקט געוואָרן דורך דער באַגעגעניש מיטן אַלטן פאַרפאַלק אַרנאָ.

מאַדאַם אַרנאָ איז שוין אַלט געווען איבער פופציק יאָר, איר מאַן — פינף אָדער זעקס און זעכציק. זיי האָבן ביידע אויסגעזען אַסך עלטער, ער איז געוואָרן דיקער און זי מאָגערער, און אַביסל איינגעבוינן. זי איז שוין פריער געווען זייער צאַרט, איצט האָט זי אויס־

געזען ווי אַ שאָטן. נאָך דעם, ווי אַרנאָ איז אַוועק פון זיין שטעלע, זענען זיי אַריבערגעפאָרן אין דער פּראָווינץ. קיין זאַך האָט זיי שוין מער נישט פאַרבונדן מיט דעם יאָרהונדערט, אויסער דער צייטונג, וואָס האָט אין דער טעמפּקייט פון שטעטל און איר איינגעדרימלט לעבן געבראַכט אַ פאַרשפּעטיקטן עכאָ פון די וועלט-געשעענישן. איינמאָל האָבן זיי איבערגעלייענט קריסטאָפס נאָמען, מאַדאַם אַרנאָ האָט אים געשריבן עטלעכע האַרציקע, אַ ביסל צו פייערלעכע שורות, ווי זי האָט אויסגעדרוקט איר פרייד, וואָס ער איז געוואָרן באַרימט. דערויף איז ער, נישט געבנדיק פריער גאָרנישט צו וויסן, גלייך געקומען צופאָרן.

ער האָט זיי געפונען אין אַ וואַרימען זומער-נאָכמיטאָג אין זייער גאָרטן אונטער דעם רונדן בלעטער-דאַך פון אַן אָרכע. זיי זענען געזעסן ענלעך צום אַלטן פאָר-פאָלק פון בערלין, וואָס דרימלען האַלטנדיק זיך פאַר די הענט. די זון, דער שלאָף און די עלטער האָבן זיי גובר געווען. זיי זענען געלעגן, זיי זענען שוין כמעט אינגאַנצן געווען פאַרזונקען אין אייביקן טרוים. און אַלס לעצטער לעבנס-שומר איז ביזן סוף געבליבן איר צערטלעכקייט, די באַרירונג פון אירע הענט, די באַרירונג פון זייערע קערפּער, וואָס גייען שוין אויס... זיי האָבן צוליב קריסטאָפס באַזוך געפילט אַ גרויסע פרייד, איבער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אַרויסגערופן פון דער פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן געפּלוידערט פון אַלטע צייטן, וואָס זענען איצט אויפגעשטאַנען פאַר זיי אין העלן ליכט. אַרנאָ האָט זיך בלויז צוגעהערט, ווייל זיין זכרון איז שוין שוואַך געוואָרן. מאַדאַם אַרנאָ האָט אים אַלע ווילע אַרויסגעהאָלפן, זי האָט גערן געשוויגן. זי האָט בעסער געוואָלט הערן איידער רעדן. אָבער די בילדער פון אַ מאָל זענען געבליבן פריש אין איר שטיל האַרץ. טיילמאָל זענען זיי דערשינען לייכטנדיק, ווי גלאַנצנדיקע קיזלשטיינער אין טייכל. איינער פון זיי, וואָס זיין ווידערשיין האָט קריסטאָף געזען אויך אין אירע אויגן, פול מיט האַרציקן מיטגעפיל, איז געווען אָליווער, אָבער זיין נאָמען איז נישט דערמאַנט געוואָרן, דער אַלטער אַרנאָ האָט אַרויסגעוויזן צו זיין פרוי אומגעשיקטע און רירנדיקע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געזאָרגט, עס זאָל איר נישט זיין קאַלט, עס זאָל איר נישט זיין הייס. זיינע אויגן האָבן זיך מיט פאַרזאָרגטע ליבע אָנגעהאָנגן אין איר ליבן, פאַרוועלקטן פנים, וואָס זיין מיד שמייכל האָט זיך באַמיט אים צו באַרויקן. קריסטאָף האָט

זיי געווען אַזוי פיל מיט אַ געוויסער קנאה באַטראַכט... צוזאַמען זיך צו עלטערן! ליב צו האָבן אַלץ און זיין באַגלייטערין, ביז די יאָרן וועלן אַריבער. זיך צו זאָגן:

— די דאָזיקע קליינע קנייטשן אַרום די אויגן און איבער דער נאָז קען איך, איך האָב געזען, ווי זיי האָבן זיך געבילדעט. איך ווייס, ווען זיי זענען ערשינען. אָט די אָרעמע גרויע האָר זענען אַ טאָג נאָך אַ טאָג ווייסער געוואָרן ביי מיין זייט, און אַך! אַביסל אויך צוליב מיר. אָט דאָס איידעלע געזיכט איז געוואָרן גערונצלט און רויט אין מאַ־טערניש און צרות, וואָס האָבן אונז פאַרבראַכט. די נשמה מיינע, ווי שטאַרק האָב איך דיך ליב, ווייל דו האָסט געליטן און געעלטערט זיך צוזאַמען מיט מיר! יעדער איינער פון זיינע קנייטשן איז פאַר מיר מוזיק, פון מיין פאַרגאַנגענהייט...

ליבע אַלטע לייט, וואָס זענען נאָכן לאַנגן לעבן־אָוונט אַנטשלאָפן געוואָרן אין דער רו פון דער נאַכט איינער נעבן אַנדערן! זייער בילד האָט קריסטאָפן ווייט געטון און גלייכצייטיק געפרייט. ווי שיין עס האָט געמוזט זיין זיי דאָס לעבן, און ווי שיין עס איז אַזוי דער טויט!...

ווען ער האָט ווידער דערזען גראַציאַן, האָט ער זיך נישט גע־קאָנט איינהאַלטן נישט צו שילדערן איר זיין באַזוך. ער האָט איר נישט אויסגעזאָגט די געדאַנקען, וואָס דער דאָזיקער באַזוך האָט און אים דערוועקט. אָבער זי האָט זיי און אים געלייענט. ווען ער האָט דערפון גערעדט, איז ער געווען צעטומלט, ער האָט אָפּגעווענדט די אויגן און אין געוויסע מאָמענטן געשוויגן. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל, און קריסטאָפס צערודערטקייט האָט זיך איבערגעטראָגן אויך אויף איר.

ווען זי האָט זיך אין אָוונט געפונען אַליין אין צימער, האָט זי גענומען טרוימען, זי האָט זיך איבערגעחזרט נאָכאַמאָל קריסטאָפס דערציילונג. אָבער דאָס בילד, וואָס זי האָט געזען, איז נישט געווען ענלעך צום אַלטן פּאָרפּאָלק, וואָס האָט געדרימלט אונטער דער אָלכע: דאָס איז געווען דער רירנדיקער טרוים פון איר אַלטן פריינט. איר האַרץ איז געוואָרן פול מיט ליבע צו אים. ווען זי האָט זיך געלעגט און אויסגעלאָשן דאָס ליכט, האָט זי געטראַכט:

— יאָ, עס איז אומזיניק, עס איז אַן אומזין און פשוט אַ פאַר־ברעכן דורכצולאָזן אַזאַ גליק. וואָס איז דאָ בעסערס אויף דער וועלט,

ווי גליקלעך צו מאַכן דעם, וואָס מען האָט ליב?.. צי האָב איך אים באמת ליב?...

זי איז שטיל געבליבן און דערהערט, ווי דאָס האַרץ ענטפערט איר גערירט:

— איך האָב אים ליב.

אין דעם מאָמענט, האָט זי דערהערט אַ טרוקענעם, שאַרפן נער־ווועזן הוסט פון דעם שכנותדיקן צימער, ווו די קינדער זענען גע־שלאָפן, גראַציאַ האָט זיך איינגעהערט. זינט די קראַנקהייט פון דעם יינגל, איז זי געווען כסדר פאַרדאגהט. זי האָט געפרעגט, וואָס אים איז, ער האָט נישט געענטפערט און ווייטער געהוסט. זי איז אַרויס־געשפרונגען פון בעט און איז צוגעגאַנגען צו אים. ער איז געווען אויפגערעגט, ער האָט געקרעכצט, געזאָגט, אַז עס איז אים נישט גוט און זיך ווידער צעהוסט.

—וואָס טוט דיר וויי?

ער האָט נישט געענטפערט. ער האָט נאָר געקרעכצט, אַז ס'איז אים נישט גוט.

— טייער קינד, איך בעט דיך, זאָג מיר, וואָס טוט דיר וויי.

— איך ווייס נישט.

— טוט דיר ווי אָט דאָ?

— יאָ, ניין, איך ווייס נישט. עס טוט מיר ווי אומעטום.

דערנאָך איז אים ווידער באַפאַלן אַ שטאַרקער הוסט. גראַציאַ האָט זיך דערשראָקן, זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער צווינגט זיך צום הוסטן. אָבער זי האָט באַלד חרטה געהאַט אויף אירע געדאַנקען, ווען זי האָט דערזען, אַז דער קליינער באָדט זיך אין שווייס און כאַפּט קוים דעם אָטעם. זי האָט געקושט, געזאָגט אים צערטלעכקייטן. ער האָט זיך ביסלעכווייז באַרויקט. אָבער קוים האָט זי געוואָלט אַוועק־גיין, האָט ער ווידער גענומען הוסטן. ציטערנדיק פון קעלט האָט זי ווידער געמוזט בלייבן ביי זיין געלעגער, ווייל ער האָט איר אפילו נישט געלאָזט גיין זיך אָנטון. ער האָט געוואָלט, זי זאָל האַלטן זיין האַנט, און ער האָט זי נישט אָפּגעלאָזט, ביז דער שלאָף האָט אים נישט גובר געווען. דעמאָלט האָט זי זיך אַ דערפרוירענע אַ פאַרדאגה־טע און אויסגעשעפּטע ווידער בעלעגט אין בעט. זי האָט שוין נישט געקאָנט כאַפּן דעם פאָדעם פון אירע חלומות. דאָס קינד האָט פאַר־מאָגט אַ מערקווירדיקע פעיקייט צו לייענען אין דער מוטערס געדאַנ־

קען. מען טרעפט גאַנץ אָפט די אינסטינקטיווע באַגאַבונג ביי מענטשן פון זעלבן בלוט, אָבער זעלטן אין אַזאַ מאָס. אַזעלכע מענטשן דאַרפן זיך נאָר אָנקוקן, כדי צו וויסן וואָס דער אַנדערער טראַכט. זיי דער־זען עס אין טויזנט אומבאַמערקטע סימנים. די דאָזיקע נאַטירלעכע פעיקייט, וואָס פאַרשטאַרקט דאָס שותּפותדיקע לעבן, איז ביי ליאָנע־לאָן פאַרשאַרפט געוואָרן דורך זיין פסדר־לויערנדיקער בייזוויליקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן בליק צוזאַמען מיטן פאַרלאַנג צו ברענ־גען אַ שאָדן. ער האָט פיינט געהאַט קריסטאָפן. פאַרוואָס? פאַרוואָס פילט אַ קינד אַ שנאה צו אַ מענטשן, וואָס האָט אים גאָרנישט געטון? אָפט איז עס אַ צופאַל. עס איז געגנוג, אַז אַ קינד זאָל זיך אַ געוויסן טאָג איינרעדן, אַז ער קאָן עמעצן נישט פאַרטראָגן, כדי אים דערנאָך באמת פיינט צו האָבן; און וואָס מער מען גיט עס אים צו פאַרשטיין, אַלץ מער עקשנותדיקער ווערט ער. פריער שפּילט ער זיין שנאה. און דער־נאָך האַסט ער באמת. אָבער אָפט זענען פאַראַן טיפערע סיבות, וואָס גייען אַרויס אַחוץ דעם קינדס אויפפאַסונג. עס איז אומבאַוווּסטזיניק... פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען ער האָט דערקענט קריסטאָפן, האָט דער זון פון דעם גראַף דערעני געפילט אַ שנאה צום מענטשן, וואָס זיין מאַמע האָט ליב געהאַט. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט פונקט אין דעם מאָמענט, ווען גראַציאַ האָט געטראַכט חתונה צו האָבן מיט קרי־סטאָפן, דירעקט עס דערפילט, פון דער רגע אָן האָט ער נישט אויפ־געהערט צו וואַכן איבער איר. ער איז שטענדיק געשטאַנען צווישן זיי. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין פון סאַלאָן, ווען קריסטאָף איז גע־קומען, אָדער ער פלעגט זיך פלוצלינג אַריינרייסן אין דעם צימער, וו זיי זענען געזעסן צוזאַמען. יאָ, נאָך מער, ס'האָט אויסגעזען, אַז בעת זיין מאַמע געפינט זיך אַליין און טראַכט וועגן קריסטאָפן, פילט ער עס אויך. ער פלעגט זיך זעצן נעבן איר און לויערן. דער דאָזי־קער בליק האָט זי געפייניקט. זי האָט זיך שיר נישט געררויטלט. זי איז אויפגעשטאַנען צו באַהאַלטן איר צעטומלטקייט. ער האָט געהאַט אַ בייזע פרייד אויסצורעדן אין איר געגנוואַרט אָסור־לדבר אויף קרי־סטאָפן. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל שווייגן, נאָר ער איז געבליבן ביי זיינס. און ווען זי האָט אים געוואָלט באַשטראָפן, האָט ער גע־דראָהט, אַז ער וועט קראַנק ווערן. דאָס איז געווען אַ מעטאָדע, וואָס ער האָט מיט דערפאָלג אָנגעווענדעט פון די יינגסטע יאָרן אָן. ווען ער איז נאָך געווען זייער קליין און מען האָט זיך איינמאָל אויף אים אָנגעבייזערט, האָט ער זיך נוקם געווען אויף אַזאַ אופן, אַז ער

האָט זיך אויסגעטון און זיך נאַקעט געלעגט אויף דער ערד, כּדי זיך שטאַרק צו פאַרקילן. — איינמאָל ווען קריסטאָף האָט מיטגעבּרענגט מיט זיך אַ מוזיקאַליש ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבּן צו גראַציאַס געבּורטסטאָג, האָט דער קליינער צעריסן דעם מאַנוסקריפּט און אים ערגעץ פאַרוואָרפן. מען האָט שפּעטער געפונען צעפליקטע זייטן אין אַ קופער. גראַציאַ האָט פאַרלוירן די געדולד און האָט שטאַרק גע־שטראָפט דאָס ייִנגל. ער האָט זיך צעוויינט, געשריגן, געטופּעט מיט די פיס, געוואַלגערט זיך אויף דער ערד און לסוף באַקומען אַ נערוון־אָנפאַל. גראַציאַ האָט זיך דערשראָקן, אַ קוש געטון אים און צוגעזאָגט אים אַלץ, וואָס ער וויל.

פון דעם טאָג אָן איז ער געווען דער האַר און ער האָט עס געוווּסט. נישט איינמאָל האָט ער אָנגעווענדעט מיט ערפאָלג זיין קראַנק־הייט. מען האָט קיינמאָל נישט געוווּסט אויף ווי ווייט זיינע אָנפאַלן זענען נאַטירלעך און אויף ווי ווייט זיי זענען געמאַכט. ער האָט זיך נישט צופרידן געשטעלט דערמיט, וואָס ער האָט זיך נוקם געווען דעמאָלט, ווען מען האָט אים געקרענקט, נאָר אויך סתם, צוליב בייז־וויליקייט, ווען זיין מוטער און קריסטאָף האָבּן געוואָלט צוזאַמען פאַר־בּרענגען דעם אָוונט. לסוף איז געקומען דערצו, אַז ער האָט גע־שפּילט זיין קראַנקהייט צוליב פּשוטער לאַנגווייליקייט, כּדי צו זען ווי ווייט עס גרייכט זיין מאַכט. ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלע־כע פעיקייט אויסצוגעפינען אַלע מאָל אייגנאַרטיקע נערוון־אָנפאַלן. איינמאָל איז אים בעתן עסן באַפאַלן אַ קאָנוווּלסיווער ציטער, ער האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ גלאָז און צעבּראָכן אַ טעלער. אַן אַנדערש מאָל, בעת ער איז אַראָפּגעגאַנגען אויף די טרעפּ, האָט ער זיך פלוצלינג אָנגע־כאַפּט אָן דעם אָנלען און צוזאַמענגעקאָרטשעט די פינגער. ער האָט געטענהט, אַז ער קען זיי בשום אופן נישט פונאַנדערנעמען. אָדער ער האָט פלוצלינג געקראָגן אַ שטעכנדיקן ווייטיק אין דער זייט און זיך שרייענדיק געוואַלגערט אויף דער ערד. אָדער ער האָט געהאַלטן ביים דערשטיקט ווערן. נאַטירלעך, האָט ער דורך דעם לסוף באַקומען אַן אמתע נערוונקראַנקהייט. אָבער ער האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט אומזיסט. קריסטאָף און גראַציאַ האָבּן שטאַרק געליטן דערפון. זייערע פרידלעכע באַגעגענישן, די רויקע פלוידערייען, דאָס פאַרלייענען די מוזיק. אַלץ פון וואָס זיי האָבּן זיך געמאַכט אַ יום־טוב, — זייער גאַנץ באַשיידן גליק איז צעשטערט געוואָרן.

אָבער צייטנווייז האָט זיי דער קליינער דורכגעטריבענער ייִנגל געלאָזט צורו, אפשר דערפאַר, וואָס די ראָלע האָט אים שוין שטאַרק פאַרמאַטערט, אָדער ווייל זיין קינדערשע נאַטור האָט געוואָלט עפּעס נייעס. ער איז סיי-ווי-סיי געווען זיכער, אַז ער האָט געוווּנען די שפּיל. זיי האָבן וואָס-גיכער אויסגענוצט אַזעלכע מאָמענטן. יעדע שעה, וואָס זיי האָבן אַריינגעכאַפּט איז זיי געוואָרן נאָך טייערער דערפאַר, ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן. ווי נאָענט זיי האָבן זיך געפילט איינער צום צווייטן! פאַרוואָס זאָל אַזוי נישט קאָנען בלייבן אייביק?... איינמאָל האָט גראַציאַ אַליין מודה געווען קריסטאָפן איר צער

קריסטאָף האָט זי אָנגענומען פאַרן האַנט.

— פאַרוואָס? האָט ער געפרעגט.

— איר ווייסט עס זייער גוט, מיין ליבער פריינט, — האָט זי מיט אַ טרויעריקן שמייכל געזאָגט.

ער האָט עס געוווּסט. ער האָט געוווּסט, אַז זי איז מקריב זייערביידנס גליק פאַר איר זון. ער האָט געוווּסט, אַז זי מאַכט זיך נישט קיין אילוזיעס פאַר ליאָנעלאָס ליגן, און אַז דאָך האָט זי אים ליב. ער האָט געקענט דעם בלינדן עגאָיזם פון די פאַמיליענגעפילן, וואָס זענען גענייגט מקריב צו זיין די בעסטע מענטשן לטובת די ערגסטע און מינדערווערטיקסטע פאַמיליען-מענטשן, — אַזוי אַז עס בלייבט שוין גאָרנישט צו שענקען פאַר די בעסערע, וואָס זיי האָבן ליב, וואָס זענען אָבער נישט פון זייער בלוט. און הגם דאָס האָט אים אויפגעבראַכט, הגם ער האָט אין געוויסע מאָמענטן געשפּירט אַ חשק צו דערהרגענען דעם קליינעם טייוול, וואָס האָט זיי ביידן פאַרביטערט דאָס לעבן, — האָט ער זיך שווייגנדיק געבויגן און פאַרשטאַנען, אַז גראַציאַ האָט אַנדערש האַנדלען נישט געקאָנט. אָט אַזוי האָבן זיי ביידע רעזיגנירט אָן איבעריקע טענות. אָבער אויב מען האָט אים געקאָנט צורויבן דאָס גליק, וואָס איז זיי געווען באַשטימט, — איז אָבער קיינער נישט געווען בכוח צו צעשיידן זייערע הערצער. גראָד דער שותּפותדיקער קרבן האָט זיי מיט שטאַרקערע בענדער צוזאַמענגעקניפּט, ווי די פאַרייניקונג פון די קערפּער. יעדערער פון זיי האָט אָנפאַרטרויט זיינע דאגות דעם פריינט, אַרויפגעוואָרפן די מאַסע אויף זיינע אַקסלען און דערפאַר צוגענומען פון אים די לאַסט; אָט אַזוי האָט זיך אַפילו דער צער פאַרוואַנדלט אין פרייד. קריסטאָף האָט

געראָפּן גראַציאַן „די, פּאַר וועלכער ער איז זיך מתודה". ער האָט נישט באַהאַלטן פאַר איר זיינע שוואַכקייטן, פון וועלכע זיין אַמביציע האָט געליטן. ער האָט איר אַפילו אָנפאַרטרויט זיין גרויסע מאַטריעלע נויט. ער האָט עס געטון ערשט דעמאָלט, ווען צווישן זיי איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז זי וועט אים גאָרנישט אָנבאָטן און זי וועט פון אים גאָרנישט נעמען. דאָס איז געווען די העכסטע גרענעץ פון אַמביציע, וואָס ער האָט שטאַרק אָפּגעהיט, און זי האָט געשעצט. אַזוי ווי עס איז איר נישט דערלויבט געווען אַרייַצוברענגען אין דעם לעבן פון איר פריינט באַקוועמלעכקייטן, האָט זי געוווסט אויסצושפּרייטן איבער זיין לעבן דאָס, וואָס האָט טויזנט מאָל מערער ווערט: צערטלעכקייט. איצט האָט ער אין יעדער צייט פונם טאָג געפילט איר וואַרעמען אָטעם. ער האָט אינדערפרי נישט געעפנט די אויגן און האָט זיי אין אָוונט נישט פאַרמאַכט אָן אַ שטילער תפילה פון פאַרליבטער באַוווּנדערונג. און זי, בעת זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אָדער — ווי עס פלעגט טרעפן זייער אָפט — בעת זי איז אין דער נאַכט געלעגן שלאָפלאָז לאַנגע שעהן, האָט זי צו זיך גערעדט:

— מיין פריינט טראַכט וועגן מיר
און אַ גרויסע רויקייט האָט זיך פאַרשפּרייט אַרום איר

אָבער ביסלעכווייז האָט זיך גראַציאַס געזונט-צושטאַנד פאַרערגערט. זי האָט געמוזט כסדר ליגן אין בעט אָדער פאַרברענגען גאַנצע טעג אויסגעשטרעקט אויף אַ קאַנאַפּע. קריסטאָף איז געקומען יעדן טאָג, כדי מיט איר צו פּלוידערן, אָדער איר פאָרצושפּילן און איר צו וויַיזן זיינע נייע קאָמפּאָזיציעס. דעמאָלט איז זי אויפגעשטאַנען פון איר געלעגער און, קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס, דערשלעפּט זיך צום פּיאַנינאָ.

זי האָט אים פאַרגעשפּילט דאָס, וואָס ער האָט געבראַכט. דאָס איז געווען די גרעסטע פרייד, וואָס זי האָט אים געקאָנט פאַרשאַפן, פון אַלע שילערינס, וואָס ער האָט אויסגעבילדעט, איז זי נעבן סעסילן געווען די באַגאַבטסטע, אָבער בעת סעסיל האָט געפילט די מוזיק אינסטינקטיוו, כמעט נישט פאַרשטייענדיק זי, איז עס פאַר גראַציאַן

געווען אַ שיינע האַרמאָנישע שפּראַך, וועלכע זי האָט פאַרשטאַנען. דאָס דעמאָנישע אין לעבן און אין דער קונסט איז איר געווען פול־שטענדיק פרעמד, און זי האָט אויסגעגאָסן די קלאָרקייט פון איר קלוג האַרץ. די דאָזיקע קלאָרקייט האָט דורכגעדרונגען קריסטאָפס זשעני. דאָס שפּילן פון זיין פריינדין האָט אים בעסער געלאָזט פאַרשטיין די טונקעלע ליידנשאַפטן, וואָס ער האָט אויסגעדריקט. מיט געשלאָסענע אויגן האָט ער זיך צוגעהערט און געלאָזט זיך פירן פאַר דער האַנט דורכן לאַבירינט פון זיין אייגענער געדאַנקען־וועלט. בעת ער האָט דורכגעלעבט זיין מוזיק דורך גראַציאַס נשמה, האָט ער זיך פאַרייניקט מיט איר נשמה און זי באַזעסן. פון דערדאָזיקער געהיימניספולער פאַרייניקונג זענען געבוירן געוואָרן מוזיקאַלישע ווערטן, וואָס זענען געווען גלייכצייטיק די פּרוכט פון זייערביידנס צעזאַמענגעשמאָלצענע נאַטורן. ער האָט איר איינמאָל געזאָגט, בעת ער האָט איר געשענקט אַ זאַמלונג פון זיינע ווערק, וואָס זענען געוועבט געוואָרן פון זיין אייגענער און זיין פריינדינס אינערלעכן וועזן.

— אונזערע קינדער.

שותּפות אין אַלע מאָמענטן, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען און ווען זיי זענען געווען צעשיידט; שמעקנדיקע אָוונטן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין פאַרבאָרגנקייט פון דעם אַלטן הויז, וואָס זיינע ראַמען זענען ווי באַשאַפן געוואָרן צו גראַציאַס בילד און ווו די שווייגנדיקע און פאַרטרויטע קעגנזייטיקע פריינטשאַפט האָט איבערגעטראָגן אויף קריסטאָפן עטוואָס פון דער רעספּעקטפולער צוגעבונדנקייט, וואָס זי האָט געפילט. אַ פרייד צו פאַרנעמען זאַלבעצווייט דעם געזאַנג פון פאַרבייליופנדיקע שעהן, צו זען דעם שטראָם פונם אַוועקפליסנדיקן לעבן.... גראַציאַס שוואַך געזונט האָט געוואָרפן אַז אומרויקן שאָטן אויף זייער גליק. אָבער נישט געקוקט דערויף איז זי ווייטער געבליבן פריילעך, און אירע פאַרבאָרגענע ליידן האָבן נאָר פאַרגרעסערט איר חן. זי איז געווען „זיין ליבע, ליידנדיקע, רירנדיקע פריינדין מיטן שיינעדיקן פּנים“. און טיילמאָל נאָך אַן אָוונט, ווען ער איז באַרוואָס געקומען צוריק אַהיים, און זיין האַרץ איז געווען איבערגעפולט מיט ליבע, האָט ער איר געשריבן, אַז ער קען נישט וואַרטן ביזן צווייטן פרימאָרגן, כדי עס איר צו זאָגן:

— ליבע, ליבע, ליבע, ליבע, גראַציאַ...

די דאָזיקע רויקייט האָט געדויערט עטלעכע חדשים. זיי האָבן

געמיינט, אַז זי וועט דויערן שטענדיק. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קינד האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין זיי. זיין אויפמערקזאַמקייט איז געווען פאַר: מ:ן מיט עפּעס אַנדערש. אָבער נאָך דער דאָזיקער הפסקה האָט זיך עס ווידער צוריקגעקערט און שוין מער נישט אָפּגעלאָזן. דער קליינער טייוול האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו צעשיידן זיין מוטער מיט קריסטאָפֿן. ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן זיינע קאָמעדיעס. ער האָט נישט געהאַנדלט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן, נאָר געלאָזט זיך מיטרייסן יעדן טאָג פון זיינע בייזוויליקע קאַפּריזן. ער האָט נישט געהאַט קיין באַגריף, וויפיל שלעכטס ער טוט דערמיט. ער האָט זיך געוואָלט פאַרווייַלן, בעת ער האָט אַנדערע וויי געטון. ער האָט נישט גערוט ביז ער האָט געפּועלט ביי גראַציאַן, אַז זי וועט פאַרלאָזן פּאַריז און אַוועקפאָרן ערגעץ ווייט, גראַציאַ האָט נישט געהאַט קיין כוח צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אגב, האָבן איר די דאָקטוירים געראַטן אַרויסצופאָרן קיין עגיפּטן. זי האָט געדאַרפט אויסמיידן דעם ווינטער אין דעם צפון-קלימאַט. זי איז געווען שטאַרק אויסגעשעפּט: די גייסטיקע איבערלעבענישן פון די לעצטע יאָרן, די שטענדיקע דאגות אַרום דעם געזונטט-צושטאַנד פון איר זון, די לאַנגע אומזיכערקייט, דער קאַמף, וואָס האָט זיך אין איר אָפּגעשפּילט און וועלכן זי האָט נישט אַרויסגעוויזן, דער עגמת-נפש צוליבן צער, וואָס זי פאַרשאַפט איר פריינט. קריסטאָף, וואָס האָט פאַרשטאַנען אירע יסורים און זיי נישט געוואָלט פאַרגרעסערן, האָט באַהאַלטן דאָס, וואָס ער האָט אַליין געפילט, ווען ער האָט געזען, אַז דער טאָג פון צעשיידונג קומט אַלץ נענטער. ער האָט גאָרנישט געטון, כדי אים אָפּצושלעפּן, און זיי האָבן זיך ביידע געמאַכט רויק, הגם זיי זענען עס נישט געווען. זיי האָבן די רו איבערגעטראָגן איינער אויפן אַנדערן.

דער טאָג איז אָנגעקומען. עס איז געווען אַ סעפּטעמבער-פרימאָרגן. אין מיטן יולי האָבן זיי צוזאַמען פאַרלאָזן פּאַריז און די לעצטע וואָכן, וואָס זענען זיי איבערגעבליבן, פאַרבראַכט אין דער שווייץ, אין אַ האָטעל אין די בערג, נאָענט צו יענעם אָרט, ווו זיי האָבן זיך מיט זעקס יאָר צוריק געפונען.

זינט פינף טעג האָבן זיי נישט געקענט אַרויסגיין. דער רעגן האָט אָן אויפהער געגאָסן. זיי זענען כמעט אַליין געבליבן אין האָטעל, ווייל ס'רוב געסט זענען זיך צעלאָפן. אין דעם דאָזיקן לעצטן פרימאָרגן האָט דער רעגן לסוף אויפגעהערט, אָבער די בערג זענען געבליבן פאַרוואָלקנט, די קינדער מיט דער דינערשאַפט זענען אַרויס-

געפֿאָרן מיטן ערשטן וואָגן פֿאָרויס, און דערנאָך זיי. ער האָט זיי באַגלייט ביז יענעם אָרט, ווו דער וועג פֿאַרנעמט זיך אין גיכֿע שפּרונגען צו דער איטאַליענישער גרענעץ. אונטערן דאַך פֿון דעם וואָגן האָט זיי דורכֿגענומען די פֿייכֿטקייט. זיי זענען געזעסן ענג צוגעדריקט און גאָרנישט גערעדט. זיי האָבן זיך קוים געזען. מערקווירדיקע האַלבליכֿט און האַלב טונקלקייט האָט זיי אַרומגעהילט... גראַציאַס אָטעם האָט פֿייכֿט געמאַכֿט איר שלייער. ער האָט געדריקט איר קליינע וואַרעמע האַנט אין דער לעדערנער הענטשקע. זייערע פּנימער האָבן זיך אַלץ בענטער געבויגן צו זיך, דורכֿן פֿייכֿטן שלייער האָט ער געקושט אירע טייערע ליפּן.

זיי זענען אָנגעקומען צום שיידוועג. ער איז אַרויסגעשטיגן, דער וואָגן האָט אַרונטערגעטויכֿט אינם נעפּל — און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ער האָט נאָר געהערט פֿון ווייטן, ווי עס קאָלערן זיך די רעדער און ווי עס קלאַפּן די פֿערדישע פּאָדקאָוועס. ווייסע נעפּל-טיכֿער זענען געהאָנגען אויף די פֿעלדער. דורך די געדיכֿטע בוימער-שפּיצן האָבן גערונען טראָפּנס רעגן. קיין שום אָטעם. דער נעפּל האָט דערשטיקט דאָס לעבן. קריסטאָף איז געשטאַנען שטיל כֿליפּנדיק.. מער גאָרנישט. אַלץ איז פֿאַרביי.

ער האָט טיף אַריינגעאָטעמט דעם נעפּל. ער איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג. קיין זאַך איז נישט פֿאַרפֿאַלן פֿאַר דעם, וואָס איז אַליין נישט פֿאַרפֿאַלן.

די צעשיידונג פֿאַרשטאַרקט נאָך די מאַכֿט ביי דעם, וועלכֿן מען ליבט. דאָס האַרץ היט-אָפּ אין זיך נאָר דאָס, וואָס איז אים געווען טייער אינם געליבטן מענטשן. דער עכֿאָ פֿון יעדן וואָרט, וואָס קומט דורכֿן רוים פֿון אַ ווייטן פֿריינט, לאָזט זיך אויס אין דער שטילקייט מיט פֿייערלעכֿע קלאַנגען.

קריסטאָף און גראַציאַ האָבן זיך איבערגעשריבן, און זייער בריוו-אויסטויש האָט אָנגענומען דעם ערנסטן טאָן פֿון אַ פּאָר, וואָס האָט שוין מער נישט אויסצושטיין דעם געפֿערלעכֿן נסיון פֿון דער ליבע, פֿילט זיך זיכֿער אויפֿן וועג און וואַנדערט האַנט ביי האַנט

צוזאַמען מיטן פריינט... און מען האָט געדאַרפט דעם אַנדערן שטיצן און קערעווען, איז יעדערער פון זיי געווען שטאַרק, נאָר ווען ער האָט זיך געדאַרפט לאָזן פירן און שטיצן פונם צווייטן, האָט ער זיך געפילט שוואַך.

קריסטאָף האָט זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. ער האָט געהאַט באַשלאָסן מער אַהין נישט צו פאָרן. אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן די באַשלוסן! ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט נאָך דאָרטן געפינען גראַציאַס שאָטן. און די אומשטענדן, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט זיין געהיימען פאַרלאַנג קעגן זיין ווילן, האָבן אים אָנגעוויזן אין פּאַריז אַ נייע פליכט צו דערפילן. קאָלעט, וואָס האָט גוט געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן, האָט מודה געווען קריסטאָפן, אַז זיין יונגער פריינט זשאַנען האָט גענומען באַגיין גרויסע נאַרישקייטן. זשאַקלין, וואָס איז לגבי איר זון געווען זייער שוואַך, האָט מער נישט געפּרוּווט אים איינצוהאַלטן. זי אַליין האָט דורכגעמאַכט אַן אייגנאַרטיקן קריזיס, און זי איז געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיך, כדי זיך צו זאָרגן וועגן אים.

זינט דער טרויעריקער פּאַסירונג, וואָס האָט אונטערגעגראָבן איר גוטן נאָמען און אָליוויערס לעבן, האָט זשאַקלין געפירט אַ זייער בכבודיק און צוריקגעצויגן לעבן, זי האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט פון דער פּאַריזער געזעלשאַפט, וואָס האָט זי פריער פאַרמשפּט צביעותדיק אויף אַ מין איינזאַמקייט און שפּעטער איר ווידער געוואָלט אַנטקעגן קומען. אָבער זי האָט אָפּגעזאָגט. זי האָט נישט געפילט בנוגע די דאָזיקע מענטשן קיין שום חרפּה פאַר איר האַנדלונג. זי האָט געהאַלטן, אַז זי איז זיי נישט שולדיק קיין דין וחשבון, וויל זיי זענען געווען ווייניקער ווערט פון איר. דאָס, וואָס זי האָט געטון אָפן, האָט די העלפט פון אירע באַקאַנטע פּרויען געטון באַהאַלטענערהייט אונטערן דאַך פון הויז. זי האָט נאָר געליטן צוליב די יסורים, וואָס זי האָט גורם געווען דעם בעסטן פריינט, דעם איינציקן, וואָס זי האָט ליב געהאַט. זי האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, ווי אַזוי זי האָט געקענט אויף דער דאָזיקער וועלט, וואָס איז אַזוי אָרעם, פאַרלירן אַזאַ געפיל ווי זיינס.

די דאָזיקע חרטה און דער טרויער האָבן זיך מיט דער צייט איינגעשטילט. עס איז געבליבן אַן אומקלאָרער ווייטיק, אַ טרויעריקע פאַראַכטונג צו זיך אַליין און צו אַנדערע. און אויסער דעם —

די ליבע צו איר קינד, אָט דאָס געפיל, אין וועלכן זי האָט אַריינגעגאָסן איר גאַנצע בענקשאַפט און ליבע, האָט זי געמאַכט נאָכגעביק בנוגע צום ייִנגל. זי איז נישט געווען בכוח זיך אַנטקעגנצושטעלן זשאָרשס קאַפּריזן. כּדי צו פאַרענטפערן אירע שוואַכקייטן, האָט זי זיך איינגערעדט, אַז אויף אַזאַ אופן פאַרגיטיקט זי די עוולה, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן אָליוויערן. נאָך אַ צייט פון איבערגעטריבענער צערטלעכקייט פלעגט קומען אַ צייט פון מידער גלייכגילטיקייט. איינמאָל פלעגט זי פאַרפייניקן זשאָרזשן מיט איר זאָרגנדיקער, צו שטאַרקער ליבע, און אַן אַנדערש מאָל איז זי געוואָרן מיד און געלאָזט אים אַליין טון. זי האָט זיך קלאָר געמאַכט, אַז זי איז אַ שלעכטע דערציערין און געהאַט צו זיך טענות, אָבער געענדערט האָט זי גאָרנישט. ווען זי האָט (געגנוג זעלטן) געפּרוווט אַמאָל צו דערציִען דאָס ייִנגל לויט אָליוויערס כּללים, פלעגט דער רעזולטאַט זיין אַ קלאָגנדיקער: דער דאָזיקער גייסטיקער פּעסימיזם איז נישט געווען צוגעפּאַסט נישט צו איר און נישט צום קינד. אין פלוג האָט זי נישט געוואָלט פועלן קיין אַנדער הערשאַפט איבער איר זון, ווי די מאַכט איבער געפילן, און זי איז נישט געווען אומגערעכט, ווייל צווישן די צוויי מענטשן, כאָטש זיי זענען געווען ענלעך, זענען נישט געווען קיין אַנדערע באַנדן, ווי געפילן. זשאָרזש זשאַנען האָט געפילט דעם פּיזישן חן פון זיין מוטער. ער האָט ליב געהאַט איר שטים, אירע זשעסטן, אירע באַוועגונגען, איר שיינקייט, איר ליבע. אָבער גייסטיק איז זי אים געווען פרעמד. דאָס האָט זי באַמערקט ביי דעם ערשטן צופאַל פון זיין ייִנגלשער נשמה, ווען ער איז פון איר אַוועקגעפלויגן אין דער ווייט. זי האָט זיך געוווּנדערט, געבונטעוועט זיך און געהאַלטן, אַז זיין פרעמדקייט נעמט זיך פון אַנדערע ווייבלעכע איינפלוסן. אָבער ווען זי האָט זיי אומגעשיקט געוואָלט באַקעמפן, איז ער נאָך געוואָרן פרעמדער. אין דער אמתן האָבן זיי געלעבט איינער נעבן צווייטן, געהאַט יעדערער פאַרשידענע דאגות און געמאַכט זיך אילוזיעס בנוגע די סיבות, וואָס האָבן זיי צעשיידט. ווייל זיי האָבן נאָר געפילט די שותּפותדיקייט פון זייערע גאַנץ אויבערפלעכלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, פון וועלכע עס איז גאָרנישט געבליבן, ווען פון דעם קינד, וואָס איז געווען פול מיטן ריח פון פרויען, איז געוואָרן אַ מאַן.

זשאַקלין פלעגט מיט פאַרביטערונג זאָגן צו איר זון:

— איך ווייס נישט אין וועמען דו ביסט געראָטן! נישט אין

דיין פאָטער, נישט אין מיר.

אָט אַזוי האָט זי אים געלאָזט דייטלעך פילן דאָס, וואָס האָט זיי געשיידט, און ער האָט געפילט צוליב דעם אַ פאַרבאָרגענעם שטאָלץ, צו וועלכן ס׳האָט זיך צוגעמישט אַן אומרויקער פיבער.

די דורות, וואָס קומען איינער נאָכן צווייטן, פילן שטענדיק לעבעדיקער דאָס, וואָס צעשיידט זיי, ווי דאָס, וואָס פאַרייניקט זיי. זיי פילן די באַדערפעניש צו באַטאָנען די וויכטיקייט פון זייער עקזיסטענץ, מעג עס זיין פאַרן פרייז פון אַן עוולה אָדער פון אַ ליגן צו זיך אַליין. אָבער דאָס דאָזיקע געפיל שאַפט זיך מער אָדער ווייניקער לויט דער צייט. אין די קלאַסישע עפּאָכן, ווען עס האָט זיך אויף אַ קורצע צייט פאַרווירקלעכט די כוחות-גלייכגעוויכט פון אַ ציוויליזאַציע — אויף די דאָזיקע הויך-לענדער, וואָס זענען באַגרענעצט מיט משופּעדיקע זייטן — איז ד׳ר אונטערשיד צווישן איין דור און אַ צווייטן נישט אַזוי גרויס. אָבער אין די צייטן פון אויפגאַנג און אונטערגאַנג לאָזן די יונגע מענטשן, וואָס קלעטערן אַרויף אָדער גייען באַרג-אַראָפּ איבערן שווינדלדיקן שפּוע, ווייט הינטער זיך יענע דורות, וואָס גייען פאַר זיי. — זשאָרזש איז מיט די חברים פון זיין עלטער געקראָכן איבערן באַרג.

סיי גייסטיק און סיי לויטן כאַראַקטער האָט ער זיך מיט גאָרנישט נישט אויסגעצייכנט. מיט זיינע גלייכמעסיק-פאַרטיילטע פעיקייטן האָט ער אין קיין שום פּרט נישט איבערגעשטיגן די ערשטע בעסטע מיטלמעסיקייט. און דאָך איז ער אָן שום אָנשטרענגונג שוין ביים אָנהויב פון זיין וועג, געשטאַגן מיט עטלעכע טרעפּ העכער פון זיין פאָטער, וואָס האָט אין משך פון זיין צו קורצן לעבן פאַרשווענדעט אַ ריזיקע סומע פון אינטעליגענץ און כוחות.

קוים האָבן זיך די אויגן פון זיין שכל געעפנט צום ליכט, האָט ער דערזען אַרום זיך נעפּלען, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען פון בלענדנדיקע ליכט-שטראַלן, הויפנס פון וויסן און אומוויסן, קעגנזייטיק-פיינטלעכע אמתן און סתירותדיקע טעותים, צווישן וועלכע זיין פאָטער האָט פיבערדיק אַרומגעבלאָנדזעט דאָ און דאָרט. אָבער גלייכצייטיק האָט ער זיך קלאָר געמאַכט, אַז ער באַזיצט אַ געווער, וואָס האָט אים געמאַכט מעכטיק און וואָס זיינע פאָרגייער האָבן נישט געקענט. עפּעס אַ קראַפט.... פון וואַנעט האָט זי זיך גענומען?... דאָס איז געווען דער סוד פון אַ ניי אויפגעלעבטן דור, וואָס איז אויסגעשעפּט און אַנדרימלט

געוואָרן, און האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי אַ באַרג־שטראָם אין פרי־לינג!... וואָס האָט ער געזאָלט טון מיט דער דאָזיקער קראַפט? צו־לוינט אים זיך אַריינצורייסן אין דער געדיכטעניש פון דער מאָדער־נער געדאַנקען־וועלט און זי צו פאַרשן? דאָס האָט אים נישט גע־צויגן. ער האָט געפילט אויף זיך די לאַסט פון די סכנות, וואָס האָבן דאָרט געלויערט. זיי האָבן זיין פאָטער געשליידערט צו דער ערד. אָנשטאָט דורכצומאַכן דאָס זעלבע און שפּעטער זיך אומצוקער אין דעם טראַגישן וואַלד, וואָלט ער אים בעסער אונטערגעצוונגען. ער האָט אַריינגעקוקט אין די ביכער פון קלוגשאַפט און פון הייליקן וואַנזין, פון וועלכע אָליוויער איז פאַרשיכורט געוואָרן: און דעם ביהיליסטישן מיטלייד פון אַ טאָלסטוי, און דעם פינסטערן צעשטע־רונגס שטאָלץ פון אַן איבסען, ניטשעס וואַנזין, וואַגנערס העלדישן און זינלעכן פעסימיזם. ער האָט זיך אָפּגעווענדט דערפון מיט אַ גע־מיש פון צאָרן און עקל. ער האָט געהאַסט אָט די אַלע רעאַליסטישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן אַ האַלבן יאָרהונדערט דערשטיקט אין דער קונסט די פרייד און דאָך האָט ער נישט געקאָנט אינגאַנצן פאַרטרייבן די שאָטנס פון טרויער, אין וועלכע זיין קינדהייט איז איינגעוויגט געוואָרן. ער האָט נישט געוואָלט אַ קוק טון אונטער זיך. אָבער ער האָט געגנוי געוווסט, אַז הינטער אים ליגט דער שאָטן ער איז געווען צו געזונט צו זוכן אַן אויסוועג פאַר זיין אומרו אי דעם פוילטן צווייפלען פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע; ער האט גע פילט אָפּשיי צום דילעטאַנטיזם פון אַ רענאַן און אַנאַטאָל פראַנס. ד דאָזיקע פאַרדאָרבנקייט פון פרייען געדאַנק, דער געלעכטער אָן פרייד. די איראָניע אָן דערהויבנקייט: אַ געמיינער מיטל, גוט נאָר פאַר שקלאַפן, וואָס שפּילן זיך מיט זייערע קייטן, ווייל זיי זענען נישט בכוח זיי צו צערייסן.

ער איז געווען צו שטאַרק, זיך צופרידן צו שטעלן מיטן שכל, און צו שוואַך צו שאַפן זיך אַ זיכערקייט. און דאָך האָט ער די דאָ־זיקע זיכערקייט פאַרלאַנגט, פאַרלאַנגט מיט אַלע זיינע כוחות. ער האָט געבעטנקט צו איר, ער האָט זי געפאָדערט. און די אייביק־אַלטע פאָפּולאַריטעט־שפּעקוליאַנטן, די נישט עכטע שריפטשטעלער, די פאַלשע לויערנדיקע דענקער, האָבן אויסגענוצט דעם דאָזיקן וווּנדער־לעכן, רירנדיקן און ווייטיקלעכן פאַרלאַנג. פון זיין צירק־עסטראַדע האָט פון צייט צו צייט אַן אויסוווּרף אויסגערופן זייז משקה, גערימט

עס און געזידלט זיך מיט די אַנדערע גאַסן שטייער, אָבער אַלע זייערע סודות האָבן געהאַט דעם זעלבן ווערט. קיין איינער פון די דאָזיקע הענדלער האָט זיך נישט געגעבן די טרחה צו געפינען נייע רעצעפּטן. זיי האָבן אויסגעזוכט אין זייערע שאַנק־ווינקלען אַלטע פּוסטע פלעשער.

איינער האָט אָנגעגעבן פאַר אַן אוניווערסאַל מיטל די קאַטוילישע קירכע, דער אַנדערער די גערירשנטע מאָנאַרכיע. דער דריטער די קלאַסישע טראַדיציע, עס זענען געווען צווישן זיי לצים, וואָס האָבן אלס הייל־מיטל פּאר די ליידן געפּריידיקט דעם צוריקקער צום לאטייניש. אַנדערע האָבן מיט אומגעהויערן ערנסט, וואָס האָט אימפּאָנירט די שוטים, געפּריידיקט די הערשאפט פון פעסטלאַנד־גייסט (זיי וואָלטן אין אַן אַנדער מאָמענט פונקט אזוי געקאָנט פריידיקן דעם גייסט פון יענער זייט ים). אין קעגנזאַץ צו די באַרבאַרן פון צפון און מזרח, האָבן זיי מיט גרויס פּאַראַד געקרוינט די יורשים פון אַ נייער רוימישער קייזערלעכער מלוכה...

ווערטער, ווערטער, מער נישט, ווי פּוסטע ווערטער וואָס פליען אַוועק מיטן ווינט. — ווי אַלע זיינע קאָלעגן, איז דער יונגער זשאַנען געגאַנגען פון איין פּאַרקויפער צום צווייטן, זיך צוגעהערט צו זייער לצנות, געלאָזט זיך אַמאָל איבעררעדן, אַריינגעגאַנגען אין דער אָדער יענער בודע און איז ווידער אַרויסגעקומען אַנטוישט און אַ ביסל פאַרשעמט, ווייל ער האָט אויסגעגעבן דערויף זיין געלט און זיין צייט, כּדי אָנצוקוקן אַלטע קלאונס אין אָפּגעריבענע טריקאָטן. און דאָך איז די האָפענונגס קראַפט פון דער יוגנט אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק איז די זיכערקייט, אַז זי וועט די זיכערקייט דערגרייכן, — אַז ער האָט זיך געלאָזט כאַפּן פון יעדן נייעם האָפענונגס־פּאַרקויפער. ער איז געווען אַן עכטער פראַנצויז: ער האָט געהאַט אַ זוכנדיקן, אומרויקן גייסט און גלייכצייטיק אַן איינגעבוירענע ליבע צו אָרדענונג. ער האָט זיך גענויטיקט אין אַ פירער. און דאָך איז ער נישט געווען בכּח אים צו פאַרטראָגן. זיין אומברחמנותדיקע איראָניע האָט אַלעמען דורכגענומען דורך און דורך.

בעת ער האָט אַזוי געוואַרט אויף עמעצן, וואָס זאָל אים לעזן דאָס רעטעניש, האָט ער גלייכצייטיק דערצו קיין צייט נישט געהאַט. ער איז נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל גלייך ווי זיין פאָטער זיך צופרידנשטעלן מיטן זוכן דעם אמת זיין גאַנץ לעבן. זיין יונגע

אומגעדולדיקע קראַפט האָט זיך געוואָלט אויסלעבן. מיט באַווייזן
אָדער אָן זיי, האָט ער געוואָלט קומען צום פועל יוצא. ער האָט
געוואָלט האַנדלען, פאַרווענדן זיין ענערגיע. רייזעס, קונסט־תענוגים
און קודם כל מוזיק, מיט וועלכער ער האָט זיך שטאַרק פאַרנומען,
זענען געווען פאַר אים נאָר אַ צייטווייליקער און ליידנשאַפטלעכער
צייט־פאַרטרייב. אַלס אַ שיינער, צופרי־רייף־געוואָרענער בחור, וואָס
האָט געהאַט בייצושטיין אַלערליי נסיונות, האָט ער אַנטדעקט די וועלט
מיט אירע פאַרשידענע אילוזיעס און ליבע און האָט זיך מיט אַ תענוג־
זוכנדיקער און ראָמאַנטישער פרייד געוואָרפן אין שטראָם. אָבער
דעם קליינעם, נאָך קינדערשן ייִנגל, וואָס איז אין זיין פרעכקייט
געווען אומגעזעטיקט, זענען די פרויען שנעל נמאס געוואָרן. ער האָט
זיך גענויטיקט אין מעשים. מיט ליידנשאַפט האָט ער זיך איבערגע־
געבן דעם ספּאָרט און אויסגעפּרוווט יעדן מין. ער איז רעגלמעסיק
געקומען אויף אַלע פעכט־טורנירן און באָקסער־קאַמפן. ער איז גע־
וואָרן ווי אַ פראַנצויזישער טשאַמפּיאָן אין לויף און אין שפּרונג און
אַ פירער פון אַ פוטבאָל־גרופּע. מיט אַ פּאָר יונגע דרייקעפּ פון זיין
מין, רייכע בחורימלעך, האָט ער זיך געוועט אויף די גייעגן פון
די אויטאָמאָבילן, אומזיניקע איבערגעטריבענע און אמת־געפערלעכע
גייעגן. לסוף האָט ער אַלצדינג אַוועקגעוואָרפן צוליב אַ נייער מאַניע:
ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער אַלגעמיינער באַגייסטערונג צו לופט־
פליערייַ. בעת די פלי־פייערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין ריימס,
האָט ער געווינט און געוויעט פון פרייד צוזאַמען מיט דרייהונדערט־
טויזנט מענטשן. ער האָט זיך געפילט איינס מיט דעם דאָזיקן גאַנצן
פאָלק, וואָס האָט געיובלט פון גלויבן און באַגייסטערונג. די מענטש־
לעכע פייגל, וואָס זענען געפלויגן איבער זיי, האָבן זיי מיטגעריסן
מיט זייער שווונג. צום ערשטן מאָל זינט דעם אויפגאַנג פון דער
גרויסער רעוואָלוציע, האָבן די דאָזיקע צוזאַמענגעדריקטע מאַסן אויפ־
געהויבן די אויגן צום הימל און געזען, אַז ער עפנט זיך, — צו דער
איבערראַשונג פון זיין דערשראָקענער מוטער, האָט דער יונגער זשאַ־
נען ערקלערט, אַז ער האָט זיך פאַראייניקט צו דער מחנה לופט־
זיגער. זשאַקלין האָט אים באַשווירן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער
דאָזיקער געפערלעכער תאווה צו כבוד. זי האָט עס אים באַפוילן.
אָבער אויסגעפירט האָט ער. קריסטאָף, אין וועלכן זשאַקלין האָט גע־
האָפט צו געפינען אַ פאַרבינדעטן, האָט זיך צופרידנגעשטעלט דער־

מיט, וואָס ער האָט געגעבן דעם יונגן בחור עטלעכע פּאָרזיכטיקייטס־באַמערקונגען און איז בשעת מעשה געווען איבערצייגט, אַז זשאָרזש וועט זיי סיי־ווי־סיי נישט אָפּהיטן (ווייל ער אַליין אויף זיין אָרט, וואָלט זיי אויך נישט אָפּגעהיט). ער האָט זיך נישט געפילט באַרעכ־טיקט — אַפילו ווען ער וואָלט עס געקאָנט — צו צוימען דאָס געזונטע און נאָרמאַלע שפּיל פון יונגע כּוחות, וואָס וואָלטן זיכער חרוב גע־וואָרן, ווען מען צווינגט זיי צו ליידיקגייעריי.

זשאַקלין האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן דערמיט, וואָס איר זון גליטשט זיך איר אַרויס פון די הענט. אומזיסט האָט זי געגלויבט, אַז זי רייסט איבער אויפריכטיק מיט איר ליבע צום קינד. זי האָט נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון די ליבע־חלומות. אַלע אירע סימפּאַ־טיעס, אַלע אירע געפילן זענען געווען דערמיט דורכגעזאַפּט. וויפיל מאַמעס טראָגן איבער אויף זייער זון דעם פאַרבאָרגענעם פלאַם, וואָס איז נישט געלאָשן געוואָרן אין דעם חתונה־לעבן אָדער אויסער אים. און ווען זיי זעען, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט דער זון שטויסט זיי אָפּ, ווען זיי באַגרייפן פּלוצלינג, אַז זיי האָבן פאַר אים קיין שום באַדייטונג נישט, לעבן זיי דורך אַ קריזיס פון דעם זעלבן מין, ווי דער פאַרראַט פון דעם געליבטן און די אַנטוישונג אין דער לי־בע. — פאַר זשאַקלין איז עס געווען אַ נייע קאַטאַסטראָפע, זשאָרזש האָט עס אפילו נישט באַמערקט, יונגע מענטשן האָבן אָפּטמאָל קיין אַנונג נישט וועגן די טראַגעדיעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אַרום זיי: זיי האָבן נישט קיין צייט צו בלייבן שטיין און זיך אַרומצוקוקן. זיי ווילן נישט זען: אַן אינסטינקט פון עגאָיזם טרייבט זיי צו גיין פאָראויס און נישט אויסצודרייען דעם קאָפּ.

זשאַקלין האָט געמוזט אַליין איבערטראָגן דעם דאָזיקן נייען ווייטיק. זי איז דערמיט פאַרטיק געוואָרן דעמאָלט, ווען דער ווייטיק איז אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער ליבע. זי האָט נאָך אַלץ ליב געהאַט איר זון, אָבער מיט אַ בלאַסן, העלזעערישן געפיל, וואָס האָט פאַרשטאַנען זיין אייגענע נוצלאָזיקייט און זיך באַפרייט פון זיך אַליין און פון אים. אָט אַזוי האָט זי פאַרבראַכט אַ טרויעריק עלנט יאָר, בעת ער האָט עס אפילו נישט באַמערקט. און דערנאָך האָט דאָס אומגליקלעכע האַרץ, וואָס האָט נישט געקאָנט לעבן און שטאַרבן אָן ליבע, געפונען אַן אָביעקט פון ליבע. זי איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ שטאַרקער ליידנשאַפט, וואָס באַהערשט אָפט די נשמה פון אַ פרוי,

בעת זי קומט צו רייפקייט און קיינער פליקט נישט די שיינע פרוכט פון איר לעבן. דאָס טרעפט גראָד די איידלסטע און נישט-צוגענגלעכע נשמות. זשאַקלין האָט זיך באַקענט מיט אַ פרוי, וואָס האָט באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש אַרויפגעוואָרפן אויף איר אַ געהיימניספולן צויבער.

זי איז געווען אַ נאָנע אומגעפער אין איר עלטער. זי האָט זיך פאַרנומען מיט וווילטעטיקער אַרבעט. זי איז געווען אַ הויכע און אַ שטאַרקע, אַ ביסל אַ פולע פרוי; ברוין, מיט שיינע אויסדרוקפולע שטריכן, לעבעדיקע אויגן, אַ ברייט, שיין מויל, וואָס האָט שטענדיק געשמייכלט און אַ שטאַרקן קין. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ מערקווירדיקער קלוגשאַפט אָן אַן איבערפלוס פון געפילן: אַ פויערטע מיט אַן אַנטוויקלטן חוש פאַר געשעפט, וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ דרום-פאַנטאַזיע, וועלכע האָט ליב געהאַט אַלץ צו פאַרגרעסערן אָבער גלייכצייטיק, ווען ס'איז געווען נויטיק, פאַרשטאַנען צו מעסטן מיט אַ ריכטיקער מאָס: אַ קרעפטיקער געמיש פון דערהויבענעם מיסטיציזם און אַלטער אַדוואָקאַטן-געשיקטקייט. זי איז געווינט געווען צו הערשן און האָט אויסגעפירט איר ראָל אויף אַ נאַטירלעכן אופן. זשאַקלין איז באַלד באַגייסטערט געוואָרן פון איר וווילטעטיקער אַרבעט, לפחות אַזוי האָט זי געגלויבט. די שוועסטער אַנדזשעלאַ האָט געוווּסט, וווהין עס איז געווענדעט איר ליידנשאַפט: זי איז שוין געווינט געווען דערצו. נישט אַרויסווייזנדיק עס, האָט זי געוווּסט אויסצונוצן די דאָזיקע ליידנשאַפטן, צו אירע צוועקן און צו גאָטס רום. זשאַקלין האָט איר אַוועקגעגעבן איר געלט, איר ווילן און איר האַרץ. פון ליבע איז זי געוואָרן וווילטעטיק און געגומען גלויבן.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מען האָט באַמערקט די נעץ, אין וועלכער זי האָט זיך געלאָזט פאַנגען. זי אַליין איז געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך נישט אָפגעגעבן קיין חשבון דערפון. זשאָרזש, וואָס איז געווען צו גרויסמוטיק און אומבאַרעכנט, צו זאָרגן וועגן געלט-פראַגן, האָט אויך באַמערקט, ווי זיין מוטער איז געפאַנגען. דאָס האָט אים שטאַרק וויי געטון. ער האָט צו שפעט זיך באַמיט צו פאַרבינדן די פריערדיקע האַרציקע באַציונגען. ער האָט געזען ווי אַ פוירהאַנג האָט זיך אַראָפגעלאָזט צווישן זיי. די סיבה דערפון האָט ער געזען אין דעם געהיימען איינפלוס, און ער האָט דערפילט צו דער אינטריגאַנטין, ווי ער האָט זי גערופן, ווי אויך צו זיין מאַמען, אַ צאָרן

וואָס ער האָט נישט באַהאַלטן. ער האָט זיך געוועהרט קעגן דעם, וואָס
אַ פרעמדע האָט אָוועקגערויבט אין האַרצן דעם פּלאַץ, וואָס ער האָט
געהאַלטן פאַר זיין נאַטירלעך רעכט. ער האָט זיך נישט קלאָר גע
מאַכט, אַז דאָס אָרט איז געווען באַזעצט נאָר דערפאַר וואָס ער האָט
עס אויפגעגעבן. אָנשטאָט צו פרוון מיט געדולד ווידער צו געווינען
איר האַרץ, איז ער געוואָרן אומגעשיקט און צווישן דער מוטער און
דעם זון, וואָס זענען ביידע געווען אומגעדולדיק און ליידנשאַפטלעך,
איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער וואָרט-אויסטויש. די שפּאַלטונג האָט זיך
פאַרשאַרפט. שוועסטער אַנזשעלאַ האָט גרינטלעך באַפעסטיקט די השפעה
אויף זשאַקלין, און זשאָרזש, וואָס האָט פאַרמאָגט פרייהייט, איז ווײַ-
טער געגאַנגען מיט זיין זייטיקן וועג. ער האָט זיך געוואָרפן אויף אַ
פאַרשווענדעריש לעבן, גענומען שפּילן און פאַרלוירן ריזיקע סומען.
אין זיינע אַלע נאַרישקייטן האָט געשטעקט אַ געוויסער שטאָלץ, ראשית,
ווייל ס'האָט אים געווײַלט, און צווייטנס, ווייל ער האָט געוואָלט טון
אויף צו להכעיס דער נאַרישקייט פון זיין מוטער. — ער האָט געקענט
די משפחה סטעווען דעלעסטראַד. קאָלעטן איז געפעלן געוואָרן דער
שיינער בחור, און זי האָט געפרווט אים צוציען מיט איר חן, וואָס
איז נאָך געווען ווירקזאַם. זי האָט געוווסט וועגן זשאָרזשס צעלאָזנ-
קייט. דאָס האָט זי געווײַלט. אָבער דער אונטערגרונט פון געזונטן
פאַרשטאַנד און אמתער גוטסקייט, וואָס זענען געווען פאַרבאָרגן אונ-
טער איר לייכטזין, האָט איר געוויזן די געפאַר צו וועלכער עס לויפט
דאָס צעלאָזענע יינגל. און אַזוי ווי זי האָט געוווסט, אַז זי וועט נישט
זיין בכוח אים דערפון אָפּצוהיטן, האָט זי גערופן קריסטאָפן, וואָס איז
גלייך געקומען צו גיין.

קריסטאָף איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַן
איינפלוס אויפן יונגן זשאַנען, אַן איינפלוס, וואָס אַן אמת, אַ באַ-
גרענעצטן און אַן אומזיכערן, וואָס האָט זיך כמעט נישט געלאָזט
דערקלערן. קריסטאָף האָט געהערט צום פאַרגאַנגענעם דור, וועלכן
זשאָרזש מיט זיינע חברים האָבן עקשנותדיק באַקעמפט. ער איז געווען
איינער פון די בולטע פאַרטרעטער פון דער צעווייטיקטער עפּאָכע,

וואָס סיי איר קונסט און סיי איר געדאַנקען־וועלט האָט דערוועקט אין זיי אומצוטרוי און שנאה. ער איז געבליבן נישט צוגענגלעך פאַר די נייע עוואַנגעליעס און פון אַמולעטן פון די קליינע נביאים און אַלטע מעדיצין־מענער, וואָס האָבן אָנגעבאָטן די גוטע יונגע־לייט דעם פאַרטיקן רעצעפּט, אויסצולייזן די וועלט, רוים און פראַנקרייך. ער איז געבליבן טריי דעם פרייען גלויבן, פריי פון אַלע רעליגיעס, פריי פון אַלע פּאַרטייען, פריי פון יעדן פּאָטערלאַנד. ער איז גע־בליבן טריי אַ גלויבן, וואָס איז מער נישט געווען אין דער מאָדע — אָדער ער האָט נאָך נישט באַוויזן ווידער אין דער מאָדע אַריינצו־גיין. און אויסער דעם זענען אים זייער ווייניק אָנגעגאַנגען נאַציאָ־נאַלע פראַגן. ער איז געווען אין פּאַריז אַ פרעמדער אין אַזאַ צייט, ווען יעדעס פאָלק האָט געהאַלטן די פרעמדע פון אַנדערע לענדער פאַר באַרבאַרן. און אָט דער קליינער, פריילעכער, גרינג־לעבנדיקער זשאַנען, וועלכער האָט אינסטינקטיוו פיינט געהאַט אַלץ, וואָס האָט אים געקאָנט פאַראומערן אָדער ערנסט מאַכן, וועלכער האָט זיך מיט הנאה און ליידנשאַפט איבערגעגעבן אַלערליי פאַרגעניגנס, וועלכער האָט זיך געלאָזט באַהערשן פון דער רעטאָריק פון יענער צייט און איז געווען פאַרליבט אין דער קראַפט פון מוסקולן און אין דער גייסטיקער פוילקייט פון דער ברוטאַלער תורה פון דער נאַציאָנאַ־ליסטישער ראָיאַליסטישער און אימפּעריאַליסטישער „אַקציאָן פראַנ־סעז" — ער האָט אַליין נישט געוווסט אין וועלכער, — דער דאָזי־קער קליינער זשאַנען האָט אין פלוג געשעצט איינאיינציקן מענטשן: קריסטאָפן. זיין פריצייטיקע דערפאַרונג און אויסערגעוויינלעך־סובּ־טיל געפיל פאַר טאַקט, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין מוטער, האָבן אים געלאָזט (ער האָט זיך דערביי נישט קאַליע געמאַכט זיין גוטע שטימונג) דערקענען, וואָס פאַר אַ קליינעם ווערט עס פאַרמאָגט די וועלט, אָן וועלכער ער קאָן זיך נישט באַגיין, ווי הויך קריסטאָף שטייט איבער איר. אומזיסט האָט ער זיך באַרוישט מיט אַ סאַך באַ־וועגונג און האַנדלונג: ער האָט נישט געקאָנט פאַרלירן די פּאָטערי־לעכע ירושה. פון אָליווערן האָט ער געירשנט אַן אומבאַשטימטן אומרו, וואָס פלעגט אים באַזוכן פלוצלינג אין קורצע אָנפאַלן: די באַדערפעניש אַוועקצושטעלן זיינע מעשים אַ פעסטן ציל. און אפשר האָט ער אויך געירשנט פון אָליווערן די געהיימניספולע טרייב־קראַפט צו יענעם מענטשן וועלכן קריסטאָף האָט ליב געהאַט.

ער פלעגט קומען צו קריסטאָפן. אַלס באַרעדעוודיקער בטבע, וואָס האָט ליב געהאַט אַ ביסל צו פּלוידערן, פלעגט ער זיך פאַרטרויען פאַר אים. ס'האָט אים נישט געאַרט, צי קריסטאָף האָט געהאַט צייט אים אויסצוהערן אָדער נישט. אָבער קריסטאָף פלעגט אים אויסהערן און לפנים נישט אַרויסווייזן קיין סימן פון אומגעדולד. עס פלעגט נאָר פאָרקומען, אַז ער איז געווען צערודערט, ווען דער באַזוך האָט אים איבערגעריסן אינמיטן דער אַרבעט. דאָס פלעגט דויערן עטלעכע מינוט, בעת זיין גייסט איז אָפּגעשפּרונגען, כדי צו באַרייכערן דאָס ווערק מיט נאָך אַ שטריך. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען צו זשאָרזשן, וואָס האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז ער איז נישט געווען. אָט אַזאַ נעלם־ווערן האָט אים אַפילו געווײלט, ווי איינעם, וואָס קומט אַריין אויף די שפּיץ פינגער און קיינער הערט נישט. נאָר אַ פּאָר מאָל האָט זיך זשאָרזש געכאַפּט און געזאָגט אַן אויפגעבראַכטער:

— אָבער דו הערסט דאָך נישט, וואָס איך רעד!

קריסטאָף האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט גענומען מיט הכנעה זיך צוהערן צו זיין אומגעדולדיקן דערציילער און האָט פאַרשטאַרקט זיין אויפמערקזאַמקייט, כדי צו פאַריכטן זיין פעלער. דאָס, וואָס זשאָרזש האָט דערציילט, האָט פאַרמאָגט אַ סאַך קאָמיזם און קריסטאָף האָט זיך ביי געוויסע שטעלן פון זיין באַריכט נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער: ווייל זשאָרזש האָט דערציילט אַלץ מיט אַ רירנדיקער אָפנהאַרציקייט.

נישט שטענדיק האָט קריסטאָף געלאַכט. טיילמאָל איז אים זשאָרזשס דערציילונג געווען פּיינלעך. קריסטאָף איז נישט געווען קיין הייליקער, ער האָט נישט געהאַט קיין שום תּבֿועות צו פּריידיקן עמעצן מאָראַל. זשאָרזשס ליבע־פּאַסירונגען און די אומדערהערטע פאַרשווענדונג פון זיין פאַרמעגן אויף פאַרשידענע נאַרישקייטן האָבן אים נישט אַזוי שטאַרק פאַרדראָסן. דאָס, וואָס ער האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט מוחל זיין, איז געווען זשאָרזשס גייסטיקער לייכטזין בנוגע זיינע פעלערן: ער האָט באמת נישט געפילט זייער לאַסט, ער האָט זיי געהאַלטן פאַר נאַטירלעך. ער האָט געהאַט וועגן מאָראַל אַן אַנדער באַגריף, ווי קריסטאָף. ער האָט געהערט צו דעם מין יונגעלייט, וואָס זעען אין די געשלעכטלעכע באַציונגען נאָר אַ פרייעשפּיל אָן אַ שום עטישן כאַראַקטער, אַ געוויסע זאָרגלאָזע גוטסקייט

איז לויט זייער מיינונג געווען אַ גענוגנדיקע מידה פאַר יעדן אָנשטענדיקן מענטשן. ער האָט זיך נישט געשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען ווי קריסטאָף, וועלכער איז לסוף געוואָרן בייז. הגם ער האָט זיך באַמיט נישט אַרויפצוצווינגען אויף קיינעם זיינע געפילן, איז ער דאָך געוואָרן אומגעדולדיק; זיין אַמאָליקע האַסטיקייט איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן געצוימט. זי פלעגט נאָך טיילמאָל אויסברעכן. אַנדערע האַנדלונגען זשאָרזשס האָט קריסטאָף געהאַלטן פאַר פשוטן שמוץ און האָט עס אים געזאָגט גלייך אין די אויגן אַריין. זשאָרזש איז אויך נישט געווען קיין געדולדיקער. עס פלעגט קומען צו שאַרפע סצענעס. דער נאָך האָבן זיי זיך לאַנגע וואָכן נישט געזען. קריסטאָפן איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט זיין האַסטיקייט וועט ער לחלוטין נישט ענדערן זשאָרזשס מעשים און אַז עס איז אומגערעכט, צו מעסטן די מאָראַל פון איין דור מיטן מאָסשטאַב פון די עטישע אידעען פון אַן אַנדער דור. אָבער דאָס איז געווען שטאַרקער פון אים, און ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט האָט ער ווידער אַזוי געהאַנדלט. צי קאָן מען צווייפלען אין דעם גלויבן, פאַר וועלכן מען האָט געלעבט? פונקט אַזוי גוט וואָלט מען געקאָנט רעזיגנירן פון דעם לעבן גופא. צו וואָס זאָל מען זיך צווינגען צו אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע מען דענקט נישט? כדי ענלעך צו ווערן צום שכן, אָדער כדי אים צו שוינען? דאָס וואָלט געהייסן חרוב מאַכן זיך אַליין, בעת קיינער האָט דערפון קיין נוצן נישט. דער ערשטער חוב איז צו זיין דאָס, וואָס מען איז, צו האָבן דעם מוט צו זאָגן: דאָס איז גוט, דאָס איז שלעכט. מען טוט דעם שוואַכן אַ גרעסערע טובה, ווען מען איז שטאַרק, איידער דעמאָלט, ווען מען איז שוואַך. זייט פונמיינטוועגן נאָכגעביק, בנוגע אַמאָל באַגאַנגענע שוואַכקייטן, אָבער זוכט קיינמאָל נישט אָפ קיין אַלטע שוואַכקייט, כדי זי צו באַגיין נאָכאַמאָל.

אָבער זשאָרזש האָט זיך געהיט נישט צו פרעגן קריסטאָפן ווי ער זאָל האַנדלען. (צי האָט ער עס אַליין נישט געוווסט?) ער האָט גערעדט מיט אים וועגן אַ זאַך ערשט דעמאָלט, ווען זי איז שוין געווען אָפגעטון. — און דעמאָלט?... וואָס איז געבליבן קריסטאָפן צו טון מער, ווי אָנצוקוקן דעם אויסוווּרף מיט אַ שטומער טענה און שמייכלענדיק צו הויבן מיט די אַקסלען, ווי אַן אַלטער פעטער, וואָס ווייס, אַז קיינער הערט אים נישט? אין איינעם אַזאַ טאָג איז אַנטשטאַנען צווישן זיי אַ קורץ שווייגן. זשאָרזש האָט באַטראַכט קריסטאָפס אויגן-

וואָס האָבן אויסגעזען צו קוקן פון ערגעץ ווייט. און ער האָט זיך דערפילט לגבי אים, ווי אַ קליין יינגעלע. ער האָט זיך דערזען אַזוי, ווי ער איז געווען, אין דעם שפּיגל פון דעם דאָזיקן דורכדרינגעדיקן בליק, ווו ס'האָט אויפגעלויכטן אַ בליץ פון שפּאָט. ס'האָט אים קיין הנאה נישט פאַרשאַפט. קריסטאָף האָט זעלטן אויסגענוצט קעגן זשאָרזשן די באַריכטן, וואָס ער האָט אַליין אָפּגעגעבן. מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט זיי אַפילו נישט געהערט. נאָך אַזאַ שטומען שמועס פון זייערע אויגן פלעגט קריסטאָף פרייליך אַ שאָקל טון מיטן קאָפּ און דערנאָך גענומען דערציילן אַ געשיכטע, וואָס האָט לפנים נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט דעם, וואָס איז איצט פאָרגעקומען: אַ געשיכטע פון זיין אייגענעם לעבן אָדער פון אַן אַנדערן, אַפילו אויסגעטראַכטן לעבן און זשאָרזש האָט אַלץ מער געזען זיך אַליין אין אַן אַנדער ליכט; ער האָט געזען, ווי עס טויכט אַרויס זיין אייגענע פיגור (ער האָט זי גוט געקענט) אין אַ לעכערלעכער סיטואַציע. דעמאָלט האָט ער זיך געמוזט צעלאַכן איבער זיך און איבער דער קלאָגנדיקער פיגור, וואָס ער האָט געשפּילט. קריסטאָף האָט נישט צוגעגעבן דערצו קיין שום דערקלערונגען. נאָך מער ווי די דאָזיקע געשיכטע, האָט געווירקט די קראַפטפולע גוטמוטיקייט פון דעם דערציילער. ער האָט גערעדט פון זיך ווי פון אַנדערע, מיט דער זעלבער אָביעקטיווקייט, מיט דער זעלבער פרייליכער, פרישער שטימונג. די דאָזיקע רויקייט האָט זשאָרזשן אימפּאָנירט. טאַקע די רו האָט ער געזוכט ביי קריסטאָפן. ווען ער האָט זיך מתוודה געווען אין זיינע חטאים, האָט ער זיך געפילט ווי אַ מענטש, וואָס ליגט אויסגעשטרעקט אין שאָטן פון אַ גרויסן בוים אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג. די היציקע בלענדעניש פון דעם ברענענדיקן טאָג לאָזט נאָך. ער האָט געפילט איבער זיך דעם פרידן פון די באַשיצנדיקע צווייגן. — נעבן דעם דאָזיקן מאַן, וואָס האָט רויק געטראָגן אין זיך די לאַסט פון אַ שווערן לעבן, איז ער געווען פאַרזיכערט פון זיין אייגענער אויפרעגונג. ווען ער האָט אים געהערט רעדן האָט ער גערוט, טיילמאָל האָט ער אפילו נישט געהערט זיינע רייד: ער האָט געלאָזט זיין גייסט אַרומשוועבן: אָבער וווהין ער זאָל נישט פאַרבלאָנדזען, איז אים שטענדיק נאָכגעגאַנגען קריסטאָפס געלעכטער.

ביי דעם אַלעמען זענען אים די געדאַנקען פון זיין אַלטן פריינט געבליבן פרעמד. ער האָט געפרעגט ביי זיך, ווי אַזוי קאָן קריסטאָף

פאַרטראָגן די דאָזיקע גייסטיקע איינזאַמקייט, ווי אַזוי קאָן ער בלייבן ווייט פון יעדער קינסטלערישער, פּאָליטישער אָדער רעליגיעזער פּאַר־טיי און בכלל פון יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ער האָט אים געפרעגט, צי פילט ער נישט אַמאָל די באַדערפעניש זיך אָנצושליסן אָן אַ פּאַרטיי.

— זיך אָנצושליסן? — האָט קריסטאָף מיט אַ געלעכטער געזאָגט.

— און אַזוי פילט זיך עמעצער שלעכט אויף דרויסן? און דו רעדסט וועגן איינשפּאַרן זיך, דו דער פרייער לופט-מענטש?

— אָ, פאַרן קערפּער און פאַר דער נשמה גילט נישט דער זעלבער געזעץ. — האָט זשאָרזש געענטפערט. — דער גייסט נויטיקט זיך אין זיכערקייט. ער מוז דענקען צוזאַמען מיט אַנדערע און האַלטן זיך ביי די געזעצן, וואָס זענען אָנערקענט פון אַלע מענטשן פון זיין צייט. איך בין מקנא די מענטשן פון אַמאָל, פון דער קלאַסישער צייט, מיינע פריינט זענען גערעכט, וואָס זיי ווילן ווידער אויפריכטן די שיינע אָרדנונג פונם עבר.

— דו פּחדן! — האָט קריסטאָף געזאָגט. — ביסטו שוין געוואָרן אַזאַ מוראדיקער?

— איך בין נישט קיין פּחדן, — האָט זשאָרזש געענטפערט — קיינער פון אונז איז עס נישט

— מסתּמא זענען פאַראַן אַזעלכע, — האָט קריסטאָף געזאָגט — אויב איר האָט מורא פאַר זיך אַליין. ווי? איר דאַרפט האָבן אַן אָר־דנונג און קאָנט זי אַליין נישט שאַפן? איר מוזט זיך האַלטן אין די קליידער פון אייערע עלטערבאָבעס? גייט אַליין, צו אַלדי רוחות!

— מען מוז זיך איינוואָרצלען, — האָט זשאָרזש געזאָגט מיט שטאָלץ, ווי אַלע מאָל, ווען ער פלעגט איבערחזרן אַ שלאָג-וואָרט פון דער צייט.

— זאָגט מיר, ווען די בוימער ווילן זיך איינוואָרצלען, נויטיקן זיי זיך אין בלומענטעפּ? די ערד איז דאָ פאַר אַלעמען. לאָז אין איר דיינע וואָרצלען, געפינען אין איר דיינע געזעצן, זוך זיי אין זיך.

— איך האָב נישט קיין צייט, — האָט זשאָרזש געזאָגט.

— דו האָסט מורא, — האָט איבערגעחזרט קריסטאָף.

זשאָרזש האָט פאַרביסן געלייקנט. אָבער לסוף האָט ער זיך דאָך מודה געווען, אַז ער האָט נישט קיין שום חשק אַריינצוקוקן אין די טיפענישן פון זיך אַליין. ער פאַרשטייט נישט, ווי עמעצער קאָן האָבן

הנאה דערפון: ווען מען בויגט זיך אַריבער איבער דעם דאָזיקן שוואַרצן תּהום, איז מען אין געפֿאַר אַריינצופֿאַלן.

— איך וועל דיך האַלטן פֿאַר דער האַנט. — האָט קריסטאָף געזאָגט.

עס האָט אים געוויילט, וואָס ער עפֿנט די טיר איבער זיין רעאַליסטישער און טראַגישער לעבנס אָנשויונג. זשאָרזש האָט זיך צוריקגעצויגן. קריסטאָף האָט לאַנגזאַם פֿאַרמאַכט די קלאַפּע פֿון דער פּאַסטקע.

— ווי קאָנט איר אַזוי לעבן? — האָט זשאָרזש געפֿרעגט.

— איך לעב און בין גליקלעך. — האָט קריסטאָף געזאָגט.

— איך וואָלט געשטאָרבן, ווען מען צווינגט מיך אויף דעם כּסדר צו קוקן.

קריסטאָף האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבערן אַקסל:

— אָט האָסטו דיר אונזערע גרויסע אַטלעטן!... נו, טאָ קוק נישט אַהין, אויב דו פֿילסט זיך נישט גענוג זיכער. סוף-כּל-סוף צווינגט דיך קיינער נישט דערצו. גיי פֿאָרויס מיין ייִנגל, אָבער צי דאַרפֿסטו האָבן דערצו אַ האַר, וואָס זאָל דיר שטעלן אַ שטעמפּל אויפֿן אַקסל, ווי אַן אָקס? אויף וועלכן רוף וואַרטסטו? דער סיגנאַל איז שוין לאַנג געגעבן געוואָרן. ער האָט גערופֿן צום אַטאַק. די קאַוואַלעריע איז אַוועק. דו זאָרג נאָר פֿאַר דיין פֿערד. גאַלאָפּ!

— אָבער וווּהין? וווּהין לויפֿן מיר! — האָט זשאָרזש געפֿרעגט.

— דאָרט ווו עס לויפֿט דיין שוואַדראָן. איינצונעמען די וועלט. באַהערשט די לופֿט, באַצווינגט די נאַטור-עלעמענטן, דרינגט אַריין אין די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿון דער נאַטור. פֿאַרוואַרפֿט אַ בריק אי-בערן רוים, פֿאַרטרייבט דעם טויט איבער דער וועלט...

„Expertus vacuum Daedalus aera..."

דו אַלטער לאַטיינער זאָג, קענסטו עס? ביסטו אימשטאַנד מיך צו דערקלערן וואָס עס הייסט?

„Perrupit Acheronta..."

דאָס איז אייער גורל. גליקלעכע קאָנקוויסטאַדאָרס! ער האָט אַזוי קלאָר דערוויזן די פֿליכט פֿון העלדישע מעשׂים, וואָס איז גע-לעגן אויפֿן נייעם דור, אַז זשאָרזש האָט אַ דערשטוינטער געזאָגט:

— אָבער אויב איר פילט עס, פאַרוואָס גייט איר נישט אַרבער אויף אונזער זייט?

— ווייל איך האָב אַן אַנדער אויפגאַבע. גיי, מיין יינגל, פאַרענדיק דיין ווערק, יאָג מיך איבער, אויב דו קאָנסט. איך בלייב דאָ, און איך וואַך... האָסטו געלייענט די מעשׂיות פון טויזנט און איין נאַכט, ווו אַ דעמאָן, אַזוי גרוי ווי אַ באַרג, איז פאַרשלאָסן אין אַ פלאַש אונטער שלמהס זיגל?.. דער דעמאָן ליגט דאָ, טיף אין אונזערע נשמות, אין דער נשמה, איבער וועלכער דו האָסט מורא זיך איבערצובויגן. איך און די מענטשן פון איין צייט, מיר האָבן פאַרבראַכט אונזער לעבן אין קאַמף מיט דער דאָזיקער נשמה. מיר האָבן זי נישט גובר געווען און זי אונז אויך נישט. איצט אָטעמען מיר ביידע אָפּ און קוקן זיך אָן אָן כעס און אָן שרעק, צופרידן פון די שלאַכטן, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט און וואַרטן אויפן אָנקומענדיקן וואָפנשטילשטאַנד. נוצט אויך איר אויס דעם וואָפנשטילשטאַנד, כּדי צו שטאַרקן אייערע כּוחות און אויפצונעמען אין זיך די שיינקייט פון דער וועלט. זייט גליקלעך און געניסט פון דער שטילקייט. אָבער געדענקט אָן דעם, אַז אַ געוויסן טאָג וועט איר אָדער די, וואָס וועלן זיין אייערע זין, מוזן צוריקקומען, כּדי ווידער אָנצוהייבן אייערע נצחונות, אויפן זעלבן פּונקט, ווי איך שטיי, און אַז איר וועט מיט נייע כּוחות ווידער אויפנעמען דעם קאַמף קעגן דעם, וואָס איז דאָ פאַראַן, און וואָס איך וואַך ביי זיין זייט. און דער קאַמף איבערגעריסן פון וואָפנשטילשטאַנדן, וועט דויערן אַזוי לאַנג, ביז איינער פוןביידן (און אפשר ביידע צוזאַמען) וועט אונטערגיין. עס איז אָפּהענגיק אָן אייך צו זיין שטאַרקער און גליקלעכער פון אונז!... — דערווייל פאַרנעם זיך מיט ספּאָרט אויב דו ווילסט. מאַך שטאַרק דיינע מוסקולן און דיין האַרץ און זיי נישט אַזוי משוגע, פאַרשווענד נישט דיין אומגעדולדיקע קראַפט אויף נאַרישקייטן: דו געהערסט (זיי שטיל!) צו אַ צייט, וואָס וועט עס באַדאַרפן.

זשאָרזש האָט זיך נישט גענומען צום האַרצן אַלץ, וואָס קריסטאָף האָט אים געזאָגט. זיין גייסט איז געווען גענוג אָפן, כּדי

אויפצונעמען קריסטאָפּס געדאַנקען. אָבער זיי זענען גלייך צוריק אַוועקגעפלויגן. ער איז נאָך נישט אַראָפּ פון די טרעפּ, ווי ער האָט אַלץ פאַרגעסן. ער איז נאָך אַלץ געווען אונטער דעם איינדרוק פון דער רויקייט, וואָס האָט נאָך געדויערט, אָבער די סיבה דערפון איז אין זיין זכרון שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט געפילט צו קריסטאָפן אַ שטאַרקן דרך־ארץ. ער האָט נישט געגלויבט אין די אַלע זאַכן, אין וועלכע קריסטאָף האָט געגלויבט (אין פלוג האָט ער געלאַכט פון אַלץ און נישט געגלויבט אין גאָרנישט), ער איז אָבער גרייט געווען צו צעקלאַפּן דעם קאָפּ יענעם, וואָס וואָלט זיך דערוועגט צו רעדן אַ שלעכט וואָרט אויף זייז אַלטן פריינט.

צום גליק האָט מען אים גאָרנישט געזאָגט וועגן קריסטאָפן: ווען נישט דאָס, וואָלט ער געהאַט זייער פיל צו טון.

קריסטאָף האָט זייער גוט פאַרויסגעזען אין וועלכער ריכטונג דער ווינט וועט אַ בלאָז טון. דער נייער אידעאַל פון דער יונגער פראַנצויזישער מוזיק איז געווען גאַנץ אַנדערש פון זיינעם. נאָר הגם דאָס איז געווען נאָך אַ סיבה פאַר קריסטאָפן צו פילן אַ סימפּאַטיע צום יונגן דור, האָט ער עס דאָך נישט געפילט. זיין ערפאָלג ביים פּובליקום האָט נישט געקאָנט אַרויסרופן קיין סימפּאַטיע ביי די יונגעלייט וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך כבוד. זיי האָבן געהאַט לאַנגע שווערדן און זענען געווען בייסיק. קריסטאָף האָט זיך נישט גענומען צום האַרצן זייער בייזוויליקייט.

— ווי זיי רעגן זיך אויף. — האָט ער געזאָגט. — זיי באַקרמען צייך די קליינע...

ער האָט אַפילו געוואָלט בעסער האָבן צו טון מיט די דאָזיקע חברה, ווי די אַנדערע יונגע הינטלעך, וואָס האָבן אים געחנפט צוליב זיין ערפאָלג, — וואָס וועגן זיי זאָגט ד׳אָבינע: ווען אַן אַלטער הונט שטעקט אַריין זיין קאָפּ אין אַ טאָפּ מיט פּוטער, קומען זיי און לעקן אים די וואָנסן אַלס גראַטולאַציע.

די גרויסע אָפּערע האָט איינמאָל געקויפט ביי אים זיינס אַ ווערק. ווי נאָר עס איז געוואָרן אָנגענומען, האָט מען באַלד אָנגעהויבן די פּרוּוון. איינמאָל האָט זיך קריסטאָף פון אַ צייטונגס־אָנגריף דערוווּסט, אַז מען האָט אָפּגעדרוקט אויפן צווייטן פּלאַן אַ שטיק פון אַ יונגן קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט געזאָלט ווערן אויפגעפירט פריער,

און אַזוי אַרום געמאַכט פאַר אים אַן אָרט. דער זשורנאַליסט איז גע־וועזן אויפגעבראַכט אויף דעם מיסברויך פון דער אויטאָריטעט און האָט אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף קריסטאָפן.

קריסטאָף האָט זיך דורכגערעדט מיטן דירעקטאָר און אים געזאָגט:

— דאָס האָט איר מיר נישט געזאָגט. אַזוי קאָן עס נישט זיין. איר מוזט פריער אויספירן די אָפּערע, וואָס איר האָט אָנגענומען פאַר מיינער.

דער דירעקטאָר האָט זיך געווערט, געלאַכט, נישט געוואָלט נאָכגעבן, גערעדט מיט דער העכסטער חניפה וועגן קריסטאָפן, זיין כאַראַקטער, זיינע ווערק און זיין טאַלענט, גערעדט מיט דער טיפסטער פאַראַכטונג וועגן יענעם ווערק, פאַרזיכערט, אַז עס טויג צו גאָר־נישט און אַז עס וועט נישט איינברענגען קיין פרוטה.

— פאַרוואָס זשע האָט איר עס אָנגענומען?

— נישט שטענדיק קאָן מען טון אַזוי ווי מען וויל. מען מוז זיך אָפּטמאָל מאַכן, אַז מען גייט מיט דער עפנטלעכער מיינונג. אַמאָל האָבן די דאָזיקע יונגעלייט געקאָנט שרייען, וויפל זיי האָבן געוואָלט. קיינער האָט זיי נישט געהערט. היינט האָבן זיי מיטלען און וועגן. זיי העצן־אויף די נאַציאָנאַליסטישע פרעסע, וואָס רופט אָן פאַרעטער און שלעכטער פראַנצויז דעם, וואָס איז צו זיין אומגליק, נישט באַגייסטערט פון דער יונגער שולע. די יונגע שולע! לאָמיר רעדן אָפן!... ווייסט איר וואָס? עס איז מיר שוין איבער דער טבע! און דאָס פובליקום אויך. זיי פטרן אונז מיט זייער Oremus!... נישטאָ קיין בלוט אין די אָדערן. זיי זענען ווי די קליינע זאַקריסטאַנען, וואָס זינגען די מעסע. ווען זיי מאַכן ליבע־דועטן, האַלט מען עס פאַר „דע פראָפונדיס". ווען איך וואָלט געוועזן געגוג נאַריש אויפצופירן אַלע שטיק, וואָס מען צווינגט מיך אָנצונעמען, וואָלט איך געמאַכט פון מיין טעאַטער אַ תל. איך נעם זיי אָן: דאָס איז אָבער אויך אַלץ, וואָס מען קאָן פון מיר פאַרלאַנגען. — לאָמיר רעדן ערנסט. איר, יאָ, איר ציט צו אַ פולן טעאַטער...

די קאָמפּלימענטן האָבן זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי.

קריסטאָף האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד און געזאָגט מיט כעס:

— איך בין נישט מסכים. איצט, ווען איך בין אַלט און כ'האָב מיינס אָפּגעטון, באַנוצט איר מיך, כדי צו דערדריקן די יונגע. ווען

איך בין געווען יונג, האָט איר מיך געדריקט, פּונקט ווי זיי. איר וועט שפּילן די שטיק פון יענעם יונגענמאַן אָדער איך צי מיין ווערק צוריק.

דער דירעקטאָר האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— זעט איר דען נישט, אַז אויב מיר וועלן טון, ווי איר ווילט, וועט עס אויסזען, אַז מיר האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער פּרעסע-העצע?

— וואָס גייט עס מיך אָן? — האָט קריסטאָף געזאָגט.

— ווי איר ווילט! איר וועט דער ערשטער ליידן דערפון.

מען האָט אָנגעהויבן די פּרוּוון פון יענעם ווערק פון דעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר, אָבער די פּרוּוון פון קריסטאָפס ווערק האָט מען נישט איבערגעריסן. זיין אָפּערע האָט געהאַט דריי אַקטן. יענע — צוויי. מען האָט דעריבער באַשלאָסן זיי אויפצופירן צוזאַמען. קריסטאָף האָט זיך געזען מיט זיין פּראָטעזשירטן און האָט אים דער ערשטער געבראַכט די בשורה. יענער איז זיך צעשוווּמען אין שבועות פון אייביקער דאַנקבאַרקייט.

נאַטירלעך האָט קריסטאָף נישט געקאָנט שטערן דעם דירעקטאָר צו פאַרנעמען זיך זייער זאָרגעוודיק מיט זיין ווערק, די באַזעצונג און אויסשטאַטונג פון יענעמס ווערק האָבן דעריבער אַ ביסל געליטן. קריסטאָף האָט דערפון נישט געוווּסט. ער האָט דעריבער געבעטן, אַז ער וויל ביַיזיין עטלעכע רעפּעטיציעס פון יענעמס ווערק. ער האָט איינגעפונען, אַז עס איז זייער מיטלמעסיק, אַזוי ווי מען האָט אים געזאָגט. ער האָט פאָרגעלעגט עטלעכע עצות, אָבער מען האָט זיי שלעכט אויפגענומען. דעמאָלט האָט ער עס צורו געלאָזן און זיך נישט אַריינגעמישט. דערפאַר אָבער האָט דער דירעקטאָר אַליין געפאָדערט פון דעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר אויסצומעקן עטלעכע ערטער, דראָענדיק אַז אויב ער וויל נישט, וועט ער זיין שטיק נישט אויפפירן. דער דאָזיקער קרבן, צו וועלכן דער קאָמפּאָזיטאָר האָט צום אָנהויב לייכט מסכּים געווען, האָט אים באַלד שטאַרק פאַרדראָסן.

ווען דער אָוונט פון דער אויפפירונג איז געקומען, האָט דעם אָנפאַנגערס שטיק נישט געהאַט קיין שום ערפאָלג, און קריסטאָפס אָפּערע האָט אַרויסגערופן שטאַרקע באַגייסטערונג. עטלעכע צייטונגען האָבן זיך אויף אים אַ וואָרף געטון. זיי האָבן גערעדט וועגן עפּעס אַ טריק, וועגן אַ פאַרשווערונג אומצוברענגען אַ יונגן און גרויסן

פראַנצויזישן קינסטלער. זיי האָבן געטענהט, אַז מען האָט בכיוון אָפּ־געשוואַכט זיין ווערק, כדי דער דייטשער מייסטער זאָל אַרויסקומען בעסער, אַז דער דייטש האָט עס געטון צוליב איפּערזוכט צו דער נייער אויפגייענדיקער באַרימטקייט. קריסטאָף האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געטראַכט:

— ער וועט אַליין ענטפערן דערויף.

נאָר ער האָט נישט געענטפערט. קריסטאָף האָט אים צוגעשיקט אַן אויסצוג פון אַ צייטונג מיט דער פראַגע:

— האָט איר עס געלייענט?

יענער האָט געענטפערט:

— איך באַדויער זייער! דער דאָזיקער זשורנאַליסט איז פאַר מיר שטענדיק געווען אַזוי טאַקטיש. איך בין באמת אין אַ שלעכטער לאַגע. צום בעסטן איז אינגאַנצן דערויף קיין אַכט נישט צו לעגן.

קריסטאָף האָט זיך צעלאַכט און געטראַכט:

— ער איז גערעכט, דער יונגערמאַן.

און ער האָט דעם גאַנצן ענין אַרייגעוואָרפן אין דעם „פאַרגעס ווינקל", ווי ער פלעגט זאָגן אין אַזעלכע פאַלן.

אָבער דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז זשאָרזש, וואָס פלעגט אויסער דער ספּאָרט־אָפּטיילונג, נאָר זעלטן און אויבערפלעכלעך ליי־ענען די צייטונגען, האָט זיך גראַד דאָסמאָל אָנגעשטויסן אויף די שטאַרקסטע אָנגריפן קעגן קריסטאָפן. ער האָט געקענט דעם זשור־נאַליסט. ער איז אַוועק אין קאַפע, וווּ ער האָט אים זיכער געדאַרפט טרעפן, געטראָפן אים, צעפּאַטשט אים אויפן אָרט, אַרויסגערופן אים אויף אַ דועל און שפּעטער אים דורכגעשניטן מיט דער שווערד דעם אַקסל.

דעם צווייטן טאָג ביי פרישטיק האָט זיך קריסטאָף דורך בריוו פון אַ באַקאַנטן דערוווּסט די גאַנצע געשיכטע. ער איז געווען אוי־סער זיך. ער האָט געלאָזט שטיין זיין פרישטיק און איז אַוועקגע־לאָפן צו זשאָרזשן, זשאָרזש האָט אַליין געעפנט די טיר. קריסטאָף איז אַריינגעפאַלן ווי אַ שטורם, אָנגעכאַפּט פאַר ביידע אָרעמס, אַ טרייסל געטון אים מיט כעס, און פאַרוואָרפן אים מיט טענות.

- יינגל! — האָט ער געשריגן. — דו האָסט זיך פאַר מיר געשלאָגן? ווער האָט עס דיר ערלויבט? אַ סמאַרקאַטש, אַ קינד מישט זיך אַריין אין מיינע ענינים! אפשר קאָן איך זיך שוין אַליין

קיין עצה נישט געבן, הע? אַ שיינע חתונה האָסטו מיר אָנגעמאַכט! דו טוסט אָן אַט דעם אויסוואורף דעם כבוד, צו שלאָגן זיך מיט אים, אויף דעם האָט ער דאָך געוואַרט. דו האָסט אים געמאַכט פאַר אַ העלד, נאַרישער קאָפּ. און ווען דער צופאַל וואָלט געוואָלט... איך בין זיכער, אַז דו וואַרפסט זיך אָן אַ קאָפּ קעגן שונא, ווי שטענדיק... ווען דו וואָלסט פאַרווּנדעט געוואָרן — און אפשר אַפילו דערהרגעט!... אומגליקלעכער, איך וואָלט עס דיר דיין גאַנץ לעבן נישט מוחל געווען!

זשאָרזש האָט געלאַכט, ווי ער וואָלט פון זינען אַראָפּ, נאָר ביי דער דאָזיקער לעצטער דראָונג האָט ער באַקומען אַזאַ אָנפאַל פון געלעכטער, אַז טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן:

— אַך, אַלטער פריינט, ווי קאָמיש דו ביסט! אַך, ס'איז דיך פּשוט נישט אָפּצושאַצן! איצט זידלסטו מיך, ווייל איך האָב דיך פאַרטיידיקט; אַ צווייטן מאָל וועל איך אָנפאַלן אויף דיר, וועסטו מיך מסתמא כאַפּן קושן.

קריסטאָף איז שטיל געוואָרן. ער האָט צוגעדריקט זשאָרזשן צו זיך, געקושט אים איןביידע באַקן, דערנאָך אים נאָכאַמאָל אַ קוש געטון און געזאָגט:

— זיי מוחל, טייער יינגל!... איך בין אַן אַלטער נאַר! אָבער די דאָזיקע ידיעה האָט מיך אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. וואָס פאַר אַן איינפאַל זיך צו שלאָגן! צי שלאָגט מען זיך בכלל מיט אַזעלכע מינים מענטשן? דו מוזט מיר תּיכּף צוזאָגן, אַז דו וועסט עס קיינמאָל מער נישט טון.

— איך זאָג קיין זאַך נישט צו, — האָט זשאָרזש געזאָגט. — איך טו דאָס, וואָס מיר געפעלט.

— איך פאַרווער עס דיר, פאַרשטייסט? אויב דו וועסט עס טון נאָכאַמאָל, וועל איך מער דיין פּרצוף נישט אָנקוקן. איך ערקלער עפנטלעך אין די צייטונגען, אַז איך האָב נישט דערמיט קיין שום שייכות. איך....

— דו וועסט מיר אָפּזאָגן פון דיין ירושה. דאָס פאַרשטייט זיך.

— אָבער הער שוין אויף, זשאָרזש, איך בעט דיך... וואָס האָט עס פאַר אַ צוועק?

— מיין ליבער, אַלטער פריינט, דו ביסט טויזנט מאָל מער ווערט ווי איך, און דו ווייסט אומענדלעך פיל מער, אָבער דאָס געזינדל קען איך בעסער ווי דו. זיי רויק. עס וועט זיי צונוץ קומען. זיי

וועלן זיך איצט זיבן מאָל מיושב זיין, איידער זיי וועלן ווידער אַרויס־קעגן דיר מיט זייער גיפט.

— אָבער וואָס גייט מיך אָן זייער שמירעכץ? עס איז מיר אַלץ איינס, וואָס זיי שרייבן דאָרט.

— אָבער מיר איז נישט אַלץ איינס, דו זאָרג נאָר דערפאַר, וואָס עס גייט דיך אָן.

פון יענעם טאָג אָן איז קריסטאָף געווען אין איין שרעק, טאָמער וועט אַ פרישער אָנפאַל ווידער צערייצן דאָס ייִנגל. עס איז געווען קאָמיש צוצוזען, ווי ער איז דעם צווייטן טאָג געזעסן אַ לאַנגע צייט אין קאַפע און פאַרשלונגען די צייטונגען — ער, וואָס האָט זיי קיינמאָל נישט געלייענט — און וואָס האָט געוואַרט אין פאַל פון אַן אָנגרייפנדיקן אַרטיקל צו באַגיין מי יודע וואָס (אפילו פחדנות, ווען ס׳וואָלט קיין אַנדער ברירה נישט געווען), אַבי די דאָזיקע שורות זאָלן נישט קומען אויף דזשאָרזשס אויגן. אין אַ וואָך אַרום האָט ער זיך באַרויקט. דער קליינער האָט געהאַט רעכט. זיין האַנדלונג האָט אויף אַ ווײַלע פאַרמאַכט די רכילותניקעס דאָס מויל. — און בעת קריסטאָף האָט זיך אַ ביסל געבלאָזן אויפן יונגן היץ־קאָפּ, וואָס צוליב אים האָט ער פאַרלוירן אַכט טעג אַרבעט, האָט ער זיך געטראַכט אין האַרצן, אַז סוף־כּל־סוף האָט ער נישט קיין שום רעכט אים צו מוסרן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן איינעם אַ טאָג, וואָס איז געלעגן נישט אַזוי ווייט הינטער אים, ווען ער האָט זיך אַליין געשלאָגן פאַר אָליוויערס וועגן אָן זיין וויסן.

און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט, ווי די שטים פון זיין פריינט רעדט צו אים:

— ס׳איז אַלץ אין אָרדנונג, קריסטאָף, איך גיב דיר אָפּ צוריק דעם חוב, וואָס האָסט מיר אַמאָל געבאָרגט.

אויב קריסטאָף האָט אָנגענומען לייכט די אָנגריפן קעגן זיך, איז אָבער געווען אַן אַנדערער, וואָס האָט נישט געקאָנט קוקן דערויף מיט שפּאָטישער גלייכגילטיקייט. דאָס איז געווען עמאַנועל.

די אַנטוויקלונג פון אייראָפּעיִשן געדאַנק איז מיט גרויסע שריט

געגאַנגען פּאָרויס. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז זי קומט-פּאָר שנעלער צוליב די טעכנישע דערפינדונגען און די נייע מאָטאָרן. די סומע פון פּאָראורטיילן און האָפנונגען, וואָס האָט אַמאָל געקלעקט צו שפּייזן די מענטשהייט גאַנצע צוואַנציק יאָר, איז איצט אין משך פון פינף יאָר פאַרנוצט געוואָרן. די גייסטיקע דורות האָבן גאַלאָפּירט איינער הינטער דעם אַנדערן און אָפט איינער דעם צווייטן איבערגעיאָגט: די צייט האָט געטריבן צום אָנגריף. — עמאַנועל איז געבליבן פון הינטן. דער באַזיגטער פון די פראַנצויזישע לעבנס-כּוחות האָט קיינמאָל נישט פאַרלייקנט דעם אידעאַליזם פון זיין לערער אָליוויער, הגם זיין נאַציאָנאַל געפיל איז געווען זייער ליידנשאַפטלעך, האָט ער זיך אָבער שטענדיק פאַרייניקט ביי אים מיטן אידעאַל פון מאָראַלישער גרויסקייט. זוען ער האָט אין זיינע לידער מיט אַ שטאַרקער שטים פאָרויסגעזאָגט דעם נצחון פון פראַנקרייך, האָט ער עס געטון דערפאַר, ווייל ער האָט אין איר מיט דער גאַנצער איבערצייגונג געזען די העכסטע געדאַנקען-וועלט פון דער מאָדערנער אייראָפּע, די ניקע אַטענע, דאָס זיגרייכע רעכט, וואָס איז אַנטשטאַנען פון קראַפט. — און אָט האָט די קראַפט אויפגענומען דאָס נייע לעבן פון האַרצן און איז אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין אין איר ווילדער נאַקעטקייט. די נייע געזונטע און קריגערישע גענעראַציע האָט געבענקט צום קאַמף און האָט זיך שוין פאַרן נצחון געזען אין דעם גייסטיקן צושטאַנד פון אַ זיגער. זי איז געווען שטאָלץ מיט אירע מוסקולן, מיט איר ברייטער ברוסט, מיט אירע קרעפטיקע, תענוגים-באַגערנדיקע חושים, מיט אירע פליגל פון רויב-פייגל, וואָס שוועבן איבער דער ערד. די העלדן פון דער ראַסע, וואָס האָבן זיך געריסן צום ווילדן פלי איבער אַלפּן און ימים, צו העלדישע נסיעות דורך די אַפריקאַנישע מדבריות, צו נייע קרייצצוגן, וואָס זענען געווען נישט ווייניקער מיסטיש, ווי די צוגן פון פיליפּ אוגוסט און ווילעהאַרדוען, — האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן דעם שכל. די דאָזיקע קינדער, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה בלויז אין ביכער, איז נישט שווער געווען זי צו זען אין שיינע פעדערן. זיי זענען געוואָרן אָנגרייפנדיק. מיד פון דעם שלום און פון דענקען, האָבן זיי געפייערט דעם יום טוב פון שלאַכטן, ווו די פראַנצויזישע מאַכט האָט אַ געוויסן טאָג געדאַרפט פון דאָס ניי שמידן איר גרויסקייט מיט בלוט-טריפנדיקע פויסטן. אַלס קעגנשטויס צום עקלדיקן מיסברויך פון די אידעאָלאָגיעס האָבן זיי דערהויבן ביז צו אַ רעלי-

ג׳ע די פּאַראַכטונג צו יעדן אידעאַל. זיי האָבן געוואָלט דורך דעם פייערן דעם געזונטן באַגרענעצטן מענטשן-פאַרשטאַנד, דעם ליידנשאַפט-לעכן חוש פאַר ווירקלעכקייט, דעם אומפאַרשעמטן נאַציאָנאַלן עגאָיזם, וואָס טרעט מיט די פיס די רעכט פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אויב דאָס איז נויטיק פאַר דער גרויסקייט פון דעם פאָטערלאַנד. זיי זענען געווען אַלע אויסלענדער, שונאים, אַנטי-דעמאָקראַטן און אַפילו די אומגלויביקסטע צווישן זיי האָבן געפּרעדיקט דעם צוריקקער צום קאַטאָליציזם, צוליב דער פּראַקטישער באַדערפעניש צו „קאַנאַליזירן דאָס אומבאַדינגטע״ און צו ברענגען דאָס אומענדלעכע צו פאַרשקלאַפונג פון דער אָרדנונג און אויטאָריטעט.

זיי האָבן זיך נישט צופרידנגעשטעלט בלויז צו פאַראַכטן. זיי האָבן געהאַלטן פאַר אומגעפערלעך די אַלע פלוידערער פון נעכטן און די אידעאַליסטישע גריבלער, די קעמפער פאַר דער מענטשלעכקייט. עמאַנועל איז אין די אויגן פון די דאָזיקע יונגעלייט געווען איינער פון זיי. ער האָט שרעקלעך געליטן צוליב דעם און האָט זיך קעגן דעם געווערט.

אַזוי ווי ער האָט געוווסט, אַז קריסטאָף איז פונקט ווי ער — און אַפילו מער ווי ער — געווען אַ קרבן פון דער דאָזיקער אומגע-רעכטיקייט, האָט ער דערפילט צו אים אַ סימפּאַטיע. צוליב זיין אומ-העפלעכקייט האָט אים קריסטאָף אויפגעהערט צו באַזוכן. ער איז גע-ווען צו שטאָלץ צו לאָזן דערקענען, אַז ער האָט חרטה אָדער באַמיט זיך אים ווידער אויפצוזוכן. נאָר ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן, לפּנים צופעליק, אים צו באַגעגענען און ער האָט פון אים פאַרלאַנגט זיך ווידער מיט אים צו טרעפן. באַלד האָט זיך זיין אומצוטרוי איינגע-שטילט, און ער האָט נישט באַהאַלטן זיין פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געפילט, בעת קריסטאָפס באַזוכן. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך אָפט געטראָפן ביי איינעם פון זיי.

עמאַנועל האָט אָנפאַרטרויט קריסטאָפן זיין עגמת-נפש, וואָס ער, קריסטאָף, האָט געהאַט צוליב דער שלעכטער קריטיק. אַזוי ווי ער האָט געוווסט, אַז קריסטאָף האָט זיך שוין צוליב אַזעלכע זאַכן נישט אויפ-געערגט, האָט ער אים געגעבן איבערצולייענען, ווי מען האָט אים באַשמוצט אין די צייטונגען. מ׳האָט דאָרט פאַרגעוואָרפן קריסטאָפן, אַז ער האָט נישט די עלעמענטאַרסטע ידיעות וועגן זיין קונסט, אַז ער האָט נישט קיין באַגריף פון האַרמאָניע, אַז ער באַגנבעט זיינע

קאָלעגן און באַפּלעקט די מוזיק. מען האָט אים אָנגערופן „דער אַל־טער גרימפּלער". מען האָט געשריבן:

— מיר האָבן אים, איבערגענוג דעם דאָזיקן חסר דעה. מיר זע־נען די פאָרשטייער פון אָרדנונג, פון שכל, פון קלאַסישער גלייכ־געוויכט.

קריסטאָפן האָט עס געווילט.

— דאָס איז געזונט — האָט ער געזאָגט. — די יונגע מענטשן ברענגען די אַלטע צו קבורה... אין מ ײ נ ע צייטן פלעגט מען וואַרטן, ביז אַ מענטש איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר, איידער מען האָט אים גענומען באַהאַנדלען פאַר אַ פאַרשטאָרבענעם. היינטיקע צייטן ווערט מען גיכער פאַרטיק. די דראָטלאָזע טעלעגראַפן, די עראָפּלאַנען... די גענעראַ־ציע ווערט גיכער פאַרמאַטערט... אָרעמע! זיי האָבן זייער ווייניק צייט זאָלן זיי אונז פאַראַכטן און זיך אַליין וואַרעמען אויף דער זון!

אָבער עמאַנועל האָט נישט פאַרמאָגט די דאָזיקע שיינע געזונט־קייט. הגם ער איז געווען דרייסט אין זיין דענקען, איז ער אָבער געווען אַ קרבן פון זיינע קרענקלעכע נערוון. די גליענדיקע נשמה אין דעם ראַכיטישן קערפּער האָט זיך געניטיקט אין דעם קאַמף. זי איז אָבער פאַר אים נישט געווען באַשאַפן. די פיינדלעכע מיינונגען פון דער פרעסע האָבן אים טיילמאָל טיף וויי געטון.

— אַך, — האָט ער געזאָגט — ווען די קריטיקער וואָלטן וויסן, וויפל שלעכטס זיי ברענגען מיט די לייכטזיניק אָנגעוואָרפענע ווער־טער, וואָלטן זיי זיך געשעמט מיט זייער באַרוף.

— אָבער זיי ווייסן עס, ליבער פריינט. דאָס איז זייער לעבנס־צוועק, סוף כל סוף מוז דאָך יעדערער לעבן.

— זיי זענען הענקער. דער קינסטלער איז אויסגעשעפּט אינם קאַמף מיטן לעבן, אין דעם קאַמף מיט דער קונסט, אָנשטאָט אויסצו־שטרעקן אַ האַנט און צו רעדן וועגן זיינע שוואַכקייטן מיט מיטלייד, אָנשטאָט ברידערלעך צו העלפן דעם קינסטלער זיי צו באַזייטיקן, שטייען זיי מיט די הענט אין די קעשענעס, קוקן זיך צו, ווי מען שלעפּט די משא באַרג־אַרויף און זאָגן „ער קען נישט"... און ווען מען איז אויפן שפּיץ, שרייען אַנדערע פון זיי: „יאָ, אָבער נישט אַזוי דאַרף מען אַרויפקומען", בעת די אַנדערע חזרן איבער עקשנותדיק: „ער האָט נישט געקענט"... ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס זיי וואַרפן זיי נישט קיין שטיינער אונטער די פיס, כדי זיי זאָלן אומפאַלן.

— נו, עס זענען דאָ אויך צווישן זיי ערלעכע מענטשן, וואָס קאָנען אויפטון זייער פיל גוטס. נבזהדיקע שעפּסן געפינען זיך אומע-טום. דאָס האָט נישט קיין שום שייכות מיטן באַרוף, זאָג אַליין, קענסטו דען עפּעס ערגערס, ווי אַ גאווהדיקן פאַרביטערטן קינסטלער, אָן שום גוטסקייט, פאַר וועלכן די וועלט איז אַ רויב, וואָס ער קאָן, צו זיין גרעסטן פאַרדרוס, נישט אַראָפּשלינגען? מען מוז זיך באַוואָפענען מיט געדולד. נישטאָ קיין שלעכטס, וואָס זאָל נישט קאָנען דינען אויך מיט עפּעס גוטס. דער ערגסטער קריטיקער קומט אונז צונוץ. ער איז אַן אָנטרייבער, וואָס לאָזט אונז זיך נישט אַרומשלעפּן. יעדעס מאָל, ווען אונז דאַכט זיך, אַז מיר זענען שוין ביים ציל, פאַלט אויף אונז די בייטש. פאָרויס! פאָרויס! ווייטער! העכער! זי וועט פריער ווערן פאַרמאַטערט, די קריטיק, מיך צו רודפן, איידער איך זאָל גיין פאָרויס. דערמאָן זיך דאָס אַראַבישע שפּריכוואָרט: „מען באַפאַלט נישט קיין אומפּרוכטבאַרע בוימער, נאָר די ווערן באַרוואָרפן מיט שטיינער, וואָס זייערע קעפּ זענען געקרוינט מיט גאָלדענע פּרות". מען דאַרף באַ-דויערן די קינסטלער, וואָס די קריטיק שוינט זיי. זיי בלייבן זיצן פויל אויף דעם מיטן וועג. ווען זיי ווילן ווידער אויפשטיין, זאָגן זיך אָפּ זייערע פאַרגליווערטע פיס צו גיין. זאָלן לעבן מיינע פריינד, די שונאים מיינע! זיי האָבן מיר אין מיין לעבן געטון מער גוטס, ווי מיינע שונאים, וואָס זענען מיינע פריינד.

עמאַנועל האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער. ער האָט געזאָגט:

— צי איז עס נישט אומגערעכט, אַז אַ וועטעראַן, ווי דו, זאָל אויסהערן מוסר פון יונגע־לייטלעך, וואָס שטעלן זיך איצט צו דער ערשטער שלאַכט?

— דאָס ווייזט מיך, — האָט קריסטאָף געזאָגט. — די חוצפּה איז אַ סימן פון יונגן קאָכנדיקן בלוט, וואָס וויל פאַרגאָסן ווערן. איך בין אויך אַזוי געווען אַמאָל. דאָס איז דער מערץ־האָגל איבער דער ניי־דערוואַכטער ערד... זיי מעגן אונז שמייסן, סוף־כל־סוף האָבן זיי רעכט דערצו. די אַלטע מוזן זיך גיין לערנען ביי די יונגע. זיי האָבן געלערנט פון אונז. זיי זענען אומדאַנקבאַר, אָבער אַזוי איז די אָרד-נונג פון דער וועלט. באַרייכערט מיט אונזערע אָנשטרענגונגען גייען זיי ווייטער, ווי מיר. זיי פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס מיר האָבן גע-פּרוווט, אויב עס איז נאָך געבליבן אין אונז עפּעס פון דער יוגנט,

דאַרפֿן מיר זיך לערנען און פּרווון יונגער צו ווערן. אויב מיר ווילן עס נישט קענען, אויב מיר זענען צו אַלט, לאָמיר זיך פֿרייען מיט די יונגע. ווי שיין עס איז דאָס כּסדרדיקע בליִען פֿון דער מענטש־לעכער נשמה, וואָס האָט אויסגעזען פֿאַרלאָשן! ווי שיין עס איז צו זען דעם שטאַרקן אָפּטימיזם פֿון די שטאַרקע יונגע־לייט, זייער בענק־שאַפֿט צו אויסטערלישע מעשׂים, אָט די דורות, וואָס שטייען ווידער אויף, כּדי איינצונעמען די וועלט.

— וואָס וואָלטן זיי געווען אָן אונז? די דאָזיקע פֿרייד איז גע־בוירן פֿון אונזערע טרערן. די דאָזיקע שטאָלצע קראַפֿט האָט אַרויס־געשפּראָצט פֿון די ליידן פֿון אַ גאַנצן דור...

— דאָס אַלטע וואָרט איז אומגערעכט. מיר האָבן געאַרבעט פֿאַר זיך, בעת מיר האָבן געשאַפֿן אַ דור, וואָס וועט אונז איבעריאָגן. מיר האָבן געשפּאָרט פֿאַר אים. אין אַ שלעכט פֿאַרמאַכטן באַראַק, ווו די ווינטן האָבן געפּייפֿט, האָבן מיר אים פֿאַרטיידיקט. מיט די אייגענע קערפּער האָבן מיר געמוזט אונטערשפּאַרן די טירן, כּדי דער טויט זאָל נישט אַרייַנקומען. אונזערע אָרעמס האָבן געמאַכט פֿאַר דעם זי־גערישן וועג, אויף וועלכן אונזערע זין וועלן שפּרייזן. אונזערע ליידן האָבן געראַטעוועט די צוקונפֿט. מיר האָבן געפֿירט דעם ארון ביז דער שוועל פֿון דעם צוגעזאָגטן לאַנד. מיר וועלן אָנקומען מיט זיי, אָבער אַ דאַנק אונז.

— אָבער צי וועלן זיי דעמאָלט געדענקען אָן די, וואָס האָבן געוואַנדערט אין מדבר, געטראָגן דאָס הייליקע פֿייער? צי וועלן זיי געדענקען די, וואָס האָבן געטראָגן די געטער פֿון אונזער ראַסע און זיי אַליין, די קינדער, וואָס זענען היינט געוואָרן מענער? אונזער טייל איז געווען אַ שווערער גורל און אומדאַנקבאַרקייט.

— באַדויערסט עס?

— ניין. עס אַנטציקט מיך די טראַגישע גרויסקייט פֿון אַ מעכ־טיקער עפּאָכע, ווי אונזערע, וואָס איז זיך מקריב פֿאַר אירע געבוירע־נע קינדער. די היינטיקע מענטשן וואָלטן שוין מער נישט געווען פֿעיק צו פֿילן די דערהויבענע פֿרייד פֿון אָפּזאָגן זיך.

— זיי זענען געווען די גליקלעכערע. מיר זענען אַרויף אויפֿן באַרג נבֿו און דערזען צופֿוסנס דאָס לאַנד, וואָס מיר וועלן נישט באַ־טרעטן, אָבער מיר פֿרייען זיך מיט אים מער, ווי די, וואָס וועלן אים

יאָ באַטרעטן. ווען מען גייט אַראָפּ צום פּליין, פאַרלירט מען די אומענדלעכקייט פון דעם דאָזיקן פּליין אין דעם ווייטן האָריזאָנט פון די אויגן.

די קראַפט צו דער ווילטועטנדיקער השפעה, וואָס קריסטאָף האָט געהאַט אויף זשאָרזשן און עמאַנועלן, האָט ער געשעפּט פון דער ליבע צו גראַציאַן. די דאָזיקע ליבע האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס ער האָט זיך געפילט פאַרבונדן מיט אַלדאָס יונגע און וואָס ער האָט זיך שטענדיק און אומדערמידלעך באַטייליקט אין אַלע נייע לעבנס-פאָרמען. וואָס פאַר אַ כוחות די ערד זאָל נישט באַלעבן פון דאָס ניי, איז ער שטענדיק מיט זיי געגאַנגען, אַפילו ווען זיי זענען געווען קעגן אים. ער האָט לחלוטין נישט מורא געהאַט פאַר דער קינפטיקער הערשאַפט פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס האָט צוגעצויגן מיטן עגאָיזם פון אַ גרופּע פּריווילעגירטע די געשרייען פון אַ רויב-פויגל. ער האָט זיך נישט געקלאַמערט פאַרצווייפלט אָן די תּפילות פון דער פאַרעלטערטער קונסט. ער האָט מיט זיכערקייט געוואַרט, אַז פון די דאָזיקע חלומות, וואָס זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך דער וויסנשאַפט און מעשים, זאָל אַרויסשפּראָצן אַ מעכטיקערע קונסט, ווי די אַלטע. ער האָט באַגריסט דעם נייען באַגינען פון דער וועלט, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז צוזאַמען מיט אים, שטאַרבט אָפּ די שיינקייט פון דער אַלטער וועלט.

גראַציאַ האָט געוווּסט, ווי גוט איר ליבע איז משפּיע אויף קריסטאָפן; דער באַוווּסטזיין פון איר מאַכט האָט זי אויפגעהויבן איבער זיך אַליין. דורך אירע בריוו האָט זי געקערעוועט מיט איר פריינט. זי האָט זיך, נאַטירלעך, נישט פאַרמאָסטן אים צו געבן אָנווייזונגען אין דער קונסט; זי האָט פאַרמאָגט צופיל טאַקט דערצו און האָט געוווּסט אירע גרענעצן. אָבער איר ריינע און קלאָרע שטים איז געווען דער טאָן, און ס'האָט אָפּגעקלינגען אין זיין נשמה. עס איז געווען גענוג קריסטאָפן זאָל זיך דאַכטן, אַז ער הערט אין די געדאַנקען די דאָזיקע שטים, כּדי צו טראַכטן גאָר דאָס, וואָס איז ריכטיק ריין און ראוי איבערגעחזרט צו ווערן. דער קלאַנג פון אַ שיינעם אינסטרומענט

באַדייט פאַר אַ מוזיקער דאָס זעלבע, ווי אַ שיינער קערפּער, אין וועלכן עס פאַרווירקלעכט זיך זיין טרוים. די געהיימנישפולע צוזאַמענ־שמעלצונג פון צוויי גייסטער, וואָס האָבן זיך ליב: יעדערער רויבט אַוועק ביים אַנדערן דאָס בעסטע, וואָס ער פאַרמאָגט; ער טוט דאָס אָבער נאָר, כדי עס אים באַלד צוריקצוגעבן באַרייכערט פון זיין ליבע. גראַציאַ האָט זיך שוין נישט אָפּגעהאַלטן צו זאָגן קריסטאָפן, אַז זי האָט אים ליב. די דערווייטערונג האָט איר געלאָזט פריי רעדן; דערצו אויך די זיכערקייט, אַז זי וועט קיינמאָל צו אים נישט געהערן. די דאָזיקע ליבע, וואָס איר פרומער ברען האָט זיך איבערגעטראָגן אויף קריסטאָפן, איז געוואָרן פאַר איר אַליין אַ קוואַל פון קראַפט און פרידן.

זי האָט אָבער אַוועקגעגעבן פון דער דאָזיקער קראַפט און פרידן אַ סך מער, ווי זי האָט פאַרמאָגט. איר געזונט איז געווען שטאַרק אָנגעגריפן, זי האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן איר גייסטיקע גלייכגעוויכט. דער צושטאַנד פון איר זון האָט זיך נישט פאַרבעסערט. זינט צוויי יאָר האָט זי געלעבט אין שטענדיקן פחד, וואָס איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דעם מערדערישן טאַלענט פון איר זון, וועלכער האָט זיך געשפּילט דערמיט. ער האָט דערפירט צו אמתער ווירטואָזיטעט די קונסט צו באַאומרויקן די, וואָס האָבן אים ליב געהאַט. ער האָט אַלעמען געפּייניקט, און זיין גייסט, וואָס איז נישט געווען באַשעפטיקט מיט קיין שום אַנדערע זאַכן, איז געווען פרוכטבאַר אין נייע דערפינ־דונגען. עס איז געוואָרן ביי אים אַ מאַניע און דאָס טראַגישע איז געווען, אַז בעת ער האָט סימולירט די קראַנקהייט, האָט זי זיך באמת אַנטוויקלט. דער טויט איז געקומען אַלץ נעענטער. און איצט איז גע־שען דאָס, וואָס מען האָט געקאָנט פאָרויסזען. גראַציאַ, וואָס איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען געפּייניקט צוליב איר זונס געמאַכטע ליידן, האָט אים איצט אויפגעהערט צו גלויבן, איצט בעת די ליידן זענען געוואָרן ווירקלעכע. דאָס האַרץ האָט זיינע גרענעצן. גראַציאַ האָט אויסגענוצט איר גאַנצע מיטליידס־קראַפט פאַרן ליגן. איצט האָט זי באַהאַנדלט ליאָנעלאָן פאַר אַ קאָמעדיאַנט — אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געזאָגט דעם אמת. און בעת דער אמת האָט זיך לסוף אַרויס־געוויזן, איז די רעשט פון איר לעבן פאַרסמט געוואָרן פון געוויסנס־ביסן.

ליאָנעלאָס בייזוויליקייט האָט פּשוט נישט געהאַט קיין גרענעצן. אָן שום ליבע צו וועמען עס איז, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן,

אַז עמעצער פון זיין סביבה זאָל פילן אַ ליבע צו אַן אַנדערן אויסער אים. אייפערזוכט איז געווען זיין איינציקע ליידנשאַפט. עס האָט אים נאָך נישט צופרידנגעשטעלט, וואָס ער האָט דערווייטערט זיין מוטער פון קריי-סטאָפן. ער האָט זי געוואָלט צווינגען איבערצורייסן בכלל יעדער פריינט-לעכע באַציונג. ער האָט באַנוצט זיין געוויינלעכן געווער, די קראַנק-הייט, און באַשווירן גראַציאַן, אַז זי זאָל מער קיינמאָל נישט חתונה האָבן, אָבער דאָס האָט אים נאָך נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט גע-וואָלט פועלן ביי זיין מאַמען, אַז זי זאָל מער צו קריסטאָפן נישט שרייבן. דאָסמאָל איז זי געוואָרן אויפגעבראַכט, און ביי דעם דאָזיקן מיסברויך האָט זי אים, כדי זיך אינגאַנצן צו באַפרייען פון אים, גע-זאָגט וועגן זיינע ליגנס אַזעלכע אכזריותדיקע ווערטער, וואָס זי האָט זיך זיי שפעטער פאַרגעוואָרפן ווי אַ פאַרברעכן; ווייל זיי האָבן אַריינ-געבראַכט דאָס ייִנגל אין אַזאַ ווילדקייט, אַז ער איז באמת קראַנק גע-וואָרן. ער איז נאָך ווילדער געוואָרן, ווייל זיין מאַמע האָט אים נישט געגלויבט. אין אַן אָנפאַל פון אויפרעגונג האָט ער געוואָלט שטאַרבן, כדי זיך דערמיט נוקם צו זיין. ער האָט נישט געוווּסט, אַז זיין ווונש וועט מקויים ווערן.

ווען דער דאָקטאָר האָט געמוזט געבן גראַציאַן צו פאַרשטיין, אַז איר זון איז פאַרלוירן, האָט עס איר געטראָפן, ווי אַ בליץ. זי האָט געמוזט באַהאַלטן איר פאַרצווייפלונג, כדי אָפּצונאַרן דאָס קינד, וואָס האָט זי אַזוי פיל מאָל אָפּגענאַרט. ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז דאָס מאָל איז עס ערנסט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט גלויבן אין דעם. ער האָט געפאָרשט מיטן בליק אין דער מאַמעס אויגן, כדי צו געפי-נען דעם פאַרוווּרף פון ליגן, וואָס האָט אים אַזוי אויפגערעגט, בעת ער האָט באמת אָפּגענאַרט. אָבער עס איז געקומען די שעה, ווען ער האָט מער נישט געקאָנט צווייפלען. פון דעמאָלט אָן איז זיין לעבן און דאָס לעבן פון אַלע אַרום געוואָרן אַן אמתער גיהנום. ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן...

ווען גראַציאַ האָט אים לסוף געזען אַן איינגעשלאָפענעם, האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט דעם מינדסטן געשריי. זי האָט זיך אַפילו נישט צעוויינט. דאָס האָט אַלעמען דערשטוינט. זי האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו ליידן. זי האָט געהאַט איצטער נאָר איין ווונש: צו שטאַרבן.

דערווייל האָט זי ווייטער דערפולט אירע טאָג-טעגלעכע פליכטן

מיט דער זעלבער רויקייט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זיך אַפילו באַוויזן אויף אירע פאַרשוויגענע ליפּן דער אַלטער שמייכל. קיינער האָט נישט געוווּסט וועגן איר פאַרצווייפלונג, און ווייניקער פון אַלע — קריסטאָף. זי האָט אים בלויז געשיקט די ידיעה וועגן זיין טויט, אָבער גאָרנישט צוגעגעבן פון זיך אַליין. אויף קריסטאָפס בריוו, וואָס זענען געווען פול מיט זאָרג און האַרציקייט, האָט זי נישט געענטפערט. ער האָט געוואָלט קומען: זי האָט אים געבעטן, ער זאָל עס נישט טון. אין צוויי אָדער דריי חדשים אַרום האָט זי ווידער גענומען שרייבן צו אים מיטן זעלבן ערנסטן און מילדן טאָן, ווי אַמאָל. זי וואָלט עס געהאַלטן פאַר אַ פאַרברעכן, ווען זי וואַרפט אַרויף אויף אים די לאַסט פון אירע שוואַכקייטן, זי האָט געוווּסט, ווי שטאַרק עס קלינגט אָפּ אין אים דער עכאָ פון אירע געפילן, און ווי גייטיק עס איז פאַר אים צו שטיצן זיך אויף איר. זי האָט זיך נישט געצווונגען דערצו. אַן אינערלעכע קראַפט האָט זי אָפּגעהאַלטן דערפון. ביים לעבן האָבן זי אויפגעהאַלטן צוויי זאַכן, קריסטאָפס ליבע און דער פאַטאַליזם, וואָס איז סיי אין ליידן סיי אין פריידן געווען דער אונטערגרונד פון איר איטאַליענישער נאַטור. דער דאָזיקער פאַטאַליזם איז לחלוטין נישט געווען אינטעלעקטועל: דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכער דראַנג, וואָס יאָגט פאָרויס די טויט-מידע חיה און לאָזט פאַרגעסן די מידקייט און טרייבט זי צו גיין מיט פאַרשטאַרטע אויגן פאַרחלומטערהייט, נישט אומקוקנדיק זיך אויף די שטיינער אין וועג, ביז זי פאַלט. דער דאָזיקער פאַטאַליזם האָט אָפּגעהיט איר קערפּער. די ליבע האָט פאַרטיידיקט איר האַרץ. איצט, ווען איר לעבן איז געווען פאַרנוצט, האָט זי געלעבט בלויז אין קריסטאָפן. פונדעסטוועגן האָט זי נאָך שטאַרקער ווי אַמאָל אויסגעמיטן אין אירע בריוו אויסצודריקן די ליבע, וואָס זי האָט צו אים געפילט, בלי ספק דערפאַר, ווייל זי האָט אים שטאַרקער ליב געהאַט, אָבער אויך דערפאַר, ווייל זי האָט געפילט אויף זיך דעם ווייטיק פון דעם קליינעם פאַרשטאָרבענעם, וואָס האָט פון איר באַגער געמאַכט אַ פאַרברעכן. זי האָט דעריבער געשוויגן און געצווונגען זיך אַ לאַנגע צייט נישט צו שרייבן.

קריסטאָף האָט פאַרשטאַנען די סיבות פון דעם דאָזיקן שווייגן. טיילמאָל זענען אים אויפפאַלנד געווען צווישן די גלייכע רויקע קלאַנגען פון בריוו אומגעריכטע טענער, ווו עס האָט גערעדט אַ ליידנשאַפטלעכע שטים. ער פלעגט ווערן אויסער זיך, נאָר נישט געהאַט

קיין מוט עפּעס צו זאָגן. ער האָט זיך קוים דערוועגט דאָס צו באַ־מערקן. ער איז געווען ווי איינע, וואָס האַלט איין דעם אָטעם און האָט מורא צו שעפּן לופט, טאָמער וועט צוליב דעם אַוועקפליען זיין אילוזיע, ער האָט געוווסט, אַז באַלד אין צווייטן בריוו וועט פון די דאָזיקע טענער קיין זכר נישט זיין, אַז ער וועט דאָרט געפינען קאַל־טע ווערטער.. און דערנאָך ווידער רויקייט און די שטילקייט פון ים...

זשאָרזש און עמאַנועל האָבן זיך געטראָפן ביי קריסטאָפן. דאָס איז געווען אין אַ נאָכמיטאָג. ביידע זענען געווען פאַרנומען מיט זייערע פּערזענלעכע דאגות: עמאַנועל פון אַ ליטעראַרישן פאַרדרוס און זשאָרזש צוליב אַ מפּלה אין אַ ספּאָרט־געוועט. קריסטאָף האָט זיי גוטמוטיק אויסגעהערט און פריינטלעך חוזק געמאַכט פון ביידן. מען האָט אָנגעקלונגען אין טיר, זשאָרזש איז געגאַנגען עפענען. אַ דינער האָט געבראַכט אַ בריוו פון קאָלעט. קריסטאָף האָט זיך געשטעלט ביים פענסטער און געלייענט. די ביידע פריינט האָבן ווייטער געפירט זייער שמועס. זיי האָבן נישט געקוקט אויף קריסטאָפן, וואָס איז גע־שטאַנען אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן. ער איז אַרויס פון צימער, נאָר זיי האָבן עס נישט באַמערקט. ווען זיי האָבן זיך לסוף געכאַפּט, זענען זיי געווען איבערראַשט. אָבער ווען ער איז אַ לאַנגע צייט נישט אַרויסגעקומען, האָט זשאָרזש אָנגעקלאַפּט אין טיר פון שכנות־דיקן צימער. ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער. זשאָרזש איז נישט צוגעשטאַנען, ווייל ער האָט געקענט די מערקווירדיקע האַנד־לונגען פון זיין האַלטן פריינט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז קרי־סטאָף ווידער אַרויסגעקומען. זיין פּנים איז געווען זייער רויק, זייער אויסגעמאַטערט און זייער מילד. ער האָט זיי איבערגעבעטן, וואָס ער האָט זיי געלאָזן אַליין, ווידער אויפגענומען דעם שמועס אין דעם אָרט, וווּ ער האָט אים איבערגעריסן, גערעדט מיט זיי גוטמוטיק וועגן זייערע דאגות און געזאָגט זיי וואַרעמע ווערטער. דער טאָן פון זיין שטים האָט זיי גערירט, הגם זיי האָבן נישט געוווסט פאַרוואָס.

זיי זענען אַוועק. גלייך פון אים איז זשאָרזש אַוועק צו קאָלעט, ער האָט זי געפונען באַגאָסן מיט טרערן. ווי נאָר זי האָט אים דער־

זען, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו אים און געפרעגט:

— ווי האָט ער איבערגעטראָגן דעם קלאַפּ, דער אָרעמער פּריינט? דאָס איז שרעקלעך.

זשאָרזש האָט נישט פאַרשטאַנען און ערשט איצט האָט ער זיך דערוווסט פון קאָלעט, אַז זי האָט נאָרוואָס געשיקט די ידיעה פון גראַציאָס טויט. זי איז אַוועק פון דער וועלט, איידער זי האָט באַוויזן מיט עמעצן זיך צו געזעגענען. זינט עטלעכע חדשים איז איר לעבן געווען אינגאַנצן אונטערגעגראָבן; עס איז גענוג געווען איין בלאָז, כּדי זי אומצוואַרפן אויף דער ערד. אין דעם אָוונט פאַרן אינפלוענץ־אָנפאַל, וואָס האָט איר געבראַכט דעם סוף, האָט זי דערהאַלטן פון קריסטאָפן אַ גוטן בריוו. זי איז געווען דערפון זייער גערירט. זי האָט אים געוואָלט רופן צו זיך. זי האָט געפילט, אַז אַלדאָס איבעריקע, אַלץ וואָס האָט זיי געשיידט, איז געווען פאַלש און זינדיק. אַזוי ווי זי איז געווען אויסגעשעפּט, האָט זי אָפּגעלעגט דאָס שרייבן אויפן צווייטן טאָג. דעם צווייטן טאָג האָט זי געמוזט בלייבן אין בעט. זי האָט אָנגעהויבן אַ בריוו, וועלכן זי האָט נישט געענדיקט, זי האָט באַקומען אַ שווינדלעניש אין קאָפּ, אַלץ האָט זיך אַרום איר געדרייט, און דערפאַר האָט זי נישט געוווסט, צי זי זאָל בכלל צו וויסן געבן קריסטאָפן וועגן איר קראַנקהייט, ווייל זי האָט אים נישט געוואָלט אָנטון קיין צער. ער איז גראָד געווען פאַרנומען מיט די רעפּעטיציעס צו אַ סימפאָנישן כאָר ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו עמאַנועלס ווערטער. די זאַך האָט זיי ביידן באַגייסטערט, ווייל זי איז געווען אַ סימבאָל פון זייער ביידנס גורל. זי האָט געהייסן „דאָס צוגעזאָגטע לאַנד".

קריסטאָף האָט וועגן דעם אָפּט דערציילט גראַציאַן. די ערשטע אויפפירונג האָט געזאָלט פאַרקומען אין דער נאָענטסטער וואָך... מען האָט אים נישט געדאַרפט באַאומרויקן. גראַציאַ האָט געגעבן אָנצוהערן אין איר בריוו וועגן בלויז אַ געוויינלעכע פאַרקילונג. אָבער באַלד האָט זי איינגעפונען, אַז אויך דאָס איז איבעריק. זי האָט צעריסן דעם בריוו און האָט מער נישט קיין כּוח געהאַט אָנצוהויבן אַ נייעס, זי האָט זיך געטרייסט דערמיט, אַז אין אָוונט וועט זי קאָנען שרייבן. אין אָוונט איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. צו שפּעט כּדי אים צו רופן, צו שפּעט אפילו כּדי אים אָנצושרייבן....

ווי גיך אַלץ גייט פאַרביי. די דאָזיקע קורצע שעהן זענען גע־

װען געװוג חרוב צו מאַכן דאָס, װאָס גאַנצע יאָרהונדערטער האָבן געפּאָרעמט... גראַציאַ האָט קוים געהאַט צייט צו דערלאַנגען איר טאָכ־טער דעם רינג, װאָס זי האָט געטראָגן אויפֿן פֿינגער און זי צו בעטן, זי זאָל אים איבערגעבן איר פֿריינט. ביז דעמאָלט איז זי געװען בנוגע איר טאָכטער אַוראָראַ פֿאַרשלאָסן, איצט, װען זי האָט זיך מיט איר געשיידט, האָט זי מיט ליבע געקוקט אויפֿן פּנים פֿון דער, װאָס האָט געזאָלט בלייבן נאָך איר. זי האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן דער האַנט, װאָס האָט געזאָלט װייטער איבערגעבן איר דרוק, און זי האָט פֿול מיט פֿרייד געטראַכט:

— איך װער דאָך נישט אינגאַנצן פֿאַרשװוּנדן.

Quid? hic, inquam, quis est
qui complet aures meas tantus
et tam dulcis sonus !...

(סציפּיאָנס חלום)

אַ טיפֿע מיטלייד האָט געפֿירט זשאָרזשן צוריק צו קריסטאָפֿן, נאָכדעם װי ער האָט פֿאַרלאָזן קאָלעטן. ער האָט שוין פֿון לאַנג גע־װוּסט דורך קאָלעט, װאָס פֿאַר אַן אָרט גראַציאַ פֿאַרנעמט אין דעם האַרצן פֿון זיין אַלטן פֿריינט, און ער האָט זיך אַפֿילו נישט איינ־מאָל — די יוגנט איז בשום אופֿן נישט פֿעיק קיין זאַך צו שעצן — איבער דעם לוסטיק געמאַכט. אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער דער־פֿילט די גרויסקייט און די שטאַרקייט פֿון װייטיק, װאָס אַזאַ אבדה האָט קריסטאָפֿן געמוזט פֿאַרשאַפֿן. און ער האָט דערפֿילט אַ באַדער־פֿעניש צו אים צו לויפֿן, אים אַרומצונעמען און אויסצודריקן אים זיין מיטלייד. אַזוי װי ער האָט געקענט די האַסטיקייט פֿון קריסטאָפֿס געפֿילן, האָט ער זיך פּשוט דערשראָקן פֿאַר דער רויקייט, װאָס קרי־סטאָף האָט אים פֿריער אַרויסגעװיזן. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. קיין זאַך האָט זיך קיין ריר נישט געטון. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגע־קלונגען און אָנגעקלאַפּט אויף דעם אופֿן, װי ס'איז געװען אָפּגערעדט צװישן אים מיט קריסטאָפֿן. ער האָט געהערט, װי ס'האָט זיך אַ רוק געטון אַ בענקל און אַ פּאַמעלעכן שװערן טריט, װאָס האָט זיך דער־

בענטערט. קריסטאָף האָט אים געעפֿנט די טיר. זיין פּנים איז געווען אַזוי רויק, אַז זשאָרזש, וואָס האָט זיך אים פֿריער געוואָלט וואַרפֿן אין די אָרעמס האָט זיך דערפֿון אָפּגעהאַלטן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. קריסטאָף האָט אים מילד געפֿרעגט:

— דאָס ביסטו, מיין יינגל, האָסט עפּעס פֿאַרגעסן?

זשאָרזש האָט אַ צעטומלטער אַרויסגעשטאַמלט:

— יאָ.

— קום אַריין.

קריסטאָף האָט זיך ווידער געזעצט אויפֿן שטול, אויף וועלכן ער איז געזעסן פֿאַר זשאָרזשס אַריינקומען. אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפֿן אָנלען פֿון שטול, האָט ער געקוקט דורכן פֿענסטער, אויף די דעכער קעגנאיבער, און אויף דעם רויט געוואָרענעם אָוונט-הימל. וועגן זשאָרזשן האָט ער פֿאַרגעסן. דער בחור האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויפֿן טיש און בשעת-מעשה געוואָרפֿן פֿון דער זייט אַ בליק אויף קריסטאָפֿן. זיין פּנים איז געווען אומבאַוועגלעך. דער אָפּשיין פֿון דער אונטערגייענדיקער זון האָט באַלויכטן זיינע באַקנביינער און אַ טייל פֿון זיין שטערן. זשאָרזש איז מעכאַניש אַריין אין צווייטן צימער, אין שלאָף־צימער, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט. דאָרט האָט זיך קריסטאָף פֿריער פֿאַרשלאָסן מיטן בריוו. דער בריוו איז נאָך געלעגן. אויפֿן בעט איז נישט געווען קיין שום אומאָרדנונג, וואָס זאָל באַווייזן, אַז אַ מענטש איז דאָ געלעגן. אויפֿן דיוואַן איז געלעגן אַ בוך, וואָס איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַ זייט. עס איז געבליבן ליגן אָפֿן מיט אַ צעקנייטשטער זייט. זשאָרזש האָט עס אויפֿגעהויבן און איבערגעלייענט אין עוואַנגעליום די באַגעגעניש צווישן מאַגדאַלענאַן און דעם גערטנער. ער האָט זיך אומגעקערט אין דעם ערשטן צימער, אָפּגערוקט עטלעכע זאַכן אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי ער וואָלט געזוכט, און ווידער אַ קוק געטון אויף קריסטאָפֿן, וואָס האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. ער וואָלט אים אַזוי גערן אויסגעדריקט זיין מיטגעפֿיל. אָבער פֿון קריסטאָפֿן האָט עפּעס אַזוי געשיינט, אַז זשאָרזש האָט געפֿילט דעם אומזין פֿון זיינע ווערטער, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. ער אַליין וואָלט זיך אַ סך מער גענויטיקט אין טרייסט. ער האָט אָ'מדרייסט געזאָגט:

— איך גיי אַוועק.

קריסטאָף האָט געענטפֿערט נישט אָפּווענדנדיק דעם קאָפּ:

— אַדיע, מיין ייִנגל.

זשאָרזש איז אַרויס און אָן גערויש צוגעמאַכט די טיר. קרי־סטאָף איז אַ לאַנגע צייט געבליבן זיצן אויף זיין אָרט. עס איז גע־וואָרן נאַכט, ער האָט נישט געליטן, ער האָט נישט געטראַכט, ער האָט נישט געזען פאַר זיך קיין קלאָר בילד. ער איז געווען ענלעך צו אַ מידן מענטשן, וואָס הערט אַ גרויסע אומקלאָרע מוזיק, און ער פּרוווט עס נישט צו פאַרשטיין. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אַ צובראָ־כענער, איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט און איז איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף. די סימפאָניע האָט גערוישט ווייטער...

נאָר אָט האָט ער זי ווידער דערזען. זי, די געליבטע... מיט אַ שמייכל האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און געזאָגט:

— איצט ביסטו אַריבער דעם פייער־קרייז.

דעמאָלט האָט זיך אויפגעעפנט זיין האַרץ. אַן אומאויסדריקלע־כער פרידן האָט אָנגעפולט דעם אויסגעשטערנטן רוים, איבער וועלכן די מוזיק פון די ספערן האָט אויסגעשפּרייט אירע אומבאַוועגלעכע דיקע טיכער.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט (עס איז ווידער געוואָרן טאָג), איז געבליבן אין אים דאָס זעלבע גליק מיטן ווייטן שימער פון די געהערטע ווערטער. ער איז אויפגעשטאַנען, אַ שווייגנדיקע, הייליקע באַגייסטערונג האָט זיך צעפלאַקערט אין זיין האַרץ.

...Or vedi, figlio,

tra Beatrice e te è questo muro...

צווישן אים און בעאַטריטשען איז געפאַלן די מויער.

ער האָט שוין לאַנג מיט איין העלפט פון זיין נשמה געלעבט אויף דער אַנדערער זייט. וואָס מער מען לעבט, אַלץ מער שאַפט מען, וואָס מער מען האָט ליב און וואָס מער מען פאַרלירט די גע־ליבטע, אַלץ מער באַפרייט מען זיך פון טויט. ביי יעדן נייעם קלאַפּ, וואָס טרעפט אונז, ביי יעדן נייעם ווערק, וואָס ווערט צעשטערט, באַפרייט מען זיך פון זיך אַליין. מען פאַרזיגלט זיך אין דעם ווערק, אין דער נשמה, וואָס מען האָט ליב און וואָס האָט אונז פאַרלאָזן. לסוף הערט רוים אויף צו זיין רוים. דאָס בעסטע פון אונזער איי־גענעם איך געפינט זיך אויסער אונז אַליין. נאָר איין איינציקע גראַ־ציאַ האָט אים נאָך געהאַלטן אויף דער זייט. און איצט איז געקומען

אויף איר די ריי. איצט האָט זיך פאַרמאַכט די טיר פון ווייטיק·
ער האָט דורכגעלעבט אַ פעריאָד פון געהיימער גייסטיקער דערשלאָגנ-
קייט. ער האָט שוין מער נישט געפילט דאָס געוויכט פון אַ קייט.
ער האָט שוין מער גאָרנישט דערוואַרט פון דער וועלט. ער איז גע-
ווען נישט אָפּהענגיק פון קיין שום זאַך. ער איז געווען באַפרייט.
דער קאַמף איז געווען געענדיקט. ער איז אַרויס פון דער מלחמה-
אַטמאָספער און פון דעם קרייז, וווּ עס הערשט דער גאָט פון העל-
דישע שלאַכטן, דער האַר צבאות. ער האָט געזען אין דער נאַכט
צופוסנס, ווי עס ווערט אויסגעלאָשן דער שטורקאַץ פונם ברענענדיקן
סנה, ווי ווייט ער איז שוין געווען! ווען דער סנה האָט זיך צע-
פלאַקערט, האָט ער קוים געגלויבט, אַז ער געפינט זיך אויפן שפּיץ.
און וואָס פאַר אַ וועג איז ער דורכגעלאָפן זינט יענער צייט! ער
האָט געזען, אַז דער שפּיץ פון דעם באַרג איז לחלוטין נישט נעענ-
טער געוואָרן. ער האָט איצט געזען, אַז ער וועט אים קיינמאָל נישט
דערגרייכן, אפילו אויב ער זאָל וואַנדערן אין דער אייביקייט. דאָך,
ווען מען טרעט אַריין אין דעם קרייז פון ליכט און מען ווייסט, אַז
פון די געליבטע איז גאָרנישט געבליבן מער, איז די אייביקייט גאָר-
נישט צו לאַנג, כדי דורכצוּוואַנדערן דעם וועג צו יענער זייט.

ער האָט פאַרשלאָסן זיין טיר. קיינער האָט צו אים נישט אָנ-
געקלאַפּט. זשאָרזש האָט מיט דעם איינמאָל אויסגעשעפּט זיין גאַנצן
מיטלייד. ווען ער איז געקומען צוריק אַהיים, איז ער געווען באַרויקט
און צומאָרגנס וועגן דעם נישט געטראַכט. קאָלעט איז אָפּגעפאָרן קיין
רוים. עמאַנועל האָט גאָרנישט געוווּסט, און עמפינדלעך ווי שטענדיק,
האָט ער זיך איינגעהילט אין געקרענקטן שווייגן, ווייל קריסטאָף האָט
אים מער נישט באַזוכט. קריסטאָפן האָט קיינער נישט געשטערט צו
פאַרברענגען לאַנגע טעג אין אַ שטומען געשפּרעך מיט דער, וועלכע
ער האָט איצט געטראָגן אין זיין נשמה, ווי אַ שוואַנגערע פרוי
טראָגט איר טייער קינד. דאָס זענען געווען רירנדיקע שמועסן, וואָס
לאָזן זיך גאָרנישט איבערזעצן אויף קיין מענטשלעכער שפּראַך. קוים
וואָס די מוזיק האָט זיי געקאָנט אויסדריקן. ווען דאָס האַרץ איז
געווען פול, פול ביז איבערפלוס, האָט קריסטאָף מיט אומבאַוועגלעך-
געשלאָסענע אויגן געהערט ווי זי זינגט. אָדער ער איז לאַנגע שעהן
געזעסן פאַר זיין פּיאַנינאָ און געלאָזט רעדן זיינע פינגער. אין יענער
צייט האָט ער מער אימפּראָוויזירט, ווי אין זיין גאַנץ שפּעטערדיק

לעבן. ער האָט מער זײַנע געדאַנקען נישט פֿאַרשריבן. צו וואָס?

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער ווידער אַרויסגעגאַנגען און געטראָפֿן מענטשן, אָבער קיינער אויסער זשאָרזשן האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט אים איז פֿאָרגעקומען. דער גייסט פֿון אימפּראָוויזאַציע האָט נײַ געהערשט איבער אים אַ לאַנגע צײַט. ער איז געקומען צו קריסטאָפֿן אין אַזעלכע שעהן, וואָס ער האָט זיך אויף זיי צום ווייניקסטן געריכט. איינמאָל אין אָוונט, בײַ קאָלטען אין שטוב, האָט זיך קריסטאָף געזעצט בײַם פּיאַנינאָ און אָפּגעשפּילט לענגער ווי אַ שעה, גערעדט אָן שום אָפּהאַלט און פֿאַרגעסן, אַז דער סאַלאָן איז פֿול מיט גלײַכגילטיקע מענטשן. דאָך זענען זיי געווען זייער גערירט. די שרעקלעכע פֿאַנטאַזיעס האָבן טיף געטראָפֿן און אויפֿגערעגט. אַפֿילו די, וואָס האָבן נישט פֿאַרשטאַנען זייער זין, האָבן געפֿילט אַ קלעמעניש אין האַרצן. בײַ קאָלטען זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן... ווען קריסטאָף האָט געענדיקט, האָט ער זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט און דערזען די אויפֿרעגונג פֿון די מענטשן. ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געשמייכלט.

ער איז דערגאַנגען ביז דעם פּונקט, ווו דער ווייטיק ווערט אַ קראַפֿט — אַ קראַפֿט, וואָס מען קאָן באַהערשן. ער האָט שוין מער נישט געהערט צום ווייטיק. דער ווייטיק האָט געהערט צו אים. ער האָט זיך געמעגט אויפֿגערעגטערהייט וואַרפֿן אין דעם שטײַג: קריסטאָף האָט אים שטענדיק געהאַלטן געפֿאַנגען.

פֿון יענער עפּאָכע שטאַמען זײַנע טיפֿסטע און גליקלעכסטע ווערק, — אַ שטעל פֿון דער עוואַנגעליע, וואָס זשאָרזש האָט געהאַט איבערגעליינט:

„Mulier, quid ploras?”—„Quia tulerunt Dominum
meum, et nescio ubi posuerunt eum.”
Et cum haec dixisset, conversa est retrorsum, et vidit
Jesum stantem : et non sciebat quia Jesus est.

אַ טראַגישע לידער־סעריע צו פּערזן פֿון שפּאַנישע קאַנטאַרן, צווישן אַנדערע, אַ טרויעריקער ליבע־און קבר געזאַנג געגליכן צו אַ שוואַרצער פֿלאַם:

Quisiera ser et sepulcro
Donde á ti te han de enterrar,
Para tenerte en mis brazos
Por toda la eternidad.

(איך וואָלט וועלן זיין דער קבר,
ווו מען לייגט זיך אין רו,
כדי דיך צו האַלטן אייביק
אין מיינע אָרעמס.)

דערנאָך צוויי סימפאָניעס: „דער אינזל פון די געטרייסטע“ און „סציפיאָנס טרוים“, אין וועלכע עס האָבן זיך שטאַרקער, ווי אומעטום אין אַנדערע ווערק, צונויפגעשמאָלצן די מוזיקאַלישע כוחות פון זשאַן קריסטאָפס צייט: די אינערלעכע און קלאָרע געדאַנקען-וועלט פון דייטשלאַנד מיט אירע בין-השמשותדיקע טיפענישן, צוזאַמען מיט דער ליידנשאַפטלעכער מעלאָדיע פון איטאַליען און לעבנסשפּראָצנדיקן גייסט פון פראַנקרייך, וואָס איז רייך אין עדעלע ריטמען און האַרמאָניעס.

די דאָזיקע „גייסטיקע שטייגערונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער פאַרצווייפלונג אין דעם מאָמענט פון אַ גרויסער עבודה“, האָט אָנגעהאַלטן אַ חודש אָדער צוויי. דערנאָך האָט קריסטאָף מיט אַ שטאַרק האַרץ און אַ זיכערן טריט ווידער פאַרנומען זיין אָרט אין לעבן. דער ווינט פון טויט האָט אַוועקגעבלאָזן די לעצטע נעפּלען פון פעסימיזם, די גרויקייט פון דער סטאָאישער נשמה און די פאַטאַ מאָרגאַנאַ פון דער מיסטישער האַלב-טונקלקייט. דער רעגנבויגן האָט געלויכטן איבער די צעזייטע וואָלקנס. עפּעס ריינער, ווי אויסגעבאָדן אין טרערן, האָט געשמייכלט דאָס אויג פון דעם הימל. איבער די בערג איז געלעגן דער אָוונט.

די שרפה, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אינם וואַלד פון אייראָפּע, האָט זיך גענומען צעפלאַקערן. ווען מען האָט זי פאַרלאָשן אין איין אָרט, האָט זי זיך אָנגעצונדן באַלד אין אַ צווייטן. מיט רויך-וואָלקנס אין אַ רעגן פון פונקען איז זי אַריבערגעשפּרונגען פון איין פונקט צום אַנדערן און אָנגעצונדן אַלע קוסטעס. אינם מזרח האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרשלאַכטן, ווי אַ פאָרשפּיל צו דער גרויסער מלחמה פון די פעלקער. אייראָפּע, וואָס איז נאָך נעכטן געלעגן צווייפלענדיק און אַפּאַטיש, ווי אַ טויטער וואַלד, איז געוואָרן דער רויב פונם פייער. די

בענקשאַפט פון קאַמף האָט געברענט אין אַלע נשמות. אין יעדער רגע האָט געקאָנט אויסברעכן די מלחמה. מען האָט זי דערשטיקט אָבער זי האָט ווידער אויפגעלעבט. די מינדסטע קליינקייט האָט איר גע־דינט פאַר דערנערונג. די וועלט האָט זיך דערפילט אָפּהענגיק אין אַ צופאַל און האָט געוואַרט. די גרעסטע אָנהענגער פון שלום האָבן דער־פילט די נויטווענדיקייט פון קאַמף, און די אידעאָלאָגן, וואָס האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט הינטערן שטאַרקן שאָטן פון פרודאָן, האָבן אין דער מלחמה געפייערט די העכסטע איידלקייט פון מענטשן...

אַלזאָ דערמיט האָט זיך געמוזט ענדיקן דער קערפּערלעכער און גייסטיקער תחית המתים פון די מערב-פעלקער! אָט צו אַזעלכע בלוט־פאַרגיסונגען האָבן זיך געריסן די שטראָמען פון ליידנשאַפטלעכער אַק־טיוויטעט און גלויבן! נאָר אַ נאַפּאָלעאָנישער גאון האָט געקאָנט אַ שטויס טון די דאָזיקע קראַפט צו אַ קלאָרן און אויסגעוויילטן ציל, אָבער אין איראָפּע איז נישט געווען קיין גאון פון מעשים. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די וועלט האָט זיך אויסגעקליבן סאַמע אומ־באַדייטנדיקע מענטשן צו רעגירן איבער איר. די קראַפט פון מענטש־לעכן גייסט איז געלעגן אָן אַ זייט. — אָט אַזוי איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי זיך צו לאָזן מיטרייסן מיטן שטראָם, וואָס איז געלאָפן באַרג-אַראָפּ. דאָס האָבן געטון די רעגירנדיקע און רעגירטע. איראָפּע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אומגעהויערן מלחמה-לאַגער.

קריסטאָף האָט זיך דערמאָנט אין אַן ענלעכער וואַך-נאַכט, ווען ער האָט געזעסן נעבן זיך דאָס דערשראָקענע פּנים פון אָליווייר. אָבער די מלחמה-געפאַרן זענען אין יענער צייט געווען נאָר פאַרבייציענדי־קע כמאַרעס. איצט האָבן זיי מיט זייער שאָטן פאַרדעקט גאַנץ איראָ־פּע. אויך קריסטאָפס האַרץ האָט זיך פון יענער צייט געענדערט. ער האָט זיך שוין איצט נישט געקאָנט באַטייליקן אין דעם פעלקער-האַס. ער האָט זיך געפונען אין דעם זעלביקן גייסט-צושטאַנד, וואָס געטהע אין יאָר 1813. ווי קאָן מען קעמפן אָן האַס? און ווי קען מען האַסן אָן יוגנט? די שנאה האָט ער געלאָזן שוין ווייט הינטער זיך. ווער פון די גרויסע קעמפנדיקע פעלקער איז אים געווען ווייניקער טייער? ער האָט דערקענט זייערע אַלעמענס פאַרדינסטן, און ער האָט געוווּסט וואָס די וועלט האָט זיי צו פאַרדאַנקען. ווען מען דערגייט צו אַ גע־ווויסער גייסטיקער רייפקייט, „קען מען שוין מער נישט קיין פעלקער, נאָר מען פילט דאָס גליק און אומגליק פון די שכנותדיקע פעלקער

זוי אייגנס". די כמאַרעס ליגן דעמאָלט אונטער אונז און אַרום אונז געפינט זיך נאָר דער הימל — „דער גאַנצער הימל, וואָס געהערט צו די אָדלער".

קריסטאָף איז נישט איינמאָל געוואָרן פיינלעך אָנגערירט פון דער פיינטלעכער שטימונג אַרום זיך. מען האָט אין פּאַריז צו שטאַרק געגעבן צו פילן, אַז ער געהערט צו אַ פיינדלעכער ראַסע. אַפילו דער ליבער זשאָרזש האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן אויסצודריקן זיינע געפילן צו דייטשלאַנד, וואָס האָט קריסטאָפן געמאַכט טרויעריק. ער איז דעריבער אַוועקגעפאָרן, מיטן אויסרייד, זיך צו זען מיט גראַציאַס טאָכטער. ער איז אויף אַ געוויסער צייט אַוועק קיין רוים, אָבער אויך דאָרט האָט די סביבה נישט אויסגעזען פרייַלעכער, די מגפה פון פעלקערשער גאווה איז דערגאַנגען אויך אַהין. זי האָט געענדערט דעם איטאַליענישן כאַראַקטער, די זעלבע מענטשן, וואָס קריסטאָף האָט זיי געקענט פאַר גלייכגילטיקע און פוילע ברואים, האָבן איצט געטרוימט נישט אַנדערש, ווי וועגן מיליטערישן רום, קאַמפן, נצחונות, וועגן די רוימישע אָדלער, וואָס זאָלן קרייזן איבער דעם ליבישן מדבר. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז עס זענען צוריקגעקומען די צייטן פון קייזערטום. עס איז געווען מערקווירדיק, וואָס די פּאַרטייען פון דער אָפּאָזיציע, סאָציאַליסטן און קלעריקאַלן, אַזוי גוט ווי מאָנאַרכיסטן, האָבן אַלע מיט אַ הייליקער איבערצייגונג געלעבט אין דער זעלבער שכרות און עס איז זיי אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז זיי זענען געוואָרן אומטריי צו זייער זאַך. פון דאַנען קאָן מען זען, ווי ווייניק עס גילט אין דער פּאָליטיק דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד, בעת איבער די פעלקער ברויזן־אויף די גרויסע עפּידעמישע ליידנ־שאַפטן. זיי גיבן זיך דעמאָלט נישט די מי אונטערצודריקן אַפילו די אינדיווידועלע ליידנשאַפטן. זיי נוצן זיי אויס: אַלץ לויפט צום זעלבן ציל. עס איז שטענדיק געווען אַזוי אין די עפּאָכן פון מעשים. די מתנות פון הייבריך דעם פערטן, די בעלי־עצות פון לואי דעם פערצנטן, וואָס האָבן געשמידט די גרויסקייט פון פראַנקרייך, האָבן געציילט צווישן זייערע רייען אַ סך מענטשן מיט פאַרשטאַנד און מיט גלויבן, פונקט ווי ליטרע און געמיינע מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך פּערזענלעכע אינטערעסן. זשאַנסעניסטן און אויסוואורפן, פוריטאַנער און גנבים, אַלע האָבן געדינט דעם זעלבן גורל, נאָך וועלכן עס זע־נען נאָכגעגאַנגען זייערע אינסטינקטן. אין די צוקונפטיקע מלחמות

וועלן אַרויסטרעטן באַיואָפּנט בלי ספק אַלע אינטערנאַציאָנאַליסטן און פּאַציפיסטן, אַזוי גוט ווי זייערע עלטער זיידעס. און וועלן דערביי זיין איבערצייגט, אַז זיי טוען לטובת די פעלקער און דעם אַלגעמיינעם שלום.

קריסטאָף האָט פון דער טעראַסע פון יאַניקולוס אַראָפּגעקוקט מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף דער אויפפאַלנד, כאַאָטישער און גלייכ-צייטיק האַרמאָנישער שטאָט, אויף אָט דעם סימבאָל פון דער וועלט: פאַרבערנטע חורבות, פּאַסאַדן אין באַראָק-סטיל, מאָדערנע בנינים, צי-פּרעסן באַדעקט מיט רויזן — אַלע יאָרהונדערטן, אַלע סטילן אין איין שטאַרקער און ענג פאַרבונדענער איינהייט, צונויפגעשמאָלצן אונטער דער גאָלדענער זון. אָט אַזוי מוז דער גייסט אויסשטראַלן איבערן קעמפנדיקן אוניווערסום די אָרדנונג און דאָס ליכט, וואָס ער פאַרמאָגט.

קריסטאָף איז געבליבן אין רוים אַ קורצע צייט. דער איינדרוק, וואָס די דאָזיקע שטאָט האָט אויף אים געמאַכט איז געווען צו שטאַרק. ער האָט מורא געהאַט דערפאַר. כּדי צו פילן די ברכה פון דער דאָ-זיקער האַרמאָניע, האָט ער זי געמוזט הערן פון דער ווייטן. ער האָט געפילט, אַז ער טאָר דאָ נישט בלייבן, ווייל עס דראָט אַ געפאַר אויסגעזויגן צו ווערן דורך דער שטאָט, ווי אַזוי פיל אַנדערע פון זיין פאָלק. — פון צייט צו צייט איז ער געווען אויך אין דייטשלאַנד. אָבער פּאַריז האָט אים געצויגן אַ סאַך שטאַרקער, נישט געקוקט אויף דעם נאָענטן פראַנצויזיש-דייטשן סיכסוך. קודם כּל איז דאָרט געווען זיין זשאָרזש, זיין אַדאָפּטירטער זון. אָבער נישט בלויז זיינע געפילן זענען געווען די סיבות, וואָס האָבן אים אַהין געצויגן. אַנדערע סיבות פון גייסטיקן כאַראַקטער זענען געווען נישט ווייניקער שטאַרק. פאַר אַ קינסטלער, וואָס איז געוווּנט צו אַ ברייטן גייסטיקן לעבן, און וואָס באַטייליקט זיך אין אַלע ליידנשאַפטן פון דער גרויסער מענטשהייטס פאַמיליע, איז שווער געווען זיך ווידער צוצוגעוווינען צום לעבן אין דייטשלאַנד. עס האָבן דאָרט קיין קינסטלער נישט געפעלט. נאָר דער קונסט האָט אויסגעפעלט לופט. זיי זענען געווען אָפּגעשניטן פון גאַנצן פאָלק; זיי האָבן זיך אין זיין לעבן נישט באַטייליקט. אַנדערע סאָציאַלע אָדער פּראַקטישע ענינים האָבן אינגאַנצן באַהערשט די עפנטלעכע מיינונג. אָבער די דיכטער האָבן זיך פאַרשלאָסן מיט אויפ-געבערגטער פאַראַכטונג אונטער זייער אויסגעלאַכטער קונסט. עס איז געווען זייער אַמביציע צוצושניידן די לעצטע פעדים, וואָס האָבן זיי

פֿאַרבונדן מיטן פֿאָלק: זיי האָבן געשריבן נאָר פֿאַר אַ קליינער צאָל מענטשן, שאַפֿנדיק אַ קליינע, טאַלאַנטירטע, איבערראַפֿינירטע אומפֿרוכטבאַרע אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז נאָך געטיילט געווען אויף קליינע זיך באַקעמפֿנדיקע גרופן. זיי האָבן זיך געשטיקט אין דעם ענגן רוים, ווו זיי זענען געזעסן צוזאַמענגעדריקט, אומפעיק אַרויסצוגיין. זיי האָבן געפרווּט דורכצואַקערן דעם אייגענעם באָדן. זיי האָבן אים אַזוי לאַנג געגראָבן, ביז ער איז געוואָרן אומפרוכטבאַר. דעמאָלט זענען זיי פֿאַרזונקען געוואָרן אין זייערע טרוימען און האָבן שוין מער נישט געזאָרגט זייערע פֿעלדער זאָלן אויפֿגיין. יעדערער האָט זיך פֿאַרנומען אינם נעפל דעם זעלבן אָרט. דאָס שותּפֿותדיקע ליכט איז אויסגעגאַנגען, יעדערער האָט געוואָלט דאָס ליכט נאָר פֿאַר זיך אַליין.

להיפוך דערצו האָבן אויף יענער זייט רוים, ביי די מערב־שכנים, פֿון צייט־צו־צייט אַ ווייע געטון די גרויסע מאַסן־ליידנשאַפֿטן אין דער קונסט פֿון די דיכטער. און ווי אַן אייפֿל־טורם איבער פּאַריז, האָט געלויכטן, באַהערשנדיק די ווייטקייט פֿון אַמאָל אויסגעלאָשענעם ליכט־טורם, די קלאַסישע טראַדיציע, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין משך פֿון יאָרהונדערטער אַרבעט און רום, און איז איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט. זי האָט אָנגעוויזן דעם גייסט זיין וועג, זי האָט אים נישט געפענטעט און נישט פֿאַרקנעכט. זי האָט אָנגעוויזן דעם וועג, אויף וועלכן ס'האָבן געשפרייזט די דורות און האָט אַ גאַנץ פֿאָלק צוזאַמענגעשלאָסן אין איר ליכט. טיילמאָל פֿלעגט דעריבער אויך קומען אַ דייטשער גייסט, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזעטער פֿויגל אין דער נאַכט, מיט אַ ראַשן פֿלי צום ווייטן ליכט. ווער האָט אָבער אין פֿראַנקרייך פֿאַרשטאַנען די קראַפֿט פֿון דער סימפּאַטיע, וואָס האָט געשטויסן קיין פֿראַנקרייך אַזוי פֿיל גרויסע הערצער פֿונם שכנותדיקן פֿאָלק? אַזוי פֿיל טרייע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט, וואָס זענען נישט געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די פֿאַרברעכנס פֿון דער פּאָליטיק. און אויך איר, דייטשע ברידער, זעט אונז נישט, אונז, וואָס רעדן צו אייך: „אָט האָט איר אונזערע הענט! נישט געקוקט אויף דער פֿאַלשקייט און שנאה, וועט מען אונז נישט פֿונאַנדערשיידן. מ י ר דאַרפֿן אייך און איר דאַרפֿט אונז צו דער גרויסקייט פֿון אונזערע גייסטער און פֿון אונזערע ראַסן. מיר זענען די צוויי פֿליגל פֿונם מערב. ווען איין פֿליגל ווערט צעבראָכן, ווערט געשטערט אויך דער פֿלי פֿונם צווייטן. עס מעג קומען די מלחמה! זי וועט נישט אָפרייסן אונזערע געפֿלאָכטענע

הענט! זי וועט נישט פאַרהאַלטן דעם פּלי פון אונזערע פאַרברודערטע נשמות."

אַזוי האָט געטראַכט קריסטאָף. ער האָט געפילט ווי שטאַרק די בײדע פעלקער דערגאַנצן זיך קעגנזײטיק און ווי אומפולקאָם און אָרעם עס איז זײער גײסט, זײער קונסט, זײער קראַפט, ווען מען נעמט פון זײ אַוועק די קעגנזײטיקע אונטערשטיצונג. ער פּערזענלעך, וואָס האָט געשטאַמט פון יענע רהײן־לענדער, ווו די בײדע ציוויליזאַציעס ווערן צונױפגעשמאָלצן אין אײנאײנציקן שטראָם, האָט פון קינדווײז אָן געפילט די נויטווענדיקײט פון דער פאַראײניקונג. זײן לעבן איז געווען דאָס אומבאַוווּסטע שטרעבן פון זײן גאון אויפצוהאַלטן די גלײכגעוויכט און די זיכערקײט פון די בײדע מעכטיקע פליגלען. וואָס רײכער ער איז געווען אין גערמאַנישע טרוימען, אַלץ מער האָט ער זיך גענויטיקט אין דער לאַטײנישער קלאָרקײט און אָרדנונג פון גײסט. דעריבער איז אים פראַנקרײך געווען אַזוי טײער. דאָרט האָט ער דערפילט די ברכה, זיך בעסער צו פאַרשטײן און אײבער זיך צו הערשן. נאָר דאָרט איז ער אינגאַנצן געווען — ער.

אַפילו פון די עלעמענטן, וואָס האָבן געקאָנט שאָדן־ברענגען, האָט ער אַרויסגעצויגן די נוצן, ער האָט פאַרשמאָלצן די פרעמדע ענערגיעס מיט די אײגענע. אַ קרעפטיקער גײסט, ווען ער פילט זיך גוט, נעמט אויף אין זיך אַלע כוחות, אַפילו די פײנטלעכע, און מאַכט פון זײ זײן פלײש און בלוט. עס קומט אפילו אַ צײט, ווען עס ציט אונז דאָס, וואָס איז אונז לחלוטין פרעמד, ווײל מען געפינט אין דעם אַ שטאַרקערע דערנערונג.

קריסטאָף האָט געפונען מער פרײד אין די ווערק פון אַנדערע קינסטלער, וואָס מען האָט אים אַנטקעגנגעשטעלט אַלס קאָנקורענטן, אײדער אין די ווערק פון זײנע נאָכמאַכער, וואָס האָבן זיך צום גרויסן פאַרדרוס גערופן זײנע תלמידים. דאָס זענען געווען אָרנטלעכע יונגעלײט, פול מיט יראת־הכבוד צו אים, אַרבעטזאַמע, פאַרשטענדיקע, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַלע מעלות. קריסטאָף וואָלט אַוועקגעגעבן זײער פיל, ווען ער קאָן ליב קריגן זײער מוזיק. אָבער צו זײן גליק איז עס געווען אומעגלעך, ווײל זײער קונסט האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט טויזנט מאָל מער ליב געהאַט דעם טאַלענט פון די מוזיקער, וואָס זײ זענען אים געווען פערזענלעך אומסימפּאַטיש און וואָס האָבן געהאַט קינסטלעריש אים פײנטלעכע שטרעבונגען... וואָס

איז עס אים אָנגעגאַנגען? זיי זענען געווען לפּחות לעבעדיק. לעבן איז גאַנץ פאַר זיך אַזאַ מין מעלה, וואָס ווער עס באַזיצט זי נישט, מעג ער פאַרמאָגן אַלע אַנדערע גוטע אייגנשאַפטן, וועט ער קיינמאָל נישט זיין קיין מוטיקער מענטש, ווייל ער איז נישט קיין גאַנצער מענטש. קריסטאָף האָט געזאָגט אין שפּאַס, אַז ער אָנערקענט פאַר זיינע שילער נאָר די, וואָס באַקעמפן אים. און ווען עס איז געקומען אַ יונגער קינסטלער און גערעדט מיט אים וועגן זיין מוזיקאַלישן טאַלענט און געגלויבט, אַז ער וועט דערוועקן אין קריסטאָפן אינטערעס דערמיט, וואָס ער וועט אים חנפענען, האָט אים קריסטאָף געזאָגט:

— באַפרידיקט אייך, הייסט עס, מיין מוזיק? וואָלט איר געקאָנט אויסדריקן אייער ליבע אָדער אייער האַס אויפן זעלבן אופן?

— יאָ, מייסטער.

— אויב אַזוי, שווייגט בעסער. איר האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

דער דאָזיקער ווידערווילן צו אונטערגעוואָרפענע נשמות, וואָס זענען געבוירן געוואָרן צו פאָלגן, די דאָזיקע באַדערפעניש איינצוזאַפּן פרעמדע געדאַנקען און נישט קיין אייגענע האָט אים געטריבן צו זוכן דער עיקר אַזעלכע קרייזן, וואָס זייערע אידעען זענען דיאַמעטראַל געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט געהאַט אַזעלכע פריינט, וואָס זיין קונסט, זיין אידעאַליסטישער גלויבן און זיינע עטישע פאָרשטעלונגען זענען געווען פאַר זיי טויטע אותיות. זיי האָבן געזען דאָס לעבן, די ליבע, די חתונה, די פאַמיליע, אַלע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען אויף אַן אַנדער אופן — איבעריקנס זענען דאָס געווען אָרנטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געהערט צו אַן אַנדער עפּאָכע פון עטישער אַנטוויקלונג. די דאגות און צוימען, וואָס האָבן אויפגעפרעסן אַ טייל פון קריסטאָפס לעבן זענען געווען פאַר זיי לחלוטין אומפאַרשטענדלעך. דאָס איז געווען בלי ספק בעסער פאַר זיי! קריסטאָף האָט נישט געהאַט בדעה צו געבן זיי דאָס צו פאַרשטיין. אויב ער האָט געטראַכט אויף זיין אייגענעם אופן, האָט ער דאָך נישט פאַרלאַנגט פון אַנדערע, זיי זאָלן מסכּים זיין מיט זיין געדאַנקען־וועלט. ער אַליין איז געווען זיכער אין זיינע געדאַנקען. ער האָט נאָר געוואָלט דערקענען די אַנדערע אידעען, כּדי ליב צו האָבן אַנדערע נשמות. שטענדיק ליב האָבן און דערקענען! זען און

דערקענען. ער איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט נישט נאָר אָנער-
קענט די גייסטיקע שטרעבונגען, וואָס ער האָט פריער באַקעמפט,
נאָר אַפילו געפרייט זיך מיט זיי, ווייל ער האָט געזען, אַז זיי האָבן
מיטגעווירקט צו דער פרוכטבאַרקייט פון דער וועלט. ער האָט ליב
געהאַט זשאָרזשן דווקא דערפאַר, ווייל ער האָט דאָס לעבן נישט
אויפגעפאַסט אַזוי טראַגיש ווי ער. די מענטשהייט וואָלט אויסגעזען
צו אָרעם און צו גרוי, ווען זי זאָל זיך שטענדיק קליידן אין דעם
עטישן ערנסט, זי זאָל זיך באַצווינגען מיט די דאָזיקע העלדישע כּלי
זין, וועלכן קריסטאָף האָט פאַרמאָגט. די מענטשהייט נויטיקט זיך
אין פרייד, זאָרגלאָזיקייט, מוטיקע באַפרייאונג פון אַלע הייליקטימער,
אַפילו פון די דערהויבנסטע. עס איז איר נויטיק די גאַלישע זאַלץ,
כּדי די ערד זאָל זיין פרוכטבאַר. צווייפל און גלויבן זענען נויטיק
אין דער זעלבער מאָס. דער צווייפל, וואָס נאָגט דעם גלויבן פון
נעכטן, שאַפט רוים פאַרן גלויבן פון מאָרגן... ווי העל אַלץ ווערט
פאַרן מענטשן, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון לעבן, ווי פון אַ שיי-
נער מאָלעריי, און ער זעט, ווי די פאַרשידענע פאַרבן, וואָס שטייען
באָענט איינע לעבן דער צווייטער, שמעלצן זיך צונויף אין אַ האַר-
מאָנישן צויבער!

קריסטאָפס אויגן האָבן זיך געעפנט פאַר דער אומענדלעכער
פאַרשידנקייט פון דער זינלעכער און גייסטיקער וועלט. די דאָזיקע
דערקענטעניש האָט ער זיך דערוואָרבן זינט זיין ערשטער איטאַליע-
נישער רייזע. אין פאַריז האָט ער זיך קודם-כּל דערנענטערט צו מאָ-
לער און סקולפּטאָרן. ער האָט איינגעפונען, אַז אין זיי לעבט דאָס
בעסטע פון פראַנצויזישן זשעני. די זיגערישע דרייסטקייט, מיט וועל-
כער זיי האָבן געשאַפן באַוועגונג און לעבעדיקע פאַרבן און זיי צו-
נויפגעשמאָלצן, די דרייסטקייט, מיט וועלכער זיי האָבן אַרונטערגע-
ריסן דעם שלייער פון לעבן, האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט פרייד.
וואָס פאַר אַן אומדערשעפּטע עשירות ליגט אין איין טראָפּן ליכט,
אין איין רגע פון לעבן, פאַר דעם, וואָס קאָן זען! וואָס פאַר אַ באַ-
דייטונג האָט לגבי אָט דעם העכסטן גייסטיקן דופט דער ליאַרם פון
קאַמף און מלחמה?... אָבער אויך די דאָזיקע קאַמפן און מלחמות זע-
נען אַ טייל פון וווּנדערלעכן שויִ-שפּיל. מען דאַרף אַלץ אַרומנעמען
און מוטיק אַנן פריילעך אַריינוואַרפן אין דעם שמעלצאויוון פון אונ-
זער האַרצן די נעגאַטיווע כּוחות, ווי די פּאָזיטיווע, די פיינטלעכע

ווי די פֿריינטלעכע — מיט איין וואָרט, דעם גאַנצן מעטאַל פֿון אונזער לעבן. דער רעזולטאַט פֿון דעם וועט זיין די סטאַטוע פֿון אַ נייעם מענטשן, די געטלעכע פֿרוכט פֿונם גייסט. און אַלץ, וואָס ווירקט־מיט צו פֿאָרעמען די דאָזיקע סטאַטוע וואָס שענער, איז גוט, מעג עס אפֿילו זיין מיט דעם קרבן פֿון אונז גופֿא. וואָס באַדייט דער שעפֿער? ווירקלעך איז נאָר דאָס, וואָס ער שאַפֿט... איר שונאים, וואָס איר ווילט אונז צעשטערן, איר וועט אונז נישט דערגרייכן; מיר זענען באַוואָפֿנט קעגן אייערע קלעפּ... איר גרייפֿט אָן די פּוסטע לופֿט. מיר זענען שוין לאַנג ערגעץ־אַנדערש.

קריסטאָפֿס מוזיקאַלישע שאַפֿונג האָט איצט באַקומען פֿריילעכערע פֿאָרמען. דאָס זענען שוין גאָרנישט געווען די פֿרילינג־שטורעמס, וואָס האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעזאַמלט, אויסגעבראָכן און פּלוצלינג ווידער פֿאַרשווּנדן געוואָרן. דאָס זענען געווען ווייסע זומער־וואָלקנס, ווי בערג פֿון שניי און פֿון גאָלד, ווי גרויסע ליכטיקע פֿייגל, וואָס שוועבן פּאַמעלעך און פֿולן־אָן דעם הימל... שאַפֿן! תּבֿואות, וואָס ווערן צייטיק אין דער רויִקער אַווגוסט־זון.

פֿריער אַן אומבאַשטימטע און מעכטיקע קראַפֿט, די טונקעלע פֿרייד פֿון פֿולע טרויבן, פֿון אָנגעשוואָלענע זאַנגען, פֿון אַ שוואַנגערער פֿרוי, וואָס טראָגט איר צייטיקע פֿרוכט, אַן אָרגל־זשומעריי: דער זינגענדיקער בינען־כאָר אין דער טיפֿקייט... פֿון דער דאָזיקער מוזיק, וואָס איז טונקל און גאָלדיק ווי האָניק אין האַרבסט, לייזט זיך אויף אַלץ מער דער פֿירנדיקער ריטם, דער פּלאַנעטן־קרייז טרעט אַרויס אַלץ דייטלעכער, ער הויבט אָן זיך צו באַוועגן... דערנאָך קומט דער ווילן. ער שפּרונגט אַרויף אויפֿן רוקן פֿון טרוים, וואָס ווערט מיטגעריסן און דריקט אים צווישן די קני. דער גייסט דערקענט די געזעצן פֿון ריטם, ער צוימט די כאַאָטישע כּוחות, ער באַשטימט זייער וועג און דעם ציל, צו וועלכן זיי שטרעבן, עס פֿאָרעמט זיך די סימפֿאָניע פֿון שכל און אינסטינקט. די טונקלקייט ווערט העלער. אויפֿן לאַנגן וועג, וואָס וויקלט זיך אויף, טרעטן אַרויס אין פֿאַרשידענע ערטער לייכטנדיקע פּונקטן, וואָס שאַפֿן פֿון זייער זייט

אין דעם ווערק קערנער פֿון קליינע פּלאַנעטן-וועלטן און זענען פֿאַרבונדן אין קרייז מיט זייער זון־סיסטעם. די גרויסע שטריכן פֿון דעם בילד ליגן שוין פֿעסט. איצט טוילט אַרויס זיין פּנים פֿון דער אומבאַשטימטער מאָרגנדעמערונג. אַלץ ווערט דייטלעכער: די האַרמאָניע פֿון די פֿאַרבן און די שטריכן פֿון די פּנימער, כּדי צו פֿאַרענדיקן דאָס ווערק ווערן אַרייַנגעצויגן אַלע כּוחות פֿון דעם יש. דער רויכער-בעקן פֿון זכּרון שטייט אָפֿן און זיין דופֿט שטראָמט אַרויס. דער גייסט באַפֿרייט די חושים, ער לאָזט זיי רוישן און שווייגט. אָבער ליגנדיק אין דער זייט לויערט ער און קלויבט זיך אויס זיין רויב...

אַלץ איז גרייט. פֿון דעם שטאָף, וואָס איז אַוועקגערויבט געוואָרן ביי די חושים, שאַפֿט דער גייסט דאָס ווערק. דער גרויסער אַרכיטעקט דאַרף האָבן גוטע אַרבעטער, וואָס זאָלן פֿאַרשטיין זיין מלאכה און שוינען זיינע כּוחות.

„און גאָט זעט זיין ווערק, און ער זעט, אַז עס איז נאָך נישט גוט".

דאָס אויג פֿון דעם מייסטער נעמט אַרום די גאַנצקייט פֿון זיין ווערק, און זיין האַנט פֿאַרפֿולקאָמט זיין האַרמאָניע.

דער טרוים איז דערפֿולט, מיר לויבן דיך גאָט...

די ווייסע זומערוואָלקנס, די גרויסע פֿייגל פֿון דער ליכט, שוועבן פֿאַמעלעך אַרום, און דער הימל איז פֿאַרדעקט פֿון זייערע אויסגעשפּרייטע פֿליגל.

זיין לעבן האָט זיך אָבער פֿונדעסטוועגן נישט געקאָנט איינשליסן בלויז אין די גרענעצן פֿון זיין קונסט. אַ מענטש ווי ער, קאָן זיך נישט באַגיין אָן ליבע. און נישט בלויז יענע גלייכמעסיקע ליבע, וואָס דעם קינסטלערס גייסט שפּרייט זי אויס אויף אַלץ, וואָס לעבט; ער מוז אויסטיילן, ער מוז זיך אָפּגעבן צו די פֿון אים אויסגעווײלטע באַשעפֿענישן. דאָס זענען די וואָרצלען פֿון בוים. דורך זיי ווערט אויפֿגעפֿרישט דאָס בלוט פֿון זיין האַרץ.

קריסטאָפֿס בלוט איז נאָך וויית געווען פֿון פֿאַרגליווערט צו ווערן. די ליבע האָט עס געוואַרעמט — די גרעסטע פֿרייד פֿון זיין

לעבן. אַ טאָפּעלע ליבע, צו דער טאָכטער פון גראַציאַ און דעם זון פון אָליוויער. ער האָט זיי ביידע פאַרייניקט אין זיינע געדאַנקען. ער האָט זיי געוואָלט פאַראייניקן אין דער ווירקלעכקייט.

זשאָרזש און אַוראָראַ האָבן זיך באַגעגנט ביי קריסטאָפן. אַוראָראַ האָט געוווינט ביי איר קוזינע. אַ טייל יאָר פלעגט זי פאַרברענגען אין רוים, און די איבעריקע צייט אין פּאַריז, זי איז אַלט געווען אַכצן יאָר. זשאָרזש איז עלטער געווען פאַר איר מיט פינף יאָר. אַ הויכע, אַ גלייכע, אַן עלעגאַנטע, מיט אַ קליין קעפל און אַ ברייט אָפּגעברענט פּנים. אַ בלאָנדע מיט קוים-קוים אָנזעעוודיקע הערעלעך אויף דער אויבער-שטער ליפּ, האָט זי געהאַט אַ פּאָר העלע, צעשמייכלטע אויגן, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין איבעריקע גרויסע מי צו דענקען; איר קינבאָרד איז געווען עטוואָס פליישיק, די הענט — ברוין, די שיינע אָרעמס קיילעכדיק און פעסט, דער האַלז אַ שיינער, און דער אויסדרוק פון איר געזיכט — אַ פריילעכער, אַ חושימדיקער און שטאָלצער, גלייכגילטיק צו אינטעלעקטועלע ענינים, וויניק סענטימענ-טאַל, האָט זי פון איר מוטער געירשנט אַ באַקוועמע פוילקייט. זי פלעגט שלאָפן מיט איין מאָל גאַנצע עלף שעה, מיט צוגעדריקטע פויסטן. די איבעריקע צייט פלעגט זי זיך אַרומדרייען ליידיק און כּסדר לאַכן, אַ האַלב אויפגעוואַכטע. קריסטאָף האָט זי אָנגערופן Dornröschen— די שלאָפנדיקע בת-מלכּה. זי פלעגט אים דערמאָנען זיין קליינע סאַבי-נע. זי פלעגט זינגענדיק זיך לייגן שלאָפן, און אויפוועקן זיך מיט אַ גע-זאַנג אויף די ליפּן, זי פלעגט זיך צעלאַכן אָן שום סיבה, מיט אַן אומשולדיקן, קינדערישן געלעכטער, און דערביי פלעגט זי איינשלינ-גען איר געלעכטער, ווי אַ שלוקעכץ. מ׳האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי זי פאַרברענגט אירע טעג. אַלע באַמיונגען פון קאָלעט זי אַרויסצושטעלן אין אַ געקינסטלטן גלאַנץ, מיט וואָס מען באַפּוצט אַזוי לייכט די מיידלשע מוחות, ווי מיט לאַקיר, זענען געגאַנגען לאיבוד: דער לאַקיר האָט זיך בשום אופן נישט געהאַלטן. זי האָט זיך גאָרנישט געלערנט; זי האָט באַדאַרפט גאַנצע חדשים אויף דורכצולייענען אַ בוך, וואָס איז איר זייער שטאַרק געפעלן געווען, און פונדעסטוועגן פלעגט זי אין אַ וואָך אַרום זיך בשום אופן נישט קאָנען דערמאַנען נישט דעם טיטל, נישט דעם אינהאַלט פון בוך; זי פלעגט גאַנץ רויק מאַכן אָרטאָגראַ-

פּישע פעלערן, און רעדנדיק וועגן געלערנטע זאַכן, באַגיין די לע־
כערלעכסטע טעותים. זי האָט אָבער געווירקט דערקוויקנדיק מיט איר
יוגנט, מיט איר פרייַלעכקייט, און דווקא מיט איר קנאַפּן אינטעלעקטואַ־
ליזם, מיט איר נאַיוון עגאָיזם, אַפילו מיט אירע פעלערן און איר צע־
טראָגנקייט, וואָס האָס זיך אָפּט געגרענעצט מיט גלייכגילטיקייט. זי
האָט זיך אַלעמאָל אויסגעצייכנט מיט אַ ספּאָנטאַנישן כאַראַקטער. דאָס
דאָזיקע קליינע, פּשוטע און פולע מיידל האָט אָבער אויך געוווּסט
ווען צו זיין אַן אומשולדיקע קאָקעטקע: דעמאָלט פלעגט זי אויס־
שטעלן נעצן אויף יונגע לייט, מאָלן פון דער נאַטור, שפּילן שאָפּענס
נאָקטורנען, אַרומטראָגן זיך מיט אַ בוך פּאָעזיע, וואָס זי האָט קיינמאָל
נישט געלייענט, פירן אידעאַליסטישע געשפּרעכן און טראָגן נישט ווי־
ניקער אידעאַליסטישע הוטן.

קריסטאָף פלעגט זי אָבסערווירן און לאַכן אין האַרצן. ער האָט
געפילט צו איר אַ פאָטערלעכע צערטלעכקייט, אַ פאַרשטענדנישפולע און
אַ לצנותדיקע. אין זיין האַרצן האָט אויך געדרימלט אַ געהיימניספול
פיעטעט-געפיל צו יענער, וועלכע ער האָט אַמאָל ליב געהאַט און
וועלכע איז איצט ווידער געבוירן געוואָרן אין אַ נייער יוגנט, און
באַשאָנקען מיט איר ליבע אַן אַנדערן, נישט אים. קיינער האָט נישט
געקאָנט די טיפקייט פון זיין געפיל. בלויז אַוראָראַ אַליין האָט זיך
עפּעס משער געווען. פון איר פריעסטער קינדהייט אָן פלעגט זי שטענ־
דיק זען קריסטאָפן לעבן זיך און אים באַטראַכטן פאַר אַ מיטגליד
פון דער פאַמיליע. בעת זי האָט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געליטן, וואָס
מ׳האָט זי ווייניקער ליב געהאַט פאַרן ברודער, האָט זי זיך אינסטינ־
קטיוו דערנענטערט צו קריסטאָפן. זי האָט געפילט, אַז ער ליידט
אויך, ווי זי, זי האָט געזען, ווי ער איז טרויעריק, און הגם זיי
האָבן זיך נישט פאַרטרויט זייערע יסורים — האָבן זיי זיך דערנענ־
טערט איינס צום אַנדערן. שפּעטער איז זי געוווּיר געוואָרן, וואָס
פאַראַ געפיל עס האָט פאַראייניקט איר מוטער מיט קריסטאָפן; איר
האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַזיצט אַ וויכטיקן סוד, הגם קיינער האָט
גאָרנישט באַהאַלטן. זי האָט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער שליחות,
וואָס איר שטאַרבנדיקע מאַמע האָט אויף איר אַרויפגעלייגט, און די
באַדייטונג פון רינג, וואָס קריסטאָף האָט איצט געטראָגן אויף דער
האַנט. אויף אַזאַ אופן האָבן צווישן אים און איר זיך איינגעשטעלט
פאַרבאָרגענע באַציונגען, וואָס זי האָט זיי געפילט, הגם זי האָט

זיי נישט אײַנגאַנצן קלאָר פֿאַרשטאַנען, צוליב זייער קאָמפּליצירטקייט. זי איז געווען אויפֿריכטיק צוגעבונדן צו איר אַלטן פֿרײַנט, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט זיך קיינמאָל נישט געגעבן די מינדעסטע מי צו שפּילן אָדער צו לייענען זײַנע ווערק. הגם זי איז פֿון דער נאַטור געווען אַ מוזיקאַלישע, איז זי אָבער קיינמאָל נישט געווען אויף אַזוי פֿיל נײַגעריק, כּדי איבערצושניידן די בלעטלעך פֿון אַ פּאַרטיטור, וואָס ער האָט איר געהאַט געווידמעט. זי פֿלעגט דערפֿאַר ליב האָבן צו שמועסן מיט אים אין אַ פֿאַמיליאַרן טאָן. זי פֿלעגט אָפֿט קומען צו אים, אַלעמאָל, ווען זי האָט געוווסט, אַז זי וועט דאָרט באַגעגענען זשאָרזש זשאַנען.

און זשאָרזש פֿון זײַן זײַט האָט נאָך קיינמאָל נישט געזוכט קריסטאָפֿס געזעלשאַפֿט אַזוי שטאַרק, ווי איצט.

די יונגע מענטשן האָבן אָבער פֿונדעסטוועגן נישט אַזוי שנעל זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן זייערע אמתע געפֿילן. לכתחילה האָבן זיי זיך באַטראַכט מיט חוזק-בליקן. זיי זענען לגמרי נישט ענלעך געווען. ער איז געווען קוועקזילבער, זי — אַ שלאָפֿנדיק וואַסער. ס'האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג, און דאָס קוועקזילבער האָט זיך באַרויקט, בעת דאָס שלאָפֿנדיקע וואַסער האָט אויפֿגעוואַכט. זשאָרזש פֿלעגט קריטיקירן אַוראָראַס טואַלעט, איר איטאַליענישן געשמאַק, — אַ געוויסע אומעמפּפֿינדלעכקייט פֿאַר ניואַנסן און אַ ליבע צו שרייענדיקע קאָלירן. אַוראָראַ האָט ליב געהאַט זיך צו וויצלען און חוזק צו מאַכן פֿון זשאָרזשס האַסטיקן און עטוואָס געקינסטלטן אופֿן פֿון רעדן. און אַזוי אָפּשפּאָטנדיק איינער פֿונם אַנדערן, האָבן בײדע ליב באַקומען... צו חוזקן פֿון זיך, אָדער גאָר צו שמועסן מיט זיך. זיי האָבן אפֿילו קריסטאָפֿן אויך אַרײַנגעצויגן אין געשפּרעך, און ער, ווײַט פֿון צו שטערן זיי, פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט קומען צו הילף איינעם אָדער דעם צווייטן מיט אַ שטעך-ווערטל. זיי האָבן דעמאָלט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דאָס אַרט זיי נישט... זיי האָבן זיך אָבער שפּעטער איבערצײַגט, אַז ס'פֿאַרדריסט זיי, פֿאַרקערט, זייער שטאַרק, און מחמת דעם, וואָס זיי בײדע און באַזונדערס זשאָרזש זענען נישט געווען בכּוח צו באַהאַלטן זייער פֿאַרדרוס, פֿלעגן זיי בײַ דער ערשטער בעסטער באַגעגעניש, זיך איבערוואַרפֿן מיט די פֿאַרשיידנסטע שטעך-ווערטלעך. די וווּנדן זענען געווען לײַכט; זיי האָבן מורא געהאַט צו פֿאַרשאַפֿן איינער דעם אַנדערן צער; און די האַנט, וואָס

האָט פֿאַרשאַפֿן ווייטיק, איז זיי געווען אַזוי טייער, אַז זיי האָבן ליבער געוואָלט באַקומען, ווי געבן קלעפּ. זיי האָבן זיך באַטראַכט מיט נייגעריקע אויגן, און זולכנדיק איינער ביים אַנדערן פֿעלערן, האָבן זיי געפֿונען מעלות. זיי האָבן זיך אָבער דערין נישט מודה געווען. יעדער פֿון זיי, בעת ער איז פֿאַרבליבן אַליין מיט קריסטאָפֿן. פֿלעגט זיך אויסדריקן, אַז ער קאָן נישט ליידן דעם אַנדערן, נישט געקוקט דערויף פֿלעגן זיי אויסנוצן יעדע געלעגנהייט, וואָס קרי־סטאָף האָט זיי פֿאָרגעלייגט, כדי זיך צו באַגעגענען.

אַ געוויסן טאָג, בעת אַוראָראַ האָט פֿאַרבראַכט ביי איר אַלטן פֿריינט און זי האָט אים צוגעזאָגט צו קומען דעם קומענדיקן זונטיק אין דער פֿרי, איז זשאָרזש, ווי געוויינלעך, אַריינגעפֿאַלן, ווי אַ ווי־כער, און געזאָגט קריסטאָפֿן, אַז ער וועט זיין ביי אים זונטיק, נאָכ־מיטאָג. דעם צווייטן זונטיק אינדערפֿרי האָט קריסטאָף בחינם געוואַרט אויף אַוראָראַן. זי איז געקומען אין דער שעה, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך זשאָרזשן, און זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז זי האָט נישט גע־קאָנט קומען פֿריער; זי האָט אפֿילו צוגעטראַכט אויף דער טעמע אַ גאַנצע געשיכטע. קריסטאָף, וועמען איר אומשולדיקע שטיפֿערישקייט, האָט געווילט, האָט זיך אָנגערופֿן:

— אַ שאָד. דו וואָלסט געטראָפֿן זשאָרזשן. ער איז געווען ביי מיר, מיר האָבן צוזאַמען געפֿרישטיקט. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַר־בלייבן ביז איבער מיטאָג.

אַוראָראַ, אַ צעטומלטע, האָט שוין מער נישט געהערט קריסטאָפֿס רייד. ער האָט ווייטער גוטמוטיק גערעדט. זי האָט אים געענטפֿערט צעטראָגן; זי האָט שיר נישט געהאַט אויף אים קיין פֿאַרדרוס. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלונג. דאָס איז געווען זשאָרזש, אַוראָ־ראַ האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט. קריסטאָף האָט זי באַטראַכט מיט אַ שמייכל. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמאַכט שפּאַס פֿון איר; זי האָט זיך צעלאַכט און איז רויט געוואָרן. ער האָט איר געוואָרנט מיטן פֿינגער. מיטאַמאָל איז זי צוגעלאָפֿן צו אים, און אָנגעהויבן אים צו קושן. ער האָט איר איינגערוימט אין אויער אַריין:

„Biricchina, ladroncella, furbetta“

זי האָט אים פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט און נישט געלאָזט רעדן.

זשאָרזש האָט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, וואָס עס באַדייטן

די געלעכטערס און קושן. זיין פאַרחידושטע און עטוואָס אָנגעצויגענע מינע האָט נאָך מער פאַרגרעסערט זייער פרייד.

אויף אַזאַ אופן האָט קריסטאָף געאַרבעט אויף צו דערנענטערן די ביידע קינדער. און אַז דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן, האָט ער זיך שיער נישט געמאַכט קיין פאָרוואורפן. ער האָט ליב געהאַט איינעם, ווי דעם אַנדערן, זשאָרזשן האָט ער אָבער שטרענגער באַהאַנדלט; ער האָט געקענט זיינע שוואַכע זייטן, און אידעאַליזירט אַוראָרען. ער האָט געגלויבט, אַז ער איז פיל מער פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גליק פון אַוראָרען, ווי פון זשאָרזשן: וואָרום ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זשאָרזש איז זיין זון, אַ טייל פון אים אַליין. און ער האָט זיך געפרעגט, **צי** איז ער נישט אַמאָל שולדיק, וואָס ער האָט דער אומשולדיקער אַוראָרען געגעבן אַ חבר, גאָרנישט אַן אומשולדיקן.

אַנומלט, בעת ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי דער אַלטאַנע, ווו ביידע יונגע מענטשן זענען געזעסן, — דאָס איז געווען אַ קורצע צייט נאָך זייערע תנאים, — האָט ער געהערט מיט אַ ווייטיק אין האַרץ, ווי אַוראָרע פרעגט זיך אויס ביי זשאָרזשן, כלומרשט אין אַ שפאַס, וועגן איינער פון זיינע ליבע-אַוואַנטורעס, און ווי זשאָרזש האָט איר דערציילט, נישט לאָזנדיק זיך אַפילו צוויי מאָל בעטן. פון די אָפגעריסענע טיילן פון געשפרעך, מיט וועלכן זיי האָבן זיך לחלוטין נישט באַהאַלטן, איז ער געוויר געוואָרן, אַז אַוראָרע האָט זיך מיט אַ פיל גרעסערער פרייהייט באַצויגן צו די אַזוי גערופענע מאָראַלישע אידעען, ווי זשאָרזש אַליין. הגם זיי זענען געווען פאַרליבט איינער אין אַנדערן, האָט מען אָבער געפילט, אַז זיי באַטראַכטן זיך נישט, ווי אויף אייביק צוגעבונדן צו זיך; די ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ליבע און חתונה, האָבן זיי באַהאַנדלט מיט אַ געוויסער פרייהייט, וואָס האָט אַפילו געהאַט אַ געוויסן רייץ, עס האָט זיך אָבער נישט געפאַסט, געווען איינגאַנצן אַנדערש ווי אַמאָל, ווען מען האָט זיך מקריב געווען איינגאַנצן. קריסטאָף האָט דערויף געקוקט מיט אַ געוויסער מעלאַנכאָליע... ווי ווייט זיי זענען שוין אַוועק פון אים! ווי האַסטיק און ראַש עס פליט דאָס שיפל, וואָס טראָגט אַוועק אונזערע קינדער!... געדולד! ס'וועט קומען דער טאָג, ווען מיר אַלע וועלן זיך טרעפן ביי דער שוועל.

אָבער דאָס שיפל האָט זיך לגמרי נישט געזאָרגט, וווהין עס פאָרט; עס איז געשווימען מיט יעדן ווינט. — ס'האָט זיך אויסגעוויזן

ווי דער פרייהייטס-גייסט. וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו ענדערן די הערשנ־דיקע מדות, וועט, נאַטירלעך, אויך באַהערשן די געביטן פון געדאַנק און טאַט. ס'האָט זיך אָבער גאָרנישט אָנגעהויבן. די מענטשלעכע נאַטור האָט נישט קיין מורא פאַר קיין סתירות. אין דער זעלבער צייט, בעת די מדות זענען געוואָרן פרייער, איז דער שׂכל געפּענטעט געוואָרן: ער האָט אויפגעפּאָדערט די רעליגיע, זי זאָל אַרויפליגן אויף אים אַ צוים. און די דאָזיקע טאָפּעלע באַוועגונג אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען איז מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אומלאָגישקייט, געקומען צום אויסדרוק אין זייערעביידנס נשמות. זשאָרזש און אַוראָראַ זענען מיטגעריסן געוואָרן פון דער נייער קאַטוילישער באַוועגונג, וואָס האָט אַריינגעצויגן אין אירע רייען אַ געוויסן טייל פון די העכערע ספערן און אינטעלעקטואַליסטן. ס'איז באמת געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט צו הערן, ווי זשאָרזש, בטבע געניינט אַלץ צו קריטיקירן, אַן אפּיקורס דורך און דורך, וואָס האָט קיינמאָל נישט געטראַכט נישט וועגן גאָט, נישט וועגן טייוול, — אַן אמתער גאַליער, וואָס מאַכט חוזק פון אַלץ און פון אַלעמען, — האָט מיטאַמאָל דערקלערט, אַז דאָרט דאַרף מען זוכן דעם אמת. ער האָט געלעכצט נאָך אַן אמת, וואָס איז געווען אין הסכם מיט זיין דראַנג צו האַנדלונג, מיטן אַטאַוויזם פון אַ פראַנצויזישן בירגער און זיין איבערגעזעטיקייט מיט דער פרייהייט. דאָס יונגע פערדל האָט שוין גענוג געשטיפט; און איצט האָט ער מיטן אייגענעם ווילן געוואָלט, מ'זאָל אים אַרויפליגן אַ צוים אויפן קאַרק. דער ביישפּיל פון איינ־קע פריינטאיז געווען פולשטענדיק גענוג. זשאָרזש, שטאַרק עמפּינדלעך אויף די מינדעסטע אַטמאָספערישע ענדערונגען פון דער אַרומיקער געדאַנקען־וועלט, איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס זענען מיטגעריסן געוואָרן פון דער נייער באַוועגונג. אַוראָראַ איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי זי וואָלט עס געווען געטון אין יעדן אַנדערן פאַל. מיט איינמאָל זענען זיי געוואָרן זיכער אין זייערע אייגענע כּוחות און האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַציען מיט ביטול צו די אַלע, וואָס האָבן נישט געדענקט, ווי זיי. אָ, איראָניע! די דאָזיקע ביידע לייכטזיניקע קינדער האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן אויפריכטיק צו גלויבן; נישט געקוקט אויף זייער באַגער, איז ביז דעמאָלט נישט די מאָראַלישע ריינקייט, נישט די ערנסטקייט און די פלאַמענדיקע אָנשטרענגונג פון גראַציאַ און אָליוויער נישט געווען בכּוח צו דערוועקן אין זיי דעם גלויבן.

קריסטאָף האָט מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט די עוואָלוציע

פון די דאָזיקע ביידע נשמות. ער האָט עס צומאָל נישט געפרוווט באַקעמפן, ווי ס׳וואָלט עס געטון עמאַנועל, וואָס זיין פרייער אידעאַליזם האָט זיך געערגערט צוליבן צוריקקער פון אַלטן שונא. מ׳קעמפט נישט מיט אַ שטורעם־ווינט, מ׳וואַרט, ער זאָל פאַרביי. דער מענטשלעכער שכל איז געווען אויסגעמאַטערט. ער האָט נראָד דורכגעמאַכט אַ גיגאַנטישע אָנשטרענגונג. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָף; ווי אַ קינד, אויסגעמאַטערט נאָך אַ לאַנגן טאָג אַרבעט, האָט ער פאַרן שלאָף אָנגעהויבן תפלה צו טון. עס האָבן זיך צעפראַלט די טויערן פון די חלומות: טעאָזאָפישע, מיסטישע, עזאָטערישע און אָקולטיסטישע ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן אויפן מערב. אפילו די פילאָסאָפיע אַליין האָט זיך געוואַקלט. די גיגאַנטן פון פילאָזאָפישן געדאַנק, בערגסאָן, וויליאַם דזשעמס האָבן זיך געוואַקלט. אפילו אין דער וויסנשאַפט האָבן זיך באַוויזן סימפטאָמען פון דער מידקייט פון שכל. כאָטש אַפוואַרטן אַ ווײַלע, אַ רגע אָפּעטעמען... אויפצומאָרגנס וועט דער גייסט ווידער אויפוואַכן פון שלאָף, רירעוודיקער און פרומער... נאָך אַ שווערער אַרבעט איז געזונט צו שלאָפן. קריסטאָף, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט אויף איינצודרימלען, איז געווען גליקלעך, וואָס זיינע קינדער גענישן אָנשטאָט אים פון שלאָף, וואָס זיי האָבן ענדלעך דערגרייכט די רויקייט פון דער נשמה, די זיכערקייט פון גלויבן, און דעם אַבסאָלוטן צוטרוי צו זייערע חלומות. ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך טוישן מיט זיי. ער האָט אָבער געטראַכט אין האַרצן, אַז גראַציאַס אומעט און אָליוויערס אומרו, האָבן ענדלעך געפונען אַ תיקון אין די נשמות פון זייערע קינדער, און אַזוי איז מסתמא גוט.

— אַלץ, וואָס מיר האָבן געליטן, איך, מיינע פריינט און די אַלע אומבאַקאַנטע, וואָס האָבן געלעבט פאַר אונז, זיי אַלע האָבן עקזיסטירט, כדי די ביידע קינדער זאָלן זיין גליקלעך... יענץ גליק, צוטאַנעט, וואָס דו ביסט געווען פאַר אים באַשאַפן, און וואָס איז דיר נישט באַשערט געווען ביים לעבן!... אָ, ווען די אומגליקלעכע מענטשן וואָלטן געקאָנט פאַרויספילן דאָס גליק, וואָס וועט געבוירן ווערן פון זייערע קרבנות!

צו וואָס האָט ער געדאַרפט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם דאָזיקן גליק? מ׳דאַרף נישט פאָדערן, אַז אַנדערע זאָלן זיין גליקלעך אויף

אונזער שטייגער. זאָלן זיי געניסן פון גליק, ווי זיי אַליין פאַר־שטייען. ער האָט העכסטנס געפאָדערט פון זשאָרזשן און אָוראַראַן, אַז זיי זאָלן זיך נישט באַציִען מיט ביטול צו די יעניקע, וואָס גלויבן נישט אַזוי, ווי זיי.

זיי האָבן זיך אַפילו נישט געגעבן די מי מיט אים זיך צו שפּאַרן. ס'האָט זיך געדאַכט, ווי זיי וואָלטן גערעדט:

— ער קאָן נישט פאַרשטיין...

אין זייערע אויגן האָט ער געהערט צו דער פאַרגאַנגנהייט, און זיי האָבן אָפן דערקלערט, אַז זיי האַלטן נישט איבעריק שטאַרק פון דער פאַרגאַנגנהייט. עס פלעגט זיי אויסקומען טייל מאָל אומשולדיק צו פלוידערן וועגן דעם, וואָס ס'וועט זיין שפּעטער, ווען קריסטאָף „וועט שוין מער נישט זיין"... — אָבער נישט געקוקט דערויף, האָבן זיי אים שטאַרק ליב געהאַט... אָ, די דאָזיקע שרעקלעכע קינדער, וואָס וואַקסן אַרויס אַרום אונז, ווי ליאַנעס! יענע קראַפט פון דער נאַטור, וואָס איילט זיך אין איין אימפּעט, און טרייבט אונז אַוועק...

— טראָגסט דיך אָפּ? טראָג דיך אָפּ! אַראָפּ פון וועג, איצט איז מיין צייט!...

קריסטאָף, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו זייערע שטומע רייד, האָט געהאַט חשק זיי צו ענטפערן:

— איילט אייך נישט אַזוי! ס'איז מיר דאָ זייער גוט. באַטראַכט מיך נאָך ווי אַ לעבעדיקן מענטש.

עס האָט אים געוויילט זייער נאַיווע אימפּערטינענץ.

— זאָגט כאָטש אָפּן, — האָט ער זיך איינמאָל גוטמוטיק צו זיי אָנגערופן, בעת זיי האָבן אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ חוזק־בליק — זאָגט כאָטש אָפן, אַז איך בין אַן אַלטער שוטה.

— וואָס עס פאַלט דיר איין, מיין אַלטער פריינט, — האָט גע־זאָגט אָוראָראַ, לאַכנדיק פון גאַנצן האַרצן — איר זענט דער בעסטער; ס'זענען אָבער פאַראַן זאַכן, וואָס איר האָט נישט וועגן זיי קיין אַנונג.

— און דו ווייסט יאָ, קליין מיידעלע? קוקט נאָר אָן די חכמה!

— מאַכט נישט חוזק. כ'ווייס, וואָס אַן אמת, נישט קיין סך, ער אָבער, זשאָרזש, ווייסט אַלץ.

קריסטאָף האָט געשמייכלט:

— יאָ, דו ביסט גערעכט, מיין קליינע. דער, וואָס מ'האָט אים ליב, דער ווייסט אַלץ.

ס׳איז אים געווען אַ סך לייכטער זיך אונטערצוגעבן זייער אינטעלעקטועלער העכערקייט, ווי צו דערטראָגן זייער מוזיק. זיי האָבן אויסגעשטעלט זיין געדולד אויף אַ שווערן נסיון. בעת זיי פלעגן קומען צו אים, האָט דער קלאַוויר נישט געהאַט קיין איין מינוט קיין רו. מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי די ליבע וואָלט זיי פאַרוואַנדלט אין צוויטשערנדיקע פייגעלעך. זיי זענען אָבער ווייט געווען פון פאַרגלייכן זיך מיט זייער געזאַנג צו די פייגל. אַוראָראַ האָט זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס בנוגע איר געזאַנג. גאַנץ אַנדערש האָט זי אָבער אָפּגעשאַצט דעם טאַלענט פון איר חתן. זי האָט נישט געזען קיין שום אונטערשיד צווישן דעם שפּיל פון זשאָרזשן און פון קריסטאָפן. ס׳קאָן אויך זיין, אַז זי האָט ליבער געהאַט זשאָרזשס שפּילן. ער טאַקע, נישט געקוקט אויף זיין איידעלער איראָניע, האָט זיך כמעט געלאָזט איבעררעדן פון זיין כּלה. קריסטאָף האָט זיי נישט אַרויסגעפירט פון זייער טעות; פאַרקערט, ער פלעגט אָפט בייזוויליק צושטימען צו אירע רייד (חוץ די פאַלן, בעת ער האָט שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איז אַרויס, אַ קלאַפּ טוענדיק צו האַסטיק מיט דער טיר). מיט אַ האַרציקן און רחמנותדיקן שמייכל האָט ער געהערט, ווי זשאָרזש האָט געשפּילט ט ר י ס ט אַ נ ע ן. דאָס דאָזיקע קליינע, פּשוטע מענטשעלע האָט אויסגעפירט די דאָזיקע שטורעמדיקע זייטלעך פון זיין ווערק מיט אַ געוויסנסהאַפטער פּינקטלעכקייט און מיט אַ צאַרטער מיידלשער זיסקייט, איבערגעפולט פון פּראָסטע געפילן. קריסטאָף האָט שטיל געלאַכט אין האַרצן. ער האָט נישט געוואָלט זאָגן דעם יונגנמאַן, פאַרוואָס ער האָט געלאַכט. ער האָט אים אַרומגענומען און געקושט. ער האָט אים ליב געהאַט, אָט אַזוי ווי ער שטייט און גייט. אפשר דערפאַר האָט ער אים טאַקע שטאַרקער ליב געהאַט... אָרעמער ייִנגל! אָ, קינסטלערישע אייטלקייט!...

ער פלעגט אָפט שמועסן וועגן „זיינע קינדער" (אַזוי פלעגט ער זיי רופן) מיט עמנואלן. עמנואל, וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו זשאָרזשן, פלעגט זיך וויצלען און זאָגן, אַז קריסטאָף וואָלט אים געדאַרפט אָפטרעטן, וואָרום ער האָט שוין געהאַט אַוראַן: דאָס איז נישט יושרדיק אַלץ פאַר זיך צו פאַרכאַפן.

הגם זיי האָבן געלעבט אָפגעזונדערט פון אַלעמען, איז זייער פריינטשאַפט כמעט געוואָרן לעגענדאַר אין דער פאַריזער וועלט. עמנואל האָט ליידנשאַפטלעך ליב באַקומען קריסטאָפן. ער האָט אים נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין ליבע, וואָרום ער איז געווען צו שטאָלץ, און ער פלעגט מאַסקירן זיינע געפילן מיט זיין אומגעלומפערטער באַנעמונג. אָפטמאָל פלעגט ער זיך בייזערן אויף אים. קריסטאָף האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אַראָפפירן פון וועג. ער האָט געוווּסט, ווי ווייט דאָס דאָזיקע האַרץ איז אים געווען איבערגעגעבן, און געוווּסט, ווי דאָס אָפּצושאַצן. ס'איז נישט געווען די וואָך, אַז זיי זאָלן זיך נישט האָבן געזען אַ צוויי דריי מאָל. בעת זייער שלעכטער געזונט-צושטאַנד האָט זיי נישט דערלויבט אַרויסצוגיין, האָבן זיי זיך איבערגעשריבן. די בריוו האָבן זיך אויסגעוויזן צו קומען פון ערגעץ ווייט. די אויסערלעכע געשעענישן האָבן זיי אינטערעסירט אַ סך ווייניקער, ווי דער פּראָגרעס פון מענטשלעכן גייסט אין דער וויסנשאַפט און קונסט. זיי האָבן געלעבט פאַרשלאָסן אין זייער געדאַנקען־וועלט, טראַכטנדיק אַ סך וועגן זייער קונסט, אָדער נאָכגעשפּירט אינמיטן דעם תוהו־ובוהו פון פאַקטן, דאָס קליינע, קוים אָנזעעוודיקע ליכט, וואָס שטראַלט אויף אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט.

קריסטאָף פלעגט זייער אָפט קומען צו עמנואלן. נישט געקוקט

דערויף, וואָס זינט דער לעצטער קראַנקהייט, האָט ער זיך געפּילט נישט פיל בעסער, ווי זיין פריינט, איז ער געוווינט געווען צו האַלטן פאַר נאַטירלעך, אַז עמאַנועל האָט מער רעכט מ׳זאָל זיך רע־כענען מיט זיין געזונט. קריסטאָפן איז גאָרנישט לייכט אָנגעקומען צו שלעפּן זיך איבער זעקס שטאָק צו עמאַנועלן, און אַז ער איז שוין אַרויפגעקומען אויפן זעקסטן שטאָק, האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, ביז ער איז געקומען צו זיך. סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער האָבן זיך ווייניק געזאָרגט וועגן זייער געזונט. נישט גע־קוקט דערויף, וואָס זיי האָבן געליטן אויף כסדרדיקע שטיקונגס־אָנ־פאַלן אין די לונגען, האָבן זיי פונדעסטוועגן גערויכערט, ווי די משוגעים. און טאַקע דערפאַר האָט קריסטאָף ליבער געוואָלט זיך זען מיט עמאַנועלן ביי אים אין דער וווינונג, ווי ביי זיך אין דער היים, וואָרום אוראַרא האָט געפּירט מיט אים אַן אמתע מלחמה צו־ליב זיין מאַניע צו רויכערן; ער פלעגט זיך דעריבער באַהאַלטן פאַר איר. ס׳פלעגט זיך טרעפן, אַז ביידע פריינט האָבן בעת אַ שמועס מיטאַמאָל באַקומען אַ הוסט־אָנפאַל; דעמאָלט פלעגן זיי אויפהערן צו רויכערן און אָנקוקן זיך מיט אַ שמייכל, ווי חדר־ייִנגלעך, וואָס מ׳האָט זיי געכאַפּט ביי דער האַנט. אָפּטמאָל, ווען איינער האָט זיך צעהוסט, פלעגט אים דער אַנדערער מאַכן פאָרווורפן; ווי נאָר דער אָנפאַל האָט זיך איינגעשטילט, פלעגט דער אַנדערער ענערגיש טענהן, אַז דער רויך שאַדט אים בשום אופן נישט.

אויף עמאַנועלס טיש, אויף אַ פרייען פלאַץ צווישן די פאַפּירן, איז געלעגן אַ גרויסע קאַץ, וואָס האָט באַטראַכט ביידע רויכערער מיט אַן ערנסטן בליק, פול מיט פאָרווורפן. קריסטאָף פלעגט זאָגן, אַז די קאַץ איז זייער לעבעדיקער געוויסן; ער האָט איבערגעדעקט די קאַץ מיטן הוט, כדי אויף אַזאַ אופן צו דערשטיקן זיין געוויסן. דאָס איז געווען אַ קרענקלעכע קאַץ, פון אַ גאַנץ געוויינלעכן מין, וואָס עמאַנועל האָט זי אַ האַלב טויטע געפונען אויף דער גאַס. זי איז שוין קיינמאָל נישט געקומען צו די כוחות, זי פלעגט עסן ווייניק, כמעט אינגאַנצן זיך נישט געשפּילט און נישט אָנגעמאַכט קיין שום טומל; די קאַץ פלעגט נישט אַראָפּלאָזן אירע מילדע, שכל־דיקע אויגן פון איר באַלעבאָס, און איז געווען אומגליקלעך, בעת ער איז נישט געווען, און צופרידן, בעת זי איז געלעגן נעבן אים אויפן טיש; זי פלעגט זעלטן איבעררייסן אירע רעיונות, חוץ דע־

מאָלט, בעת זי פלעגט גאַנצע שעהן, ווי אין עקסטאַז, זיך פאַרקוקן אויף דער שטייג מיט די קליינע פייגעלעך, צו וועלכע זי האָט נישט געקאָנט צוקומען; זי פלעגט אַ ברום טון, בעת מ׳פלעגט אויף איר אויפמערקזאַם ווערן, אָננעמען מיט געדולד עמאַנועלס קאַפּריזנע צערטלעכקייטן און די עטוואָס האַרטע צערטלעכקייטן פון קריסטאָפן און געהיט זיך אַלעמאָל, חס־וחלילה קיינעם נישט צו צעקראַצן. זי איז געווען דעליקאַט, איין אויג האָט איר כסדר געטרערט; זי פלעגט כסדר הוסטן. ווען זי וואָלט געקאָנט רעדן, וואָלט זי זיכער חוצפּהדיק געטענהט, ווי די ביידע גוטע פריינט, אַז „דער רויך שאַדט איר נישט". פון זיי האָט זי אַלץ פאַר ליב אָנגענומען, זי האָט זיך אויסגעוויזן צו טראַכטן:

— זיי זענען דאָך מענטשן, זיי ווייסן נישט, וואָס זיי טוען.

עמאַנועל האָט זיך צוגעבונדן צו איר, מחמת דעם, וואָס ער האָט געפונען אַן ענלעכקייט צווישן איר גורל און זיינעם. קריסטאָף האָט געהאַלטן, אַז זיי האָבן אפילו אַן ענלעכן אויסדרוק פון די אויגן.

— פאַרוואָס־זשע נישט? — פלעגט עמאַנועל ענטפערן.

די חיות ווערן באַאיינפלוסט פונם מיליע, זייער פיזיאָגנאָמיע פורעמט זיך אָפּהענגיק פונם לעבנס־שטייגער פון זייערע באַלעבאַטים. די קאַץ פון אַ שוטה האָט נישט דעם זעלבן בליק, ווי אַ קאַץ פון אַ קלוגן מאַן, אַ הויז־חיה קאָן זיין גוט אָדער שלעכט, אויפריכטיק אָדער פאַרשלאָסן, שאַרפזיניק אָדער טעמפּ, נישט נאָר לויטן מוסטער, וואָס זי באַקומט פון איר באַלעבאָס, נאָר אויך לויט דעם, וואָס איר באַלעבאָס איז. זי קאָן זיך אפילו באַגיין אָן דער מענטשלעכער השפּעה, די מיליע פורעמט די חיות לויט זיין געשטאַלט. די אויגן פון די חיות לויכטן אויף אין אַן אינטעליגענטער אומגעבונג. — די גרויע קאַץ פון עמאַנועל האָט האַרמאָניזירט מיטן דעמפּיקן מאַנסאַרד און קראַנקן באַלעבאָס, וואָס האָט געלעבט אונטערן פאַריזער הימל.

עמאַנועל איז געוואָרן מענטשלעכער אין זיין באַנעמונג. ער איז מער נישט געווען דער זעלבער, ווי אין די ערשטע צייטן פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט קריסטאָפן. אַ פּריוואַטע טראַגעדיע האָט אים טיף דערשיטערט. זיין חברטע, וואָס ער האָט איר אין אַ מאָמענט פון שטאַרקער אויפרעגונג געגעבן קלאָר צו פאַרשטיין, אַז איר ליבע איז אים שוין צוגעגעסן, איז מיטאַמאָל נעלם געוואָרן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זי אַרומגעזוכט, באַהערשט פון אַן אומרו. סוף־כל־סוף

האָט ער זי געפונען ערגעץ אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, ווו מ'האָט זי פאַרהאַלטן. זי האָט זיך געוואָלט וואַרפן אין דער סענע, אַ דורכגייער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן קלייד אינם מאָמענט, בעת זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן אָנלען פון דער בריק. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוגעבן איר נאָמען און אַדרעס; זי האָט אויפסניי געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. דער אָנבליק פון אירע יסורים האָט עמאַנועלן שטאַרק דערשלאָגן; ער האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז נאָכדעם, ווי ער האָט אַזוי פיל געליטן פון אַנדערע, זאָל ער איצט אַליין פאַרשאַפן יסורים. ער האָט אַהיימגענומען די זעלבסטמערדערין און זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך צו פאַרהיילן די ווונד, וואָס ער האָט איר געמאַכט, ווי אויך צוריקצוקערן זיין פריינדין דעם גלויבן אינם געפיל, וואָס זי האָט פון אים געפאָדערט. ער האָט דערשטיקט דעם בונט אין זיין האַרצן, ער האָט זיך מיאש געווען פונם קאַמף מיט דער דאָזיקער אַבסאָרבירנדיקער ליבע און ער האָט איר אַוועקגעגעבן די רעשטלעך פון זיין לעבן. די גאַנצע קראַפט פון זיין זשעני האָט זיך קאָנצענטרירט אין האַרצן. דער דאָזיקער אַפּאָסטאָל פון דער טאַט איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס'איז נאָר פאַראַן איין גוטע טאַט: נישט צו טון קיין שלעכטס. זיין ראָל איז געווען געענדיקט. ווייזט אויס, אַז די קראַפט, וואָס טרייבט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך די ריזיקע מענטשלעכע כוואַליעס, האָט זיך בלויז באַנוצט מיט אים, ווי מיט אַן אינסטרומענט צו באַפרייען די טאַט. ער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווי נאָר ער האָט אויסגעפירט דעם באַפעל: די האַנדלונג האָט זיך סיי־ווי־סיי אַנטוויקלט אָן זיין אָנטייל. ער האָט באַטראַכט איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און שלום געמאַכט מיט די אומגערעכטיקייטן, וואָס האָבן אים פערזענלעך געטראָפן, דערפאַר האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם אונטערגאַנג פון זיין גלויבן. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער אַלס פריידענקער האָט זיך געהאַלטן פריי פון יעטוועדער רעליגיע און ער האָט אין אַ לצנותדיקן טאָן אָנגערופן קריסטאָפן: פאַרמאַסקירטער קלעריקאַל, — האָט ער, ווי יעדער שטאַרקער גייסט, געהאַט זיין אַלטאַר, אויף וועלכן ער האָט מקריב געווען די חלומות פון זיין לעבן. איצט איז דער אַלטאַר געווען פוסט; און עמאַנועל האָט דערפון שטאַרק געליטן. צי קאָן מען אָן אַ ווייטיק אין האַרצן זיך צוקוקן, ווי די הייליקע אידעען, — וואָס אין זייער נאָמען האָבן

די בעסטע זינט הונדערט יאָר געליטן די שרעקלעכסטע יסורים. און זיי מיט גרויס מאַטערניש דערפירט ביז צו אַ נצחון, — ווערן איצט אַזוי אומברחמנותדיק צוטרעטן דורך די, וואָס קומען! מיט וואָס פאַרא בלינדער ברוטאַליטעט האָט דער יונגער דור אַ תל געמאַכט פון דער גלענצענדער ירושה פון פראַנצויזישן אידעאַליזם, — פון יענעם גלויבן אין דער פרייהייט, וואָס האָט געהאַט זיינע הייליקע, זיינע קדושים, העלדן, פון דער ליבע צו דער מענטשהייט, פון דער רעליגיעזער בענקשאַפט צו דער פאַרברודערונג פון די פעלקער און ראַסן! וואָס פאַרא שרעקלעכע משוגעת האָט עס גורם געווען, אַז מ׳זאָל אָנהויבן צו באַדויערן די פאַרזעעניש, וואָס מיר האָבן באַזיגט, אַז מ׳זאָל זיך ווידער איינשפאַנען אין יאָך, וואָס מיר האָבן צעבראָכן, און מ׳זאָל אָנהויבן מיט געוואַלט צו פאָדערן דעם צוריקקער פונם קעניגרייך פון דער פויסט, און פונאַנדערפלאַקערן אַ שרעקלעכע שנאה און אַ קריגס-משוגעת אין סאַמע האַרצן פון מיין פראַנקרייך?

— דאָס קומט נישט פאַר בלויז אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט, — פלעגט קריסטאָף זאָגן מיט אַ שמייכל — פון שפאַניע ביז כינע ווילדעוועט דער שטורעם. ס׳איז נישט פאַראַן קיין איין ווינקל, ווו מ׳זאָל זיך קאָנען באַהאַלטן פאַרן שטורעם-ווינט! עס הויבט אָן לעכערלעך צו ווערן: אפילו מיין שווייץ הויבט אויך אָן צו ווערן נאַציאָנאַליסטיש!

— דאָס פרייט דיך?

— נאַטירלעך, דאָס איז בלויז אַ באַווייז, אַז די דאָזיקע באַוועגונגען זענען נישט דער אויסדרוק פון די לעכערלעכע ליידנשאַפטן פון אייניקע מענטשן, דאָס באַווייזט, אַז עס איז פאַראַן אַ באַהאַלטענער גאָט, וואָס פירט אָן מיט דער וועלט. און פאַרן דאָזיקן גאָט מוז איך אַראָפּבויגן דעם קאָפּ. אויב איך פאַרשטיי אים נישט, איז עס מיין שולד און נישט זיינע. אדרבא, פראָביר אים צו פאַרשטיין. ווער פון אייך זאָרגט זיך, איבריקנס, וועגן אים? איר לעבט פון טאָג צו טאָג, איר זעט נישט ווייטער, ווי אייער אויג גרייכט, און איר רעדט אייך איין, אַז דאָס איז דער סוף פונם וועג. איר זעט די כוואַליע, וואָס טראָגט אייך אַוועק, און איר באַמערקט נישט דעם ים! די כוואַליע פון היינט, דאָס איז די כוואַליע פון נעכטיקן טאָג, דאָס איז די כוואַליע פון אונזערע נשמות, וואָס האָט זיי געוויזן דעם וועג. די כוואַליע פון היינטיקן טאָג וועט אַריינברענגען אין באַוועגונג די

כוואַליע פון מאָרגן, וואָס מאַכט זי פאַרזינקען אינם תהום פון פאַרגעסנ־קייט. פונקט ווי מ׳האָט אין איר געמאַכט פאַרזונקען אונזער כוואַליע. איך האָב נישט קיין מורא און כ׳ווער אויך נישט נתפעל פון היינטיקן נאַציאָנאַליזם. ער וועט אַוועקפליסן מיט זיין שעה; ער גייט פאַרביי, ער איז שוין פאַרביי. ער איז אַ שטאַפל אין דער לייטער. גיי אַרויף אויפן שפּיץ! ער איז דער אַוואַנגאַרד פון דער אַרמיי, וואָס קומט אָן. מ׳הערט שוין אירע סיגנאַלן און טרומייטערס!...

(קריסטאָף האָט אָנגעהויבן צו פּויקן מיט די פינגער איבערן טיש, אַזש די קאַץ, וואָס איז ביז איצט געשלאָפן, האָט אויפגעצאַפּלט.)

...יעדעס פאָלק פילט ביים היינטיקן טאָג אַ געוואַלטיקע נויט־ווענדיקייט צוזאַמענצונעמען זיינע כּוחות און דורכצופירן אַ בילאַנס פון זיינע קרעפטן. וואָרום זינט אַ גאַנצן יאָרהונדערט האָבן די פעלקער זיך איבערגעאַנדערשט אַ דאַנק דעם קעגנזייטיקן אַדורכדרינגען און דער אומגעהייערער זאַמלונג פון די פאַרשידנסטע אינטעליגענצן, וואָס האָבן אויפגעבויט די מאָראַל, די וויסנשאַפט, דעם נייעם גלויבן. יע־דערער מוז האַלטן אַן עקזאַמען פון זיינע ידיעות און אָפּגעבן זיך אַ גענויען דין וחשבון, ווער ער איז און וואָס ברענגט ער מיט זיך מיט אינם נייען יאָרהונדערט. עס גייט אַ נייע עפּאָכע. די מענטשהייט שליסט אַ נייעם אָפּמאַך מיטן לעבן. די מענטשלעכע געזעלשאַפט וועט אויפלעבן אויף נייע יסודות. מאָרגן איז זונטיק. יעדערער מאַכט צום סוף פון דער וואָך אַ חשבון, יעדערער וואַשט און רייניקט אויס זיין וווינונג, איידער ער וועט צוזאַמען מיט אַנדערע זיך שטעלן פאַר גאָט און שליסן מיט אים אַ נייעם אָפּמאַך.

עמאַנועל האָט באַטראַכט קריסטאָפן; אין זיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די וויזיע פון דער צוקונפט, וואָס קומט. ער האָט אַ לאַנגע ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— דו ביסט גליקלעך, קריסטאָף! דו זעסט נישט די פינסטערניש פון דער נאַכט.

— איך זע אין דער נאַכט־פינסטערניש, — האָט קריסטאָף געענט־פערט — איך האָב זייער לאַנג געלעבט אין דער פינסטערניש. איך בין אַן אַלטע אייל.

אין יענער צייט האָבן זיינע פריינט באַמערקט אַ געוויסע ענרע־רונג אין זיינע מאַניערן. ער איז אָפט געווען צעטראָגן, ווי אָפּוועזנר ער האָט נישט אַלעמאָל געהערט, וואָס מ׳האָט צו אים גערעדט. ער איז געווען פאַרטראַכט און אָפט געשמייכלט. בעת מ׳פלעגט אים אויפ־מערקזאַם מאַכן אויף זיין צעטראָגנקייט, פלעגט ער זיך האַרציק אַנט־שולדיקן. ער פלעגט אָפט רעדן וועגן זיך, ווי וועגן אַ דריטער פּערזאָן:

— קראַפּט וועט עס אייך באַזאָרגן...

אָדער...

— קריסטאָף וועט לאַכן...

די, וואָס האָבן אים נישט געקענט, פלעגן זאָגן:

— וואָס פאַר אַ גאווה!

ס׳איז געווען פונקט פאַרקערט. ער האָט געקוקט אויף זיך פון דרויסן, ווי אַ פרעמדער מענטש. ער האָט זיך געפונען אין דעם צו־שטאַנד, ווען אַ מענטש פאַרלירט אַפילו דעם אינטערעס צום קאַמף פאַר דער שיינקייט, וואָרום ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט שוין דאָס זייניקע געטון און איז געווען געניגט צו גלויבן, אַז אויך אַנדערע וועלן טון דאָס זייעריקע — און סוף־כל־סוף, ווי ראָדען זאָגט: „דאָס שיינע וועט אַלעמאָל אָפּהאַלטן אַ נצחון!״ די מענטשלעכע עוולות און אומגערעכטיקייטן האָבן אים שוין מער נישט אַרויסגעבראַכט פון די כלים. — ער פלעגט מיט אַ שמייכל זאָגן, אַז דאָס איז נישט נאַטיר־לעך, אַז דאָס לעבן פאַרלאָזט אים.

און אין דער אמתן, האָט ער שוין מער נישט פאַרמאָגט זיינע אַמאָליקע כוחות. די מינדסטע פיזישע אָנשטרענגונג, אַ לאַנגער שפּאַציר, האָבן אים שנעל פאַרמאַטערט. ביי אַ ליאַדע אָנשטרענגונג פלעגט ער פאַרלירן דעם אָטעם און פילן אַ ווייטיק אין האַרצן. ער פלעגט אָפט זיך פאַרטראַכטן וועגן זיין אַלטן פריינט, שולץ. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן זיינע געפילן. צו וואָס? מ׳פאַרשאַפט יענעם צער, און זיך אַליין העלפט מען וויניק. ער האָט זיך איבעריקנס, נישט באַ־צויגן גאָר ענסט צו זיינע מיחושים. אַ סך מער, ווי פאַר דער קראַנקי

הייט, האָט ער מורא געהאַט, מ'זאָל אים נישט הייסן אַמאָל זיך היילן.

ווי אין אַ געהיימען פּאַראַגראַף פון זיין נאָענטן סוף, איז ער מיטאַמאָל באַהערשט געוואָרן פון אַ געוואַלדיקן באַגער נאָך איין מאָל צו זען זיין פאָטערלאַנד. דאָס איז געווען אַ פּראָיעקט, וואָס ער האָט אָפּגעלייגט פון יאָר צו יאָר. ער פלעגט אַלעמאָל זאָגן: איבער אַ יאָר... דאָסמאָל האָט ער זיך לענגער נישט געזוימט...

ער איז אַרויסגעפאָרן בסוד און קיינעם נישט צו וויסן געטון וועגן זיין אַרויספאָר. די נסיעה האָט נישט געדויערט לאַנג. קריסטאָף האָט שוין נישט געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. די ענדערונגען, וואָס ער האָט פאַרויסגעזען, בעת זיין לעצטער רייזע, זענען איצט מקוים געוואָרן: דאָס קליינע געבוירן-שטעטל איז איצט געוואָרן אַ גרויסער אינדוסטריעלער צענטער. די אַלטע הייזלעך זענען פאַרשוווּנדן. פאַרשוווּנדן איז אויך דער בית-עלמין. אויפן פּלאַץ פון סאַבינעס פאַרם האָט אַ פאַבריק אַרויסגעשאָסן צום הימל אירע הויכע קוימענס. דער טייך האָט פולשטענדיק אָפּגעשווענקט די לאָנקעס, ווו קריסטאָף פלעגט זיך שפּילן אַלס קינד. איין גאַס, (נאָך וואָס פאַר אַ גאַס!) איינגעשפּאַרט צווישן שמוציקע, קוויטיקע געביידעס, האָט געטראָגן זיין נאָמען. דאָס אַמאָליקע איז אָפּגעשטאָרבן, אפילו דער טויט אַליין!... פאַרפאַלן! דאָס לעבן איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג; ס'קאָן זיין, אַז אַנדערע קליינע קריסטאָפס האָבן געחלומט, געליטן און געקעמפּט אין די עלנטע הייזלעך פון דער גאַס, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען.

אויף אַ קאָנצערט אין דער ריזיקער „טאָנהאַללע” האָט ער געהערט אויספירן איינס פון זיינע ווערק, אַזוי שלעכט און קאַפּויער, אַז ער האָט עס קוים פאַרשטאַנען... פאַרפאַלן! שלעכט פאַרשטאַנען, וועט עס אפשר אויפוועקן צום לעבן בייע ענערגיעס. מיר האָבן געוואָרפן דעם זאָמען. טוט דערמיט, ווי עס געפעלט אייך; דערנערט זיך מיט אונז!

קריסטאָף האָט אין בין-השמשות שפּאַצירט הינטער דער שטאָט, איבער די פעלדער, איינגעהילט אין געדיכטע נעפּלען, און געטראַכט וועגן די געדיכטע נעפּלען, וואָס רינגלען אַרום זיין לעבן, וועגן די געליבטע וועזנס, וואָס האָבן געפונען אין דער ערד זייער אייביקע רו און אַ מקום-מקלט אין זיין הארצן, און וועלכע וועלן צוזאַמען מיט אים איינגעשלונגען ווערן דורך דער צופאַלנדיקער נאַכט... פאַרפאַלן! וואָס קאָן מען טון! איך האָב נישט קיין מורא פאַר דיר, אָ נאַכט

וואָס דו ביסט די מאַמע פון ליכט! אויפן אָרט פון איין שטאַרבנדיקן שטערן, וועלן אויפפלאַקערן טויזנטער נייע שטערן. דער תהומיקער חלל באָדט זיך אין ליכטיקייט, פונקט ווי אַן איבערגעפולט גלאָז מיט קאָכעדיקער מילך. דו וועסט מיך קיינמאָל נישט באַקומען. דער אָטעם פון טויט וועט אויפסניי צעפלאַקערן מיין לעבן.

בעת ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דייטשלאַנד, האָט ער באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן אין דער שטאָט, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט אַננאַ. זינט ער האָט זי פאַרלאָזן, האָט ער מער וועגן איר נישט געהערט. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט זיך נאָכצופרעגן אויף איר. ער פלעגט ממש אויפציטערן ביים בלויזן קלאַנג פון איר נאָמען... איצט איז ער געווען רויק. ער האָט פאַר קיין זאַך נישט מורא געהאַט. אָבער אין אָוונט, בעת ער איז געזעסן אין האָטעל־צימער, וואָס זיינע פענסטער גייען אַרויס צום רהיין, האָבן די באַקאַנטע גלאָקן־טענער, וואָס זאָגן אָן דעם מאָרגנדיקן יום־טוב, אויפגעוועקט אין אים די בילדער פון דער פאַרגאַנגנהייט. פונם טייך האָבן זיך געטראָגן די געשפּענסטער פון דער אַמאָליקער געפאַר, וואָס ער האָט זי קוים געקאָנט פאַרשטיין. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט, פאַרזונקען אין זכרונות. ער האָט געפילט, אַז ער האָט זיך באַפרייט פון שרעקלעכן דעמאָן, און דאָס איז געווען פאַר אים אַ טרויעריקע טרייסט. ער האָט נאָך אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער וועט טון מאָרגן. אַ רגע האָט ער געהאַט בדעה—(דאָס, וואָס איז געווען, איז שוין אַזוי ווייט) צו באַזוכן די בראַונס. אָבער אויפצומאָרגנס האָט אים פאַרפעלט מוט; ער האָט צומאָל נישט געהאַט קיין כוח נאָכצופרעגן זיך אין האָטעל, צי דער דאָקטאָר און זיין פרוי לעבן נאָך. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן...

אין דער לעצטער שעה האָט אַן אומפאַרמיידלעכער כוח אים געצוווּנגען צו באַזוכן די קירך, ווו אַננאַ פלעגט אַמאָל דאַווענען; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט הינטער אַ פילאַר, פון וואַנען ער האָט געקאָנט זען די באַנק, ווו זי פלעגט אַמאָל קניענדיק בעטן. ער האָט געוואָרט איבערצייגט, אַז אויב זי לעבט נאָך, וועט זי מסתמא קומען.

און אין דער אמתן, אַ פרוי איז אַריין; ער האָט זי נישט דערקענט. זי איז געווען ענלעך צו אַ סך אַנדערע: אַ דיקלעכע, מיט אַ פול געזיכט, אַ פעטן קינבאָרד און אַ גלייכגילטיקן און שטרענגן אויסדרוק פון פנים. זי איז געווען געקליידט אין שוואַרצן. זי האָט

זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און געזעסן אַזוי, אומבאַוועגלעך. משמעות, זי האָט נישט געדאַוונט און נישט צוגעהערט זיך צו די תּפילות; זי האָט בלויז געקוקט פאַר זיך. די דאָזיקע געשטאַלט האָט אַבסאָלוט נישט דערמאָנט קריסטאָפן די פרוי, וואָס ער האָט אָפּגע־וואַרט. איינס אָדער צוויי מאָל האָט ער באַמערקט ביי איר אַן אויס־טערלישן זשעסט, ווי זי וואָלט אויסגעגלייכט די פאַלדן פון קלייד אויף די קני. דאָס איז אַמאָל געווען איר זשעסט... נאָך דער תּפילה איז זי פּאַמעלעך פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים, אַן אויסגעגלייכטע, האַלטנדיק דאָס געבעט־בוך אין די, אויפן בויך פאַרלעגטע הענט. אַ ווײַלע האָבן זיך אירע טונקעלע, מאַטע אויגן אָפּגעשטעלט אויף קריסטאָפס פיגור, און זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. זיי האָבן זיך אָבער נישט דערקענט. זי איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גלייכע און אַ שטייפע און האָט צומאָל נישט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ. אין אַ רגע שפּע־טער, ווי געטראָפן דורך אַ בליץ, האָט ער מיטאַמאָל, אַ דאַנק אַ גע־וויסן קנייטש אין די ליפּן, הינטער אַן אייזקאַלטן שמייכל, דערקענט די ליפּן, וואָס ער האָט אַמאָל געקושט... ס׳האָט אים פאַרפּעלט אָטעם, די קני האָבן זיך אים איבערגעבויגן. ער האָט געטראַכט:

— אָ, רבונו של עולם, איז דאָס דער גוף, וווּ ס׳האָט אַמאָל געוווינט די פרוי, וואָס איך האָב ליב געהאַט? וווּ איז זי? וווּ איז זי אַהינגעקומען? און וווּ בין איך אַליין? וווּ איז דער, וואָס האָט זי ליב געהאַט? וואָס בלייבט פון אונז און פון דער אַכזריותדיקער ליבע, וואָס האָט אונז אויפגעפרעסן? — אַש. וווּ איז אָבער דאָס פייער?

און זיין גאָט האָט אים געענטפערט:

— אין מיר.

דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן, און צום לעצטן מאָל האָט ער זי געזען, — צווישן דעם המון, — בעת זי איז אַרויס־געגאַנגען דורכן טויער, צו דער זון.

אַ קורצע צייט נאָך זיין צוריקקער קיין פּאַריז האָט ער גע־שלאָסן שלום מיט זיין אַלטן פיינט, לעווי־קער. יענער האָט אים אַ לאַנגע צייט באַקעמפט, נישט שפּאָרנדיק דערביי קיין ביזוויליקן טאַ־

לענט, ווי אויך קיין שלעכטן גלויבן. דערנאָך, אַז ער האָט שוין גע־האַט דערגרייכט דעם גרעסטן ערפאָלג און זיך אָנגעזעטיקט מיט כבוד, האָט ער אַ באַרויקטער און באַהערשט פון לאַנגווייליקייט, גע־ווּסט אין האַרצן, ווי אָפּצושאַצן קריסטאָפס גאונות. ער האָט אויך געמאַכט די ערשטע שלום־שריט. קריסטאָף האָט אָבער זייער ווייניק אַכט געלייגט אויף זיין פריינטלעכקייט, פונקט ווי ער האָט זיך אַמאָל ווייניק איבערגענומען מיט זיינע אָנפאַלן. לעווי־קער איז גע־וואָרן מיד. זיי האָבן געוווינט אין דעם זעלבן קוואַרטאַל און גאַנץ אָפט פלעגן זיי זיך באַגעגענען. ביידע אָבער פלעגן מאַכן דעם אָנ־שטעל, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געקענט. קריסטאָף פלעגט נישט ווילנדיק אַ קוק טון אויף לעווי־קערן, ווי ער וואָלט אים לחלוטין נישט באַמערקט. דער דאָזיקער אופן פון איגנאָרירן אים, האָט שטאַרק אויפגעבראַכט לעווי־קערן.

ער האָט געהאַט אַ טאָכטער פון אַ יאָר אַכצן־צוואָנציק, אַ שיי־נע, אַ דעליקאַטע, אַן עלעגאַנטע, מיט אַ פּראָפיל פון אַן אומשולדיק שעפסעלע; זי האָט געהאַט גאָלדענע געקרייזלטע האָר, מילדע, שטי־פערישע אויגן און דעם שמייכל פון לויני. זיי פלעגן אָפט ביידע שפּאַצירן. קריסטאָף פלעגט זיי באַגעגענען אין די אַלעען פון לוק־סעמבורגער גאָרטן; זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, שטאַרק ליב געהאַט דאָס יונגע מיידל פלעגט זיך גראַציעז אָנשפּאַרן אויף איר פּאָטערס אָרעם. קריסטאָף, וואָס פלעגט, נישט געקוקט אויף זיין צעטראָגנ־קייט, אויפמערקזאַם ווערן אויף שיינע פּנימער, האָט געהאַט צו איר אַ שוואַכקייט. ער האָט געטראַכט וועגן לעווי־קער:

— ער האָט הצלחה!

ער פלעגט אָבער שטאָלץ צוגעבן:

— איך אויך, כ׳האָב דאָך אַ טאָכטער.

און ער פלעגט זיי פאַרגלייכן. דער דאָזיקער פאַרגלייך, וואָס איז, אַ דאַנק דער פּאַרטייאישקייט פון קריסטאָפן, שטענדיק אויסגע־פאַלן לטובת אוראָראַן, האָט גורם געווען, אַז אין זיין האַרצן זאָל זיך שאַפן אַ געוויסע אילוזאָרישע פריינטשאַפט צווישן ביידע מייד־לעך, וואָס האָבן זיך אפילו נישט געקענט. דאָס דאָזיקע האָט אים אומבאַמערקבאַר דערנענטערט צו לעווי־קערן.

בעת ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּאַריז, איז ער געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס „קליינע שעפסעלע" איז געשטאָרבן. אין דער ער־

שטער רגע האָט זיין פּאָטערלעכער עגאָיזם אים אונטערגערוקט דעם געדאַנק:

— ווי גוט, וואָס דאָס האָט נישט געטראָפן מיין טאָכטער.

און ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ גרויס רחמנות־געפיל צו לעווי־קערן. אין דער ערשטער רגע האָט ער געוואָלט שרייבן צו אים; ער האָט אָנגעהויבן צוויי בריוו, ער איז אָבער נישט געווען צופרידן. ער האָט געפילט אַ פאַלשע בושה. ער האָט די בריוו נישט אַוועקגעשיקט. אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער, בעת ער האָט ווי־דער באַגעגנט לעווי־קערן און דערזען זיין פאַרצערט, פינסטער פנים, האָט ער שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן: ער איז גלייך צו־געגאַנגען צום אומגליקלעכן און אויסגעשטרעקט צו אים ביידע הענט. לעווי־קער האָט, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך אפילו, זיי פעסט צוגעדריקט. קריסטאָף האָט געזאָגט:

— איר האָט זי פאַרלוירן!...

זיין גערירטער אַקצענט האָט טיף אַריינגעדרונגען אין לעווי־קערס האַרץ. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט צו אים אַ געוואַלדיקע דאַנק־באַרקייט... זיי האָבן אויסגערעדט אַ פּאָר ווייטיקפולע און כאַאָטישע ווערטער. בעת זיי האָבן זיך באַגעגנט, איז שוין מער גאָרנישט פאַר־בליבן פון דעם, וואָס ס'האָט זיי אַמאָל צעשיידט. זיי האָבן זיך באַקעמפט: דאָס איז געווען בלי־ספק פאַטאַל. הלוואי זאָל יעדערער אויספירן די באַפעלן פון זיין נאַטור! ערשט ווען מ'זעט דעם סוף פון דער טראַגי־קאָמעדיע, טוט מען זיך אויס פון די ליידנשאַפטן, מיט וועלכע מ'האָט זיך ביז איצט מאַסקירט — און אָט בלייבן שטיין איינער אַקעגן דעם אַנדערן צוויי מענטשן, איינער כמעט ווערט דעם אַנדערן, וואָס האָבן דאָס רעכט זיך צו געבן די הענט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעשפּילט זייערע ראָלן.

די חתונה פון זשאָרזש און אַוראַראַ איז באַשטימט געוואָרן אויף די ערשטע טעג פון פרילינג. קריסטאָפס געזונט-צושטאַנד האָט זיך שנעל פאַרערגערט. ער האָט באַמערקט, אַז זיינע קינדער אָבסערווירן אים מיט אומרויקע בליקן. אַנומלט האָט ער געהערט, ווי זיי האָבן שטילערהייט גערעדט. זשאָרזש האָט געזאָגט:

— ווי שלעכט ער זעט אויס! ער קאָן אַמאָל אויף אַן אמת קראַנק ווערן.

און אַוראַראַ האָט געענטפערט:

— הלוואי זאָל עס נאָר נישט גורם זיין אַ פאַרשפּעטיקונג פון אונזער חתונה!

ער האָט געוווּסט, וואָס ער האָט צו טון. אָרעמע קינדער! ער ועט, נאַטירלעך, נישט צעשטערן זייער גליק!

אַ טאָג פאַר דער חתונה האָט ער זיך זייער שלעכט געפילט, — (די לעצטע טעג האָט ער זיך צופיל איבערגענומען, פונקט ווי ער וואָלט געדאַרפט חתונה האָבן) — ער האָט זיך אויף אַזוי פיל באַנאַיישט, אַז ער איז אַוועקגעפאַלן אויף זיין אַלטער קרענק, אַן אַלטע לונגען-הולאת, וואָס אירע ערשטע סימפּטאָמען האָבן זיך נאָך באַוויזן אין די צייטן פון יאַריד. ער האָט זיך צעבייזערט אויף זיך אַליין. ער האָט זיך גוט אויסגעזידלט און געשוווירן, אַז ער וועט נישט אָפּטרעטן, ביז ער וועט נישט האָבן חתונה געמאַכט זיינע קינדער. ס'איז אים געקומען אויפן זכרון די שטאַרבנדיקע גראַציאַ, וואָס האָט אַ טאָג פאַר זיין קאָנצערט אים נישט געוואָלט מודיע זיין וועגן איר קראַנקהייט מחמת דעם, וואָס זי האָט אים נישט געוואָלט שטערן אין דער אַרבעט און קאַליע מאַכן זיין פאַרגעניגן. ער האָט אַ שמייכל געטון ביי דעם געדאַנק און זיך געפרייט, וואָס ער קאָן פאַר איר טאָכטער — פאַר איר אַליין — טון דאָסזעלבע, וואָס זי האָט אַמאָל געטון פאַר אים. ער האָט פאַרבאָרגן פאַר זיי זיין קראַנקהייט; מיט גרויס מי איז אים אָבער געלונגען אויסצוהאַלטן ביזן סוף. נישט געקוקט דערויף, האָט אים דאָס גליק פון זיינע קינדער געמאַכט אַזוי גליקלעך, אַז ער האָט מוטיק אויסגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון דער רעליגיעזער צערעמאָניע. ער האָט קוים באַוויזן צו קומען צו קאָלעט, ווען די כוחות האָבן אים פאַרלאָזן; ער האָט קוים געהאַט צייט צו פאַרשליסן זיך אין אַ צימער און איז געפאַלן חלשות. אַ דינער האָט אים געפונען אין אַן באַוווּסטלאָזן צושטאַנד. אַז ער איז

געקומען צו זיך, האָט ער פאַרווערט צו דערמאָנען עס דעם יונגן פאָר-פאָלק, וואָס האָט געזאָלט דעם זעלבן אָוונט אַרויספאָרן אויף דער חתונה-רייזע. זיי זענען צופיל געווען פאַרנומען מיט זיך, כדי עפעס אַנדערש צו באַמערקן. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אים אין אַ פריילעכער שטימונג און צוגעזאָגט אָנצושרייבן מאָרגן, איבערמאָרגן...

ווי נאָר זיי זענען אָפגעפאָרן, האָט קריסטאָף זיך געלעגט אין בעט אַריין. ער האָט באַקומען היץ, וואָס האָט אים שוין נישט אָפגעלאָזט. ער איז געווען איינזאַם. עמאַנועל האָט נישט געקאָנט קומען, וואָרום ער איז אויך קראַנק געווען. קריסטאָף האָט נישט אַרויסגערופן צו זיך קיין שום דאָקטאָר. ער האָט נישט געהאַלטן זיין צושטאַנד פאַר אַ געפערלעכן. ער האָט איבעריקנס נישט געהאַט קיין דינערין, וואָס זאָל אים ברענגען אַ דאָקטאָר. די פרוי, וואָס פלעגט קומען צו אים יעדן מאָרגן אויף צוויי שעה, האָט זיך ווייניק מיט אים אָפגעגעבן; ביז ער איז פטור געוואָרן פון איר. בעת זי פלעגט רוימען דאָס צימער, האָט ער זי טויזנט מאָל געבעטן, זי זאָל נישט רירן זיינע פאַפירן. זי האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי דאָס איריקע; איצט, ווען ער איז געווען צוגעשמידט צום בעט, האָט זי געהאַלטן, אַז ס'איז געקומען דער פאַסיקער מאָמענט צו טון, וואָס זי וויל. דורך דעם שפיגל פון דער שאַנק האָט ער ליגנדיק אין בעט, געזען, ווי זי דרייט אַלץ איבער מיטן קאָפ אַראָפ און מיט די פיס אַרויף. ער איז געוואָרן אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט — (דער אַמאָליקער מאַן איז אומבאַדינגט נאָך נישט געשטאָרבן אין אים) — אַז ער איז אַרויסגעשפרונגען פון בעט, אַרויסגעריסן איר פון די הענט אַ פאַק פאַפירן און כתבים און זי אַרויסגעוואָרפן הינטער דער טיר. אין רעזולטאַט דערפון האָט ער באַקומען שטאַרקע היץ, און די דינערין, אַ באַליידיקטע, האָט זיך שוין מער נישט אומגעקערט און צומאָל נישט מודיע געווען וועגן דעם דעם „אַלטן חסר-דעה", ווי זי פלעגט אים רופן. ער איז געבליבן איינער אַליין, אַ קראַנקער, אָן שום באַדינונג. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער זיך אויפהויבן, כדי צוצונעמען דאָס קריגל מילך, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער טיר, און זען, צי די הויז-וועכטערין האָט נישט אַמאָל אַריינגערוקט אין דער שפאַרע צווישן דער טיר און שוועל דעם צוגעזאָגטן בריוו. דער בריוו איז אָבער נישט אָנגעקומען: משמעות, זיי האָבן אָן אים פאַרגעסן אין זייער גליק. ער האָט נישט געהאַט צו זיי קיין שום טענה דערפאַר; ער האָט געטראַכט,

אַז ער אויף זייער אָרט וואָלט אויך געטון דאָס זעלבע. ער האָט געטראַכט וועגן זייער זאָרגלאָזער פרייד און וועגן דעם, אַז ער אַליין האָט גורם געווען זייער גליק.

ס׳איז אים געוואָרן אַ ביסל בעסער, און ער האָט שוין געהאַט בדעה אויפצושטיין פון בעט, בעת ס׳איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אַוראָראַן. זשאָרזש האָט זיך באַנוגנט מיט זיין בלויזער אונטערשריפט. אַוראָראַ האָט זיך ווייניק נאָכגעפרעגט אויף קריסטאָפן. זי האָט אויך ווייניק געשריבן וועגן זיך; דערפאַר האָט זי אים געבעטן, ער זאָל איר צושיקן אַ שאַל, וואָס זי האָט געהאַט פאַרגעסן ביי קלאָעט. הגם דאָס איז נישט געווען אַזאַ וויכטיקער ענין, — (אַוראָראַ האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם ערשט בעתן שרייבן, וואָרום זי האָט נישט געהאַט וועגן וואָס צו שרייבן) — איז קריסטאָף אַרויס אויסצוזוכן דעם געפאָדערטן שאַל, צופרידן, וואָס ער קאָן איר מיט עפּעס צונוץ קומען. ס׳איז געפאַלן אַ האָגל. דער ווינטער איז געווען אַ שווערער. דער שניי איז צעגאַנגען, ס׳האָט געבלאָזן אַן אייז־קאַלטער ווינט. אין ערגעץ האָט מען נישט געזען קיין דראָשקע. קריסטאָף האָט געוואַרט אין פּאָסט־אַמט. די אומהעפלעכקייט און די קריכעדיקייט פון די באַאַמטע האָבן אים שטאַרק אויפגעבראַכט; דאָס האָט אָבער לחלוטין נישט צוגעאיילט זיין ענין. אין אַ געוויסער מאָס האָט זיין שלעכטער געזונט־צושטאַנד גורם געווען די דאָזיקע אויסברוכן פון כּעס, וואָס זענען געווען אין אַ סתּירה מיט דער רויִקייט פון זיין גייסט. די דאָזיקע אויסברוכן האָבן אויפגעטרייסלט זיין קערפּער, ווי די לעצטע קרעכצן פון אַ דעמב, וואָס פאַלט אונטער די קלעפּ פון אַ האַק. ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים אַ פאַרקילטער. בעת ער איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך, האָט אים די הויזוועכטערין דערלאַנגט אַן אויסשניט פון אַ צייטונג. ער האָט קוים דערויף אַ בליק געוואָרפן. דאָס איז געווען אַ שלעכטער אַרטיקל, אַן אָנפאַל אויף אים. איצט פלעגט מען זעלטן אָנפאַלן אויף אים. ס׳פאַרשאַפט נישט קיין שום הנאה אָנצופאַלן עמעצן, וואָס נעמט זיך זייער ווייניק איבער מיט אייערע קלעפּ. זיינע פאַרביטערטסטע שונאים האָבן, נישט געקוקט אויף זייער שנאה, געפילט צו אים אַ געוויסן רעספּעקט, און דאָס האָט זיי טאַקע שטאַרק פאַרדראָסן.

— מ׳גלויבט, — האָט ביסמאַרק, ווי באַדויערנדיק, זיך מודה געווען — אַז די ליבע איז אַ געפיל, וואָס איז צום ווייניקסטן אָפּהענגיק

פון ווילן. דער רעספעקט איז אין אַ העכערער שטופע ווייניק אָפּהענ-
גיק פון ווילן...

אָבער דער מחבר פון אַרטיקל האָט געהערט צו די שטאַרקע מענטשן, וואָס זענען בעסער באַוואָפנט פון ביסמאַרקן און בעסער פּאַרפּאַנצערט קעגן די געפילן פון ליבע און רעספעקט. ער האָט זיך אויסגעדריקט וועגן קריסטאָפן אין מיאוסע, באַליידיקנדע רייד, און צוגעזאָגט אין צוויי וואָכן אַרום ווידער צו באַנייען זיינע אָנפאַלן. קריסטאָף האָט זיך צעלאַכט. ער האָט זיך געלעגט אין בעט אַריין, טראַכטנדיק אין האַרצן:

— אָ, וועט ער האָבן אַ מפּלה! דעמאָלט וועט ער מיך שוין מער נישט טרעפן ביים לעבן.

מ'האָט אים געבעטן, ער זאָל צונעמען אַ ווערטערין; ער האָט זיך אָבער עקשנותדיק אָפּגעזאָגט. ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט אַלעמאָל געלעבט איינזאַם, און אין אַזאַ מאָמענט איז די איינזאַמקייט דאָס איינציקע, וואָס ער באַגערט.

ער האָט זיך לחלוטין נישט געלאַנגווייליקט. אין זיינע לעצטע יאָרן פלעגט ער פירן לאַנגע געשפּרעכן מיט זיך אַליין, פּונקט ווי זיין נשמה וואָלט זיך צעטיילט אויף צוויי העלפטן; און זינט עטלעכע חדשים איז זיין אינערלעכע געזעלשאַפט שטאַרק געוואָקסן; נישט צוויי, נאָר צען נשמות זענען אין אים געווען. זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך; גאַנץ אָפט פלעגן זיי זינגען. ער פלעגט זיך באַטייליקן אין שמועס אָדער שווייגן, כדי זיך צוצוהערן צו זייערע רייד. ער פלעגט אַלעמאָל האָבן ביים בעט, אויפן טיש, אונטער דער האַנט, נאָטן-פּאַפּיר, אויף וועלכן ער פלעגט פאַרצייכענען זייערע און זיינע אייגענע רייד. אַ דאַנק אַ מאַכינאַלער געוווינהייט זענען ביידע האַנד-לונגען: דאָס דענקען און שרייבן, פאָרגעקומען ביי אים כמעט אין איין און דערזעלבער צייט. שרייבן איז געווען פאַר אים דאָס זעלבע, וואָס טראַכטן ביים פולן ליכט. אַלץ, וואָס האָט אים אָפּגעריסן פון דער חברותא פון זיינע נשמות, האָט אים געמאַטערט און אויפגעבראַכט. אין געוויסע מאָמענטן האָט ער אפילו נישט געקאָנט ליידן די גע-זעלשאַפט פון זיינע טייערסטע פריינט. ער האָט זיך ווי ווייט מעג-לעך באַמיט, עס נישט אַרויסצווייזן פאַר זיי; אָבער דער דאָזיקער צוואַנג האָט אים אויסערגעוויינלעך אויסגעמאַטערט. ער איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט זיך ווידער אַליין געפונען; וואָרום ער פלעגט

זיך פאַרלירן; ס׳איז אוממעגלעך געווען צו הערן די אינערלעכע שטי־מען אינמיטן די מענטשלעכע פּלוידערייען. אַ, געטלעכע שטילשווייַ־געניש!...

ער פלעגט בלויז דערלויבן דער הויז־וועכטערין, אָדער אירס אַ קינד, אַריינצופאַלן צו אים אַ צוויי־דריי מאָל אין טאָג און זען, צי דאַרף ער נישט עפּעס. דורך זיי פלעגט ער ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איבערשיקן בריוולעך צו עמאַנועלן.ביידע פריינד זענען כמעט איין און דערזעלבער צייט קראַנק געווען; זיי האָבן זיך נישט געזען. דורך פאַרשידענע וועגן האָט דער פרייער רעליגיעזער גייסט פון קריסטאָף און דער פרייער אַרעליגיעזער גייסט פון עמאַנועל, דערגרייכט די זעלבע מדרגה פון ברודערלעכער רוחיות. מיט דער הילף פון זייער ציטערנדיקער שריפט, וואָס זיי פלעגן לייענען וואָס אַמאָל מיט גרעסערע שוועריקייטן, האָבן זיי געשמועסט נישט וועגן זייער קראַנקהייט, נאָר וועגן דעם, וואָס עס איז אַלעמאָל געווען דער אָביעקט פון זייערע שמועסן, וועגן דער קונסט און וועגן דער צוקונפט פון זייערע אידעען.

ביז קריסטאָף האָט אַ געוויסן טאָג מיט דער זייער אָפּגעשמאַכ־טער האַנט אָנגעשריבן די רייד פון שוועדישן קעניג, בעת ער האָט געגוסטט אויפן שלאַכט־פעלד:

„Ich habe genug, Bruder; rette dich!"

(איך האָב גענוג, ברודער, ראַטעווע זיך).

זיין גאַנץ לעבן איז דורכגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן, ווי אַ שורה שטאָקן: די אומגעהייערע אָנשטרענגונג פון זיין יוגנט, צו געפינען דעם וועג צו זיך אַליין, די אַכזריותדיקע ראַנגלענישן אויסצוקעמפן ביי אַנדערע דאָס פשוטע רעכט צום לעבן און זיך צו באַפרייען פון די דעמאָנען פון זיין ראַסע. און אַפילו נאָכן נצחון האָט ער געדאַרפט בסדר וואַכן איבער זיין פאַרמעגן, כדי אים צו פאַרטיידיקן קעגן דעם נצחון גופא. די זיסקייט, די נסיונות פון דער פריינטשאַפט, וואָס האָט זיין האַרץ, דאָס פאַראייינזאַמטע אינם קאַמף, צוגעדריקט צום האַרצן פון דער גרויסער מענטשלעכער פאַמיליע. די שפע פון דער קונסט,

דער שפּיץ פון לעבן. די שטאָלצע הערשאַפט איבער זיין אויסגע־קעמפטן גייסט, דער באַלעבאָס פון זיין גורל, און מיטאַמאָל די באַגע־געניש מיט די אַפּאָקאַליפּטישע רייטער: דער טרויער, די ליידנשאַפט, די בושה, דער אַוואַנגאַרד פון האַר. אומגעוואָרפן, צעטראָטן פון די פערדישע קאָפּיטעס, שלעפּט ער זיך, פאַרגאָסן מיט בלוט, אַרויף צום שפּיץ, ווו צווישן וואָלקנס פלאַקערט אַ ווילד, רייניקנדיק פייער. פנים אל פנים מיט גאָט. דערנאָך דער קאַמף, ווי אַמאָל יעקב מיטן מלאך. אַ צעבראָכענער גייט ער אַרויס פון קאַמף. ער פאַרערט זיין מפּלה, ער פאַרשטייט זיינע גרענעצן, ער באַמיט זיך אויסצופירן גאָטס ווילן אין די גרענעצן, וואָס זענען אונז אָנגעצייכנט געוואָרן. און ענדלעך, בעת עס האָט זיך געענדיק די צייט פון אַקערן, זריעה און שניט, די צייט פון האַרטער און שווערער אַרבעט, האָט ער געהאַט דאָס רעכט זיך אָפּצורוען צופוסנס די זוניקע בערג און צו זאָגן:

„זייט געבענטשט! איך וועל נישט זוכה זיין צו זען אייער ליכ־טיקייט! אייער שאָטן איז מיר אָבער אויך זיס...״

דעמאָלט האָט זיך צו אים באַוויזן זיין הייס־געליבטע; זי האָט אים גענומען פאַר דער האַנט, און דער טויט האָט דורכגעבראָכן די גרענעצן פון זיין קערפּער און האָט איבערגעגאָסן די לויטערע נשמה פון זיין פריינדין אין דער נשמה פון פריינט. זיי זענען צוזאַמען אַרויס פונם שאָטן פון די טעג, און זיי האָבן דערגרייכט די גע־בענטשטע שפּיצן, ווו די פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפט, האַלטן זיך פאַר די הענט, און ווי די דריי גראַציעס טאַנצן זיי אין אַ קרייז, און דאָס באַרויקטע האַרץ זעט, ווי טרויער און פרייד ווערן גלייכצייטיק געבוירן, בליען אויף און שטאַרבן אין אַלגעמיינער האַר־מאָניע...

ער האָט זיך שטאַרק געאיילט, ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז שוין אָנגעקומען. אָבער די צוואַנגען, וואָס האָבן ווי אין קלאַמערן געהאַלטן צוגעפּרעסט זיין צאַפּלענדיקע ברוסט, און דער כאַאָטישער קנויל פון בילדער, וואָס האָבן געררישט אין זיין צעפּלאַמטן קאָפּ, האָבן אים דערמאַנט, אַז עס וואַרט אים נאָך אָפּ דער לעצטער, שווער־סטער עטאַפּ... פאָרויס!...

ער איז געלעגן צוגעשמידט צום געלעגער און נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר. אַ שטאָק העכער האָט עפּעס אַ נאַריש מיידל גאַנצע שעהן געגרימפּלט אויפן קלאַוויר. זי האָט אינגאַנצן געקענט

שפּילן איין שטיקל; זי פּלעגט נישט מיד ווערן איבערצוחזרן די זעל־בע פראַזן; זיי האָבן איר פאַרשאַפן אַזוי פיל פאַרגעניגן! זיי האָבן איר פאַרשאַפן פאַרשידנפאַרביקע און פאַרשידנגעשטאַלטיקע פרייד און עמאָציעס. און קריסטאָף האָט פאַרשטאַנען איר גליק; דאָס האָט אים אָבער אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט זיך אַזש צעוויינט. ווען זי וואָלט כאָטש נישט אַזוי שטאַרק געזעצט! דער טומל איז אין זיינע אויגן געווען אַזוי שרעקלעך, ווי אַ פאַרברעכן... סוף־כל־סוף האָט ער זיך מיאש געווען. מיט גרויס מי איז אים געלונגען מער נישט צו הערן. פונדעסטוועגן איז עס אים אָנגעקומען אַסאַך לייכטער, ווי ער האָט געטראַכט. ער האָט זיך דערווייטערט פון זיין קערפּער. פון דאָזיקן קראַנקן און שווערן קערפּער. וואָס פאַראַ חרפה צו זיין פאַרשלאָסן אין אים אַזוי פיל יאָרן! ער האָט באַטראַכט זיין חורבה און געקלערט:

— ער וועט שוין לאַנג נישט אויסהאַלטן.

ער האָט זיך געפרעגט, כדי אויסצופּרוּוון זיין מענטשלעכן עגאָיזם:

— וואָס וואָלסטו געוואָלט? צי דער זכר פון קריסטאָף, פון זיין פּערזאָן און נאָמען, זאָל פאַראייביקט ווערן — און זיין ווערק זאָל גיין פאַרלוירן? צי דיין ווערק זאָל דויערן אייביק און פון דיין פּערזאָן און נאָמען זאָל נישט פאַרבלייבן קיין שום שפּור?

ער האָט געענטפערט, נישט וואַקלענדיק זיך צומאָל:

— הלוואי זאָל איך פאַרלוירן גיין און מיין ווערק זאָל אייביק דויערן! איך וועל דערפון טאָפּלט געווינען: וואָרום ס'וועט פאַרבלייבן פון מיר דאָס אמתדיקסטע, דאָס עיקרדיקסטע. זאָל קריסטאָף אונטערגיין!...

אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער דערפילט, אַז זיין ווערק, — איז אים אַזוי גלייכגילטיק, ווי ער אַליין, ווי נישטיק און אילוזאָריש איז דער גלויבן אין דער דויערקייט פון זיין ווערק! ער האָט געזען נישט נאָר די נישטיקייט און קליינלעכקייט פון זיין ווערק, נאָר אויך דעם חורבן, וואָס איז באַשערט דער גאַנצער מאָדערנער מוזיק. די מוזיקאַלישע שפּראַך ווערט שנעלער, ווי עפּעס אַנדערש, פאַרברענט; נאָך איין אָדער צוויי הונדערט יאָר ווערט זי פאַרשטאַנען בלויז דורך יחידים. פאַר וועמען עקזיסטירן נאָך היינט מאָנטעווערדי און לולי? מאָך וואַקסט שוין היינט אויף די דעמבעס פון קלאַסישן וואַלד. אונ־זערע קלאַנגען־קאָנסטרוקציעס, ווו ס'זינגען אונזערע ליידנשאַפטן, וועלן

ווערן ליידיקע טעמפּלען און פאַרזינקען אין תהום פון פאַרגעסנקייט... און קריסטאָף האָט זיך געחידושט, וואָס דאָס בילד פון די דאָזיקע חורבות מאַכט אים לחלוטין נישט טרויעריק.

— אפשר האָב איך וויניקער ליב דאָס לעבן? — האָט ער זיך געפרעגט, אַ פאַרחידושטער.

באַלד האָט ער אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט עס צו שטאַרק ליב געהאַט... וויינען אויף די חורבות פון דער קונסט? נישט כדאי. די קונסט איז דער שאָטן פון מענטשן, געוואָרפן אויף דער נאַטור. זאָלן זיי צוזאַמען פאַרשווינדן, איינגעזאַפּט פון דער נאַטור! זיי פאַרשטעלן מיר די זון.

...אומגעהייערע אוצרות פון דער נאַטור גייען דורך און דורך אונזערע פינגער. די מענטשלעכע אינטעליגענץ וויל פאַנגען דאָס פליסנדיקע וואַסער אין נעץ. אונזער מוזיק איז אַ אילוזיע. אונזער קלאַנגען-גראַדאַציע, אונזערע גאַמעס זענען אויסגעטראַכט. זיי אַנטשפּרעכן נישט קיין שום לעבעדיקן קלאַנג. דאָס איז אַ קאָמפּראָמיס צווישן גייסט און די רעאַלע קלאַנגען, אַ צופּאַסונג פון מעטרישן סיסטעם צום באַוועגלעכן אין סוף. דער גייסט נויטיקט זיך אין דאָזיקן ליגן, כדי צו באַגרייפן דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט באַגרייפן; און ער גלויבט אין דעם, ווייל ער וויל גלויבן. דאָס איז אָבער נישט אמת. דאָס איז אָבער נישט לעבעדיק. און די תענוגים, וואָס די דורך אים געשאַפענע אָרדנונג פאַרשאַפט דעם גייסט, זענען דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס ס'האָט געפעלט די דירעקטע אינטויציע פון דעם, וואָס איז. פון צייט צו צייט טרעפט זיך, אַז אַ זשעני, אַנרירנדיק קוים די ערד, באַמערקט מיטאַמאָל דעםווירקלעכקייט-שטראָם, וואָס פאַרפלייצט די גרענעצן פון דער קונסט. די צוימען פּלאַצן. די נאַטור רייסט זיך אַרויס דורך דער שפּאַרע, אָבער אינגיכן ווערט די שפּאַרע ווידער פאַרשטאָפּט. דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק, כדי צו באַשיצן דעם מענטשלעכן שכל. ער וואָלט פאַרלוירן געגאַנגען, ווען זיינע אויגן וואָלטן זיך באַגעגנט מיט די אויגן פון יהוה. דעמאָלט הויבט ער אָן צו פאַרמויערן זיין קעמערל, וווּ קיין שום זאַך, חוץ דעם, וואָס ער אַרבעט אויס אַליין, דרינגט נישט אַריין פון דרויסן. און דאָס איז אפשר שוין פאַר די יעניקע, וואָס ווילן נישט קוקן... אָבער איך, איך וויל קוקן דיר גלייך אין פּנים אַריין, אָ יהוה! איך וויל הערן דעם דונער פון דיין שטים, אַפילו עס זאָל מיר אויסקומען צו גיין לאיבוד. דער גערויש פון דער קונסט

שטערט מיר צו הערן. שווייגן זאָל דער גייסט. שווייג מענטש!...

אָבער אין אייניקע רגעס אַרום נאָך די דאָזיקע שיינע רייד, האָט ער אָנגעטאַפּט מיט די פינגער אַ בלאַט פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן צעוואָרפן אויפן בעט, און געפרווט צו פאַרצייכענען אייניקע מוזיקאַלישע פראַזן. דעמאָלט האָט ער באַמערקט די סתירה. ער האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט צו זיך:

— אָ, מיין טייערע פריינדין, מוזיק, דו ביסט בעסער פאַר מיר. איך בין אַן אומדאַנקבאַרע בריאה, איך פאַרלאָז דיך. דו אָבער ווילסט מיך נישט פאַרלאָזן; דו לייגסט נישט קיין אַכט אויף מיינע קאַפּריזן. זיי מוחל, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז דאָס זענען משונהדיקע שטיק. איך האָב דיך קיינמאָל נישט פאַרראַטן, דו האָסט מיך אויך קיינמאָל נישט פאַרלאָזט, מיר זענען איינער זיכער אין אַנדערן. מיר וועלן צוזאַמען אַוועק, מיין פריינדין. בלייב מיט מיר ביז צום סוף בלייב ביי אונז...

ער האָט זיך נאָר-וואָס אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגן, פיבערדיקן קאָשמאַר. מאָד׳ע-אויסטערלישע חלומות האָבן זיך אים געחלומט. און איצט האָט ער זיך באַטראַכט, ער האָט זיך באַטאַפּט, געזוכט און זיך נישט געקאָנט געפינען. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז עפּעס „אַן אַנדערער". אַן אַנדערער, טייערער, ווי ער אַליין... ווער-זשע? אין חלום האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַן אַנדערער איז אַריין אין אים.

אָליוויער? גראַציאַ?... זיין האַרץ, זיין קאָפּ זענען געווען אַזוי אָפּגע־שוואַכט! ער איז שוין מער נישט בכּוח געווען זיך פונאַנדערצוקלייבן צווישן זיינע געליבטע. צו וואָס אונטערשיידן! ער האָט זיי אַלע גלייך ליב געהאַט.

ער איז געלעגן, פאַרליזשירט פון עפּעס אַ דערדריקנדיקער זיס־קייט. ער האָט זיך נישט געוואָלט רירן. ער האָט געוווּסט, אַז די יסורים לויערן אויף אים, ווי אַ קאַץ אויף אַ מויז. ער האָט זיך גע־מאַכט טויט. שוין... קיינער איז נישטאָ אין צימער. איבער אים איז דער קלאַוויר אַנטשוויגן געוואָרן. איינזאַמקייט. שטילקייט. קריסטאָף האָט אַ זיפץ געטון.

— ווי גוט עס איז ווען מען קאָן ביים סוף פון לעבן זאָגן, אַז מ'איז קיינמאָל אין לעבן נישט געווען איינזאַם, אפילו אין די איינ־זאַמסטע מינוטן!... אָ, נשמות, וואָס איך האָב באַגעגנט אויף מיין וועג ברידער, וואָס איר האָט מיר אויף איין רגע דערלאַנגט די האַנט, מי־סטעריעזע רוחות. קינדער פון מיין געדאַנק, טויטע און לעבעדיקע, —אַלע לעבעדיקע, — אַלץ, וואָס איך האָב ליב געהאַט און אַלץ, וואָס איך האָב געשאַפן! איר נעמט מיך אַרום מיט אייערע וואַרעמע אָרעמס, איר וואַכט איבער מיר, כ'הער די מוזיק פון אייערע שטימען. גע־בענטשט זאָל זיין דער גורל, וואָס האָט מיר אייך געשענקט! איך בין רייך, איך בין רייך... מיין האַרץ איז איבערגעפולט!...

ער האָט אַ קוק געטון אין פענסטער. איינער פון יענע וווּנ־דערבאַר־שיינע, נישט זוניקע טעג, וואָס זענען, ווי דער אַלטער באַל־זאַק דריקט זיך אויס, ענלעך צו אַ שיינער בלינדער פרוי... קריסטאָף האָט נישט אַראָפּגעלאָזט זיין אויג פון אַ צווייג, וואָס האָט אַריינגע־קוקט אין פענסטער אַריין, דער צווייג איז געווען אָנגעשוואָלן, זיינע פייכטע קנאָספּן האָבן געפּלאַצט און געקנאַקט, און קליינע, ווייסע בלימעלעך האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושפּראָצן; און אין די דאָזיקע בלומען, בלעטער, אינם גאַנצן וועזן, וואָס איז איצט אויפגעשטאַנען תּחית־המתים, איז געווען אַן אַ עקסטאַטישער דראַנג צו דער אויפוואַכנ־דיקער קראַפט, אַז קריסטאָף האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו פילן זיין מידקייט, זיין דערשלאָגנקייט, זיין עלנטן גוף, וואָס איז פּאַמעלעך אָפּגעשטאָרבן, און ער האָט אויפסניי אויפגעלעבט אין דעם צווייג פון בוים. ער האָט זיך געבאָדן אין די זיסע שטראַלן פון דאָזיקן לעבן. דאָס איז געווען, ווי אַ קוש. זיין האַרץ, איבערגעפולט פון

ליבע, האָט זיך איבערגעגעבן דעם שיינעם בוים, וואָס האָט גע־שמייכלט צו זיינע לעצטע רגעס. ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז אין דער רגע ליבן זיך ערגעץ ווו טויזנטער באַשעפענישן, אַז די רגע פון זיין גסיסה איז פאַר אַנדערע די רגע פון עקסטאַז, און אַזוי איז עס אַלעמאָל, און די מעכטיקע לעבנס־פרייד וועט קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט ווערן. און שטיקנדיק זיך, האָט ער מיט אַ שטים, וואָס האָט שוין מער נישט געהאָרכט זיינע געדאַנקען, — (אפשר איז קיין שום קלאַנג שוין מער נישט אַרויס פון זיין גאָרגל, ער האָט עס אָבער נישט באַמערקט), — האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען אַ הימן לכבוד דעם לעבן.

אַן אומגעזעענער אַרבעטער האָט אים געענטפערט, קריסטאָף האָט געזאָגט צו זיך:

— פון וואַנען ווייסן זיי? מיר האָבן דאָך נישט געהאַט קיין רעפּעטיציע. הלוואי זיי זאָלן דערגרייכן צום סוף אָן איין טעות!

ער האָט זיך געפּרוווט אַנידערזעצן, כּדי דער גאַנצער אָרקעס־טער זאָל אים גוט קאָנען זען, און מיט זיינע לאַנגע הענט האָט ער צוגעקלאַפּט צום טאַקט. דער אָרקעסטער האָט זיך אָבער נישט טועה געווען; זיי האָבן געוווסט, ווי צו שפּילן. וואָס פאַר אַ ווונדערבאַרע מוזיק! איצט האָבן זיי אָנגעהויבן צו אימפּראָוויזירן ענטפערס! קריי־סטאָפן האָט דאָס געווילט:

— וואַרט אַ ביסל, מיין ווילער! איך וועל דיך שוין פּאַקן.

און אַזוי האָט ער גערודערט און קאַפּריזנע זיך געוואָרפן מיט זיין שיפל, דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס, מאַכנדיק געפערלעכע פּאַסאַזשן.

— און ווי וועסטו זיך דערמיט אַן עצה געבן?... און דער־מיט... כ׳האָב דיך!... און דאָס?

זיי האָבן זיך אָבער שטענדיק אויסגעדרייט; אויף זיין חוצפה האָבן זיי געענטפערט מיט נאָך אַ גרעסערער חוצפה

— וואָס זיי קאָנען נאָך אַלץ אויסטראַכטן? חברה־לייט, קונדסים!..

קריסטאָף האָט געקלאַפּט בראַוואָ און שטאַרק געלאַכט.

— צו אַלדי רוחות! ס׳קומט מיר שוין אָן שווער זיי אָנצויאָגן! צי וועל איך מיך לאָזן גובר זיין?... געדענקט, מאַכט נישט קיין שפּאַס! כ׳בין היינט אַ ביסל נידערגעשלאָגן... ס׳שאַדט נישט! מ׳ווייסט נאָך נישט, ווער עס וועט האָבן דאָס לעצטע וואָרט...

דער אַרקעסטער האָט אָבער אַנטוויקלט אַזאַ וווּנדערבאַרע פאַנ־טאַזיע, ער האָט זיך צעלאָזט מיט אַזוי פיל נייע טענער, אַז ס'איז אים נישט פאַרבליבן עפּעס אַנדערש, ווי צו בלייבן הינטערשטעליק און צו הערן מיט אַן אָפן מויל. ס'האָט אַזש פאַרפעלט אָטעם... קרי־סטאָף האָט אַזש אָנגעהויבן רחמנות צו האָבן אויף זיך.

— שוטה אײנער, — האָט ער גערעדט צו זיך — דו ביסט אויסגעשעפּט. שווייג! דער אינסטרומענט האָט געטון אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט. כ'האָב שוין גענוג דעם דאָזיקן גוף! כ'וויל אַ נייעם גוף.

דער קערפּער האָט זיך אָבער נוקם געווען. אַ מוראַדיקער הוסט־אַטאַק האָט אים נישט געלאָזט הערן:

— וועסט שווייגן?!

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל, ער האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אין דער ברוסט, ווי אַ שונא, וואָס מ'דאַרף אים אומבאַדינגט מנצח צו זיין. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערזען אינמיטן אַ קאַמף. אַ צעברויזטער המון. עפּעס אַ פאַרשוין האָט אים געשטיקט אין זיינע אָרעמס. ביידע האָבן זיך צוזאַמען אַוועקגעקאָלערט. דער אַנדערער איז געלעגן אויף אים. ער האָט אים געשטיקט!

— לאָז מיך אָפּ, כ'וויל הערן!... איך וויל הערן! אַז נישט, מאַך איך פון דיר אַ תּל!

ער האָט געזעצט מיט זיין קאָפּ אין דער וואַנט. יענער האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט...

— ווער איז עס אָבער פאָרט? מיט וועמען ראַנגל איך זיך? וועמענס קערפּער נעם איך עס אַרום, וועמענס קערפּער בריט עס מיך אַזוי?..

אַ כאַאָס פון געשפּענסטער. אַ תּהו־ובוהו פון ליידנשאַפטן. משוגעת, הפקר, מאָרדלוסט, סאַדיסטישע, תּאוותדיקע אַרומהאַלזונגען. דער גאַנ־צער שליים פון סטאַוו אויף דער אויבערפלאַך, צום לעצטן מאָל..

— אַך! צי וועט זיך דאָס שוין קיינמאָל נישט ענדיקן? צי וועל איך אייך נישט פאַרטרייבן פון זיך, פּיאַווקעס, וואָס זויגן אויס מיין בלוט?... זאָל צוזאַמען מיט זיי אויך פאַרפאַלן ווערן מיין גוף!

מיט די פּלייצעס, היפטן און קני שליידערט קריסטאָף אַוועק אין אַ זייט דעם צונויפגעקנוילטן, אומגעזעענעם שונא... ער איז ענד־לעך פריי!... ערגעץ־ווו שפּילט נאָך אַלץ די מוזיק; זי דערווייטערט

זיך. קריסטאָף, באַגאָסן מיט שווייס, האָט אויסגעצויגן צו איר זיינע אָרעמס.

— וואַרט אויף מיר! וואַרט אויף מיר!

ער האָט גענומען לויפן, כדי זי צו דעריאָגן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען. ער האָט זיך איבערגעקערט אויפן וועג... ער איז געלאָפן אַזוי האַסטיק, אַז ער האָט נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט, דאָס בלוט האָט גערוישט אין די אויערן: אַ באַן־צוג, וואָס פאָרט דורך אַ טונעל...

— זאָל אים דער רוח כאַפּן, רבונו של עולם!

ער האָט געגעבן פאַרצווייפלטע צייכנס דעם אָרקעסטער, ער זאָל ווייטער נישט שפּילן אָן אים... געלויבט צו גאָט! אַרויס פון טונעל!... די שטילקייט האָט זיך צוריקגעקערט. ער האָט אויפסניי אָנגעהויבן צו הערן.

— ווי שיין! ווי וווּנדערבאַר! נאָך! קוראַזש, מיינע בחורים!... ווער־מענס קאָן דאָס אָבער זיין?... וואָס זאָגט איר? איר זאָגט, אַז דאָס איז זשאַן קריסטאָף קראַפטס מוזיק? גייט שוין! וואָס פאַראַ שטות! איך האָב אים, דאַכט זיך, געקענט! ער איז קיינמאָל נישט פעיק געווען אָנצושרייבן צען טאַקטן... ווער הוסט עס דאָרט ווידער? מאַכט נישט קיין ליאַרם! וואָס איז דאָס פאַראַ אַקאָרד?!... און דער?... נישט אַזוי ראַש! וואַרט!...

קריסטאָף האָט אַרויסגעלאָזט אומאַרטיקולירטע אויסגעשרייען, ער האָט געמאַכט מיט דער האַנט צייכנס איבער דער דעק, ווי ער וואָלט געשריבן; און זיין אויסגעשעפּטער מוח האָט מאַכינאַל נישט אויפגעהערט צו זוכן, פון וואָסערע עלעמענטן עס באַשטייען די דאָזיקע אַקאָרדן, און וואָס זיי זאָגן אָן. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט קיין עצה געבן: פאַר גרויס אויפרעגונג איז אים אַלץ געפאַלן פון די הענט. ער האָט אָנגעהויבן אויפסניי... אָך! דאָס איז שוין צופיל...

— וואַרט, וואַרט, כ׳קאָן שוין נישט מער... זיין ווילן האָט זיך צעשפּאַנט. קריסטאָף האָט פאַר גרויס הנאה צוגעשלאָסן די אויגן. טרערן פון גליק האָבן זיך געקייקלט איבער זיינע פאַרשלאָסענע וויעס. דאָס קליינע מיידל, וואָס האָט געוואַכט איבער אים, האָט זיי פרום און רחמנותדיק אָפּגעווישט. ער האָט גאָרנישט געפילט, וואָס עס קומט פאָר אַרום אים. דער אָרקעסטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ווייטיקפולע האַרמאָניע, וואָס איז פאַרבליבן

פאר אים אַ רעטעניש. דער איינגעשפּאַרטער מוח האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אַקאָרד? ווי דאַרף מען אים פאַרשטיין? איך וואָלט פונדעסטוועגן געוואָלט געפינען אַן אויסוועג, נאָך פאַרן סוף...

שטימען האָבן זיך אָנגערופן. אַ ליידנשאַפטלעכע שטים. די טראַגישע אויגן פון אַננאַ... אָבער אין דער זעלבער רגע איז דאָס שוין מער נישט געווען אַננאַ. אירע אויגן שטראַלן מיט אַזויפיל גוטסקייט...

— גראַציאַ, דו ביסט עס?... ווער פון אייך? ווער פון אייך? כ'זע אייך שוין נישט גוט... פאַרוואָס גייט די זון נאָך אַלץ נישט אויף?

דריי גלאָקן האָבן זיך שטיל פונאַנדערגעקלונגען. די וורובלעס האָבן געטשוויטשערט אין פענסטער און אים דערמאָנט די צייט, ווען ער פלעגט זיי געבן צו עסן ברעקלעך ברויט פון פרישטיק... קריסטאָף האָט אין חלום דערזען זיין קליין קינדער־צימער... גלאָקן קלינגען, — אַוודאי באַגינען! די וווּנדערבאַרע קלאַנגען־כוואַליעס פליסן אין דער דורכזיכטיקער לופט. זיי קומען פון ערגעץ ווייט, פון די דערפער, וואָס ליגן אונטן... דער גערויש פון טייך דערנענטערט זיך צום בוים... קריסטאָף, אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, קוקט אַרויס דורכן פענסטער אויף די שטיגן. זיין גאַנץ לעבן גייט פאַרביי זיינע אויגן, ווי דער רהיין. זיין גאַנץ לעבן, זיינע אַלע לעבנס, לואיזען, גאָטפריד, אָליוויער, סאַבינע...

— די מאַמע, די געליבטע, פריינד... ווי רופן זיי זיך?... ליבע ווו ביסטו? ווו זענט איר, מיינע נשמות? איך ווייס, אַז איר זענט דאָ, כ'קאָן אייך אָבער נישט כאַפּן.

— מיר זענען מיט דיר, פריידן מיט דיר, אונזער הייסגעליבטער!

— איך וויל אייך מער נישט פאַרלירן. איך האָב אייך אַזוי לאַנג געזוכט!

— האָב נישט קיין מורא! מיר וועלן דיך מער נישט פאַרלאָזן.

— ליידער! די כוואַליע טראָגט מיך אַוועק.

— די כוואַליע, וואָס טראָגט אַוועק, טראָגט אונז אויך מיט.

— וווּהין שווימען מיר?

— צום אָרט, ווו מיר וועלן דיך קאָנען פאַראייניקן.

— צי וועט דאָס אינגיכן געשען?

— גיב אַ קוק.

און קריסטאָף מאַכט אַ געוואַלטיקע, איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג אויפצוהייבן דעם קאָפּ, — (אָ, גאָט! ווי שווער ער איז געוואָרן!). — און דערזעט דעם אָנגעשוואָלענעם טייך, וואָס האָט פאַרגאָסן די פעלדער און געפלאָסן מאַיעסטעטיש, פּאַמעלעך, כּמעט אָן באַוועגונג. און פונם האָריזאָנט איז ווי דער גלאַנץ פון שטאָל אים אַנטקעגנגעקומען אַ מחנה זילבערנע כוואַליעס, וואָס האָט געצאַפּלט און וויברירט אין דער זון. דער געמורמל פון אָקעאַן... און זיין גוססדיק האַרץ האָט געפרעגט:

— איז דאָס ע ר ?

די שטים פון זיינע געליבטע האָט אים געענטפערט:

— דאָס איז ע ר .

דער אָפּשטאַרבנדיקער מוח האָט אַלץ בסדר געטראַכט:

— די טויערן עפענען זיך... אָט־אָ איז דער אַקאָרד, וואָס איך האָב אים געזוכט!... דאָס איז דאָך אָבער נאָך נישט דער סוף? וואָס פאַר אַ נייע האָריזאָנטן!... מאָרגן וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג אַריין.

אָ, וואָס פאַר אַ פרייד צו פילן, ווי מיר ווערן צערונען אין דער העכסטער רויקייט פון אויבערשטן, וואָס מיר האָבן זיך באַמיט אים צו דינען אין משך פון אונזער גאַנץ לעבן!..

— האַר. צי ביסטו שטארק בייז אויף דיין קנעכט? כ׳האָב אַזוי ווייניק אויפגעטון! כ׳האָב מער נישט געקאָנט טון... כ׳האָב געקעמפט, געליטן, געבלאָנדזעט, געשאַפן. לאָז מיך אָפּעטעמען אין דיינע פאָטערלעכע אָרעמס. ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען איך וועל ווידער געבוירן ווערן פאַר נייע קאַמפן.

און דער רוישנדער טייך און דער צעשטורעמטער ים האָבן געזונגען אינאיינעם מיט אים.

— דו וועסט ווידער מגולגל ווערן. רו דיך אָפּ. אַלץ אַרום דיר איז נישט מער ווי איין גרויס האַרץ. אַ שמייכל פון צונויפגעפלאָכטענע טעג און נעכט. אַ האַרמאָניע, אַ מאַיעסטעטישע פאַראייניקונג פון ליבע און שנאה! איך וועל באַזינגען דעם באַשעפער מיט די צוויי מעכטיקע פליגלען. אַ שבח דעם לעבן! אַ שבח דעם טויט!

דער הייליקער קריסטאָף איז אַריבער דעם טייך. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געגאַנגען קעגן דעם שטראָם. זיין אַטלעטישער קערפּער טויכט אַרויס, ווי אַ פעלזנשטיין פון די כוואַליעס. אויפן לינקן אָרעם אַ קליין און שווער קינד. דער הייליקער קריסטאָף שפּאַרט זיך אָן אויף אַ סאָסנע־שטעקן, וואָס בויגט זיך אונטער אים. זיין רוקן בויגט זיך אויך. די, וואָס האָבן געזען, ווי ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָבן געזאָגט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט אָנקומען, און אַ לאַנגע צייט האָבן אים באַגלייט זייערע געלעכטערס און הוזקמאַכערייען. דערנאָך איז די נאַכט צוגעפאַלן, זיי זענען מיד געוואָרן. איצט איז קריסטאָף צו ווייט, כדי עס זאָלן צו אים דערגרייכן די אויסרופן פון די, וואָס זענען פאַרבליבן אויפן ברעג. אינם גערויש פון שטראָם הערט ער בלויז די רויקע שטים פון קינד, וואָס האַלט אין האַנט אַ לאָק געקרייזלטע האָר פון ריז און האַלט אין איין איבערחזרן: „פאָרויס". — ער גייט פאָרויס, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, די אויגן פאַר זיך, געווענדט צום פינסטערן טייך, וואָס זיינע ברעגעס הויבן זיך שוין אָן אַרויסצושיילן.

מיטאַמאָל הויבט דער גלאָק אָן צו קלינגען, און ער וועקט אויף אַ סאַך אַנדערע גלאָקן. אָט איז דער נייער באַגינען! הינטער דעם שוואַרצן פעלזנשטיין גייט אויף אַן אומגעזעענע זון אין אַ גילדענעם אורעאָל. קריסטאָף, וואָס פאַלט שוין פון די פיס, דערגרייכט ענדלעך דעם ברעג. און ער זאָגט צום קינד:

— מיר זענען שוין אָנגעקומען! ווי שווער דו ביסט! קינד מיינס, ווער ביסטו?

און דאָס קינד ענטפערט:

— איך בין דער טאָג, וואָס גייט געבוירן ווערן.